STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04479

DI MIL OYFN BARG

M. Federgruen

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

MAX LEFKOVITZ

מ. פעדערגרין

די מיל אויפן בארג

F MAX LEFKOVITZ

נאָוועלן

פארלאַג „כוחות"

װארשע 1939

Printed in Poland

Drukarnia „Grafia", tel. 11.87-52.

מיינע אונפערגעסליכע ווישקאווער
זיידע-באבע משה קייב און פרידע
נעבע נשמתם עדן

בילד פון מחבר: פעליקס פרידמאן

הילע געצייכנט: א. נוסבוים און [illegible].
וועלטשער-שוויגער.

* * *

מ. פעדערגרין קאַן שיין דערציילן. זיין שפּראַך איז פּליסיק, פּאַלקסטימלעך און האָט אַן אייגנטימלעכן חן. אים איז אויך נישט פרעמד אַ פיינער הומאָר. אין דער דאָזיקער קליינער זאַמלונג נאָ־ ווען קערט ער זיך אום אין דער קליינשטעטלדיקער אַלטער היים, ווי אַ סך אונזערע יונגע שרייבער, וואָס האָבן נאָך אַלץ נישט גע־ פונען די פאָרם פאַר דעם נייעם קאָמפּליצירטן לעבן, וואָס גייט אויף אַרום אונז. דאָ, אין דער אַלטער היים, פאַרמאָגט ער אַ באַ־ זונדערע אינטימע וואַרעמקייט פאַר זיינע העלדן, וועלכע ער מאָלט מיט ליבשאַפט, — און נישט געקוקט דערויף, וואָס די אַלע העלדן זענען אונז שוין גוט באַקאַנט פון דער יידישער ליטעראַטור, גע־ לינגט אים אָבער צו געפינען נייע טענער, וואָס מאַכן אונז די דאָ־ זיקע העלדן ווידער אינטערעסאַנט.

בלויז אין דער דערציילונג „הכשרה" פּרוּווט מ. פעדערגרין באַרירן אַ נייע טעמע, און טאַקע באַזונדערס אין דער דערציילונג באַווייזט ער, אַז ער קאָן קודם־כּל שיין דערציילן און האָט מעגלעכ־ קייטן פאַר ברייטער דערציילונג.

אויף דעם דאָזיקן באַשיידענעם ביכל דערציילונגען איז באַ־ שערט אַריינצופירן דעם מחבר אין אונזער ליטעראַטור נישט ווי אַן איינמאָליקן גאַסט, נאָר ווי אַ תושב, וועט עס זיכער זיין אַ התחלה פון אַ שרייבער — אַ פאָלקסטימלעכן דערציילער.

שלמה שיינבערג

דער אויפגעקומענער

(דערציילונג)

אַ קאַלטע, ווינטיקע נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן שטעטל. די טעג זענען שוין געווען זוניקע און אויסגעלייטערטע. די בלאָטעס — האַלב־אויסגעטרוקנטע, די הויכע קופּעס שניי אויפן מאַרק האָבן זיך אונטער די זונען־שטראַלן פונם ניי־אָנקומענדיקן פרילינג שוין געשמאָלצן און זענען דורך צענדליקער וועגן געפלאָסן מיט אַ געפּילדער באַרג־אַראָפּ צום בויג.

בלויז די נעכט זענען נאָך געווען אײַזיק־קאַלטע און ווינטיקע. פון ווייס־פאַרפרוירענעם טײַך, וואָס איז געלעגן טיף אין טאָל אויסגעצויגן צווישן די הויכע ברעגן, ווי אַ לאַנגע זילבערנע שלאַנג, האָט געיאָגט אַ בייזער ווינט אויפן שטעטל. די קליינע הײַזלעך האָבן זיך געטוליעט איינס צום אַנדערן, ווי כּדי זיך צוזאַמען קעגנצושטעלן דעם בייזן, רײַסנדיקן פײַנט.

דער בויג האָט טרויעריק געקרעכצט. זײַן ווײַסער אײַזיקער פּאַנצער האָט כּסדר געפּלאַצט און גרויסע, שווימענדיקע שטיקער אײַז האָבן מיט טומל געריסן די שמאָלע הילצערנע בריק.

אינעווייניק, אין דער אַלטער אײַנגעהויקערטער מיל, אויפן סאַמע ראַנד פונם בויג־געסל, באַרג־אַראָפּ צום טײַך, איז געלעגן אײַנגעטוליעט אונטער זײַן דינער אויסגעריבענער קאָלדרע דער אַלטער שמואל־מאיר. ער האָט זיך געוואָרפן אין ברייטן פאַרשטויבטן בעט פון איין זײַט אויף דער אַנדערער, געשלעפּט די אויסגעריבענע, פאַרמעליקטע קאָלדרע אויף רעכטס און אויף לינקס און געפרוווט גוט אַרומהילן דעם אַלטן אויסגעאַרבעטן גוף. ער האָט אָבער בשום אופן נישט געקאָנט אײַנשלאָפן.

דער בייזער, וואָיענדיקער ווינט האָט אומאויפהערלעך גע-

ריסן דעם אַלט-פאַרגרינטן שינדל-דאַך פון ר' שלמה קאַשעמאַכערס מיל און יעדעס מאָל ווידער אַ וועק אויף געטון דעם שוין-דרימלענדיקן שמואל-מאיר. דער אַלטער האָט טיף אָפּגעזיפצט. ער האָט מיט זיינע רויטע, פאַרטריפטע אויגן געקוקט אין דער שוואַרצער פינסטערניש און האָט אין ערגעץ נישט געפונען אַ פּינקט, וווּ אָפּצורוען זיין מידן און טריבן בליק.

ער האָט שווער אַ זיפץ געטון און זיך איבערגעדרייט מיטן פּנים צו דער סטעליע. באַלד האָט ער אין דער טיפער שוואַרצקייט אַרום דערזען — זיך און זיין גאַנץ פאַרגאַנגען לעבן, אַרויסגעצויבערט ווי דורך אַ כּישוף.

אָט קומט ער צו ר' שלמה קאַשעמאַכער אַלס יונגערמאַנטשיק אַרבעטן. ער איז היימלאָז, פרעמד און הונגעריק... ער אַרבעט, וואַקסט אויף... האָט חתונה... ווערט אַ טאַטע פון קינדער... און דאָס לעבן שטייט נישט אויף איין אָרט. דאָס ווייב שטאַרבט... די קינדער צעפאָרן זיך איבער ימען און לענדער... ער בלייבט ווידער אַליין מיט דער מיל, מיט די זעק, מיט דער געלער שקאַפּע, וואָס דרייט די מיל... און אָט ליגט ער דאָ טאָג-איין, טאָג-אויס — און וואַרט ביז ער וועט איינמאָל...

פלוצלינג האָט ער דערשראָקן אַ ציטער געטון. עמעצער האָט לייכט אַ צי געטון ביי דער שווערער מיל-טיר. אַ קלאַפּ. צוערשט שטיל, דערנאָך אַ ביסל שטאַרקער, וואָס אַמאָל האַסטיקער, שנעלער, ווי עס וואָלט עמעצער זיך געוואָלט ראַטעווען פון אַ שרעקלעכן שונא, וואָס פאַרפאָלגט אים, וואָס יאָגט אים נאָך און אָט-אָט כאַפּט ער אים...

שמואל-מאיר האָט זיך האַסטיק געגעבן אַ זעץ אויף און דערשראָקן אַ קוק געטון דורך דער טיפער פינסטערניש, צו דער טיר צו.

נאָך קיינמאָל האָט ער נישט געהאַט אַזאַ פאַל. ווער קאָן עס איצט, אַזוי שפּעט ביינאַכט, קלאַפּן ביי אים אין מיל?... דאָס הייזל אַרום איז אָפּגעשלאָסן. בלויז די זייט פון באַרג, וואָס לויפט משופּעדיק אַראָפּ צום טייך, איז אָפן. אָבער ווער וועט עס איצט, ביי אַזאַ רייסנדיקן ווינט, קומען פון דעם משופּעדיקן באַרג אַרויפצוקריכן צו דער מיל?

דאָס קלאַפּן ווערט אַלץ האַסטיקער, אַלץ שטורמישער, אָבער שמואל-מאיר איז נישט קיין איבערגעשראָקענער, קיין בעל-פּחדן. ער האָט נאָך געגוג שטאַרקע הענט, זיך צו פאַרטיידיקן בעת אַ געפאַר. פאַרוואָס-זשע ציטערט ער עפּעס אַזוי? עפּעס לויפט אים דאָס האַרץ אַזוי האַסטיק, ווי אַ שרעקלעכער שונא וואָלט זיך געוואָלט אַריינרייסן צו אים אין דערדאָזיקער פינסטערניש און איינזאַמקייט און אים פאַרניכטן, פון אים אַ תל מאַכן...

אָבער וואָס איז ער — אַ קליין דערשראָקן ייִנגל? ניין, ער האָט פאַר קיינעם קיין מורא נישט.

ער האָט אַ כאַפּ געטון דאָס פאַרמעליקטע כאַלאַטל און איז האַסטיק אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט. ער האָט אָנגעצונדן דאָס ליכטל אויפן פאַרשטויבטן „מלינעק" און איז דרייסט צו צו דער טיר.

— ווער קלאַפּט עס?

פון יענער זייט טיר האָט זיך דערהערט אַ טרוקענער הוסט און דערנאָך אַ שטיל תחנונימדיק קול:

— עפנט, כ'בעט אייך, כ'בין אַ ייִד... לאָזט אַריין... כ'וועל שיער דערפרוירן... דער ווינט רייסט אַפּ דעם קאָפּ... עפנט, כ'בעט אייך...

שמואל-מאיר האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט. אַ ייִד... געלויבט צו גאָט... געמיינט עפּעס אַ גזלן, אַ רויבער. אַזאַ קלאַפּן אינמיטן דער נאַכט.

ער האָט אַ דריי געטון דעם סקריפּענדיקן שלאָס, אַ צי געטון דעם פאַרזשאַווערטן ריגל און ברייט אָן עפן געטון די טיר.

אַ פּייפנדיקער ווינט האָט זיך מיט אַ געבייזער אַריינגעריסן אין מיל און ווי אַריינגעטראָגן אויף זיינע פליגל עפּעס אַ יונג מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ האָר, אין אַ דין רעקל און אין הויכע אויסגעריבענע שטיוואַליעס. דער יונג האָט אומגעלומפּערט אַ גיי געטון אויף אַן אַרויסשטאַרצנדיקן זאַק תבואה און זיך אַ צי אויס געטון אין דער גאַנצער לענג אויף דער פּאָדלאָגע.

שמואל־מאיר האָט שנעל אַ פאַרמאַך געטון די טיר און איז צוגעלאָפן צום יונג.

— שטעלט זיך אויף. גיט אַהער אַ האַנט. אָט אַזוי... נאַט, זעצט זיך אויפן זאַק.

ער האָט אים געהאָלפן זיך אויפזעצן און מיט שרעק און שטוינונג באַטראַכט דעם אומבאַקאַנטן פרעמדן, וואָס איז עפעס ווי פון אונטער דער ערד אַרויס אַזוי פלוצלינג און שפעט ביינאַכט אויסגעוואַקסן ביי אים אין מיל.

דער יונג איז געווען הויכגעוואקסיק, האָט געטראָגן אַ בלויע פויערישע מאַטשעיוווקע מיט אַ לאַקירענעם דאַשעק, פון אונטער וועלכן עס האָבן זיך געזען בינטלעך שוואַרצע האָר פון אַ געדיכטער טשופּרינע. דאָס דינע רעקל איז געווען גרוי און אויסגעריבן און די גרויסע שטיוול מיט די לאַנגע כאָלעוועס זענען געווען שמוציק און פול מיט לעכער. עס האָבן דורך זיי אַרויסגעקוקט שוואַרצע פאַרבלאָטיקטע פינגער.

שמואל־מאיר האָט אַ נעם געטון דאָס ליכטל פון מלינעק, עס אָנגעטריפט אויף אַן איבערגעדרייטער באַליע צו נעבן די תבואה און ער האָט זיך צוגעזעצט נאָענט צום אומבאַקאַנטן.

דער יונג האָט אויסגעזען פון אַ [illegible]ר אַכצן און האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אמתן פויער פון דאָרף. שמואל־מאיר, וואָס איז אַזוי אויסגעקאָכט מיט די פויערים, זינט די לאַנגע יאָרן, וואָס ער אַרבעט אין מיל, האָט זיך בלויז געוואונדערט, פונוואַנען עס קומט צו אַ פויער, ער זאָל רעדן יידיש...

— ווער זענט איר? — האָט ער פאַרשנד געקוקט אויפן יונג.

— כ'בין אַ ייד, יעך זאָל אַזוי לעבן...

שמואל־מאיר איז אַ ביסל דרייסטער געוואָרן און איז אַריבער אויף דו.

— און פונוואַנען נעמסטו זיך עפעס פלוצלינג אַהער אינמיטן דער נאַכט?

דער יונג האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— כ׳בין אנטלאָפן, בין איך... כ׳גיי שוין אַ טאָג צייט צו־פוס, גיי איך...

— פונוואַנען ביסטו עס אַנטלאָפן?

— פון שעפּסלען מיט דער כּלבטע זיינער, אַ כאָליערע זאָל זיי נעמען...

שמואל־מאיר האָט שוין נישט געטראַכט מער וועגן שלאָפן גיין. ער איז פּלוצלינג, דורך אַ מאָדנעם צופאַל, אַריינגעצויגן געוואָרן אין עפּעס אַ משונהדיקער, אויסערגעוויינלעכער פּאַסירונג און ער איז מיטגעריסן געוואָרן מיט איר.

— פונוואַנען קומסטו אַהער?

— פון טשאַרני־סטאַוו ביים בוג.

— און ווער איז דער שעפּסל?

— אַ פישער איז ער, אַ פייער אין זיינע קישקעס אַריין. כ׳האָב געאַרבעט ביי אים פאַרן בלויזן קאָפּ עסן, האָב איך געאַרבעט...

— און ווו זענען דיינע טאַטע־מאַמע?

— ווו זאָלן זיי זיין? אין דר׳ערד זענען זיי... געשטאָרבן... אַ קיילעכדיקער יתום בין איך, אַ כאָליערע זאָל עס נעמען...

— און שעפּסל וואָס איז דיינס?

— גאָרנישט איז ער, אַ פרעמדער, ווינט אין זעלבן דאָרף... טאַטע־מאַמע געשטאָרבן, האָט ער מיך אַריינגענומען צו זיך. כ׳אַרבעט שוין ביי אים לאַנגע יאָרן, אַרבעט איך שוין... אַז טאַטע־מאַמע איז געשטאָרבן, בין איך נאָך געווען אָט אַזאַ קליין באַנימעניש, בין איך נאָך געווען.

— נו.

— האָט ער מיך פאַרן קאָפּ עסן און די אַלטע סוקמאַנעס אויף די ביינער איינגעשפּאַנט ווי אַ פערד צו דער אַרבעט. טאָג און נאַכט ליגט מען אויפן בוג אין די שמאָלע טשולנעס, מען שלעפּט די פולע סיטשן מיט פיש. ביי טאָג מוז מען לאַטען די סיטש, הענגען זי אויפן פּלויט צום טרוקענען, אַראָפּלאָזן אין וואַסער אַריין די קעסטלעך מיט די פיש, זיי זאָלן נישט פּגרן. און אַז אַלץ איז שוין אָפּגעטון, מוז איך מיך נאָך אַוועקזעצן ביים לאַנד

און פאַרוואַרפן אַ וועגדקע, אפשר וועט זיך מאַכן אַ פּאָר פלאַט־קעס. שפּעטער מוז איך נאָך מעלקן די קו, צוריקפירן זי פון דער לאַנקע און פירן דעם גניאַדע אָגער פּאָיען צום בוג.

שמואל־מאיר האָט געקוקט מיט מיטגעפיל אויף דעם יונג וואָס האָט אים שוין, אין איין מינוט כמעט, אַלץ דערציילט וועגן זיך, און אַ טיף מיטגעפיל האָט אים אָנגענומען צום פרעמדן יתום. ער איז דאָך אויך געווען אַ קיילעכיקער יתום און ער געדענקט נאָך גוט, ווי ער האָט געליטן ביי פרעמדע מענטשן.

ער האָט נערוועז אַ שלעפּ אַרויס געטון דאָס ביינערנע טאַבאַק־שקעטעלע פון קעשענע, האָט אַ צי אַראָפּ געטון דאָס דעקל פון פושקעלע און געטון אַ פעסטן זופּ מיט דער נאָז.

— נו, און עסן האָסטו כאָטש געהאַט גענוג?

— יאָ, גענוג... כ'האָב געגעסן קרענק מיט וויטיק. זיי, שאָפּס מיט כאַשקען, און די היכע רויזע, זייער טאָכטער, האָבן געגעסן ווי די פערד און גאָרנישט געטון, געכאָליעט ביז אַ שטיק אויפן טאָג... און איך האָב געאַרבעט. צו דעם אַלעם האָט מען מיך נאָך געשלאָגן...

שמואל־מאיר האָט דערפילט, ווי אין האַלז ווערט אים ענג און אַ וואַרעמע פייכטקייט צעגיסט זיך אים אַרום די אויגן־אַפּלען. ער האָט זיך נענטער צוגערוקט צום יונג און אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט.

— ביסט דאָך אַ געפרוירענער. קום, לייג זיך אויף די זעק, וועסט זיך צודעקן מיט מיין פלאַשטש.

דער יונג האָט זיך שווער אויפגעשטעלט און איז צוגע־קראָכן צום הויפן זעק ביי דער וואַנט.

— אוי, אַ כאָליערע, קוים וואָז איך גיי, כ'שפיר קיין פיס נישט.

— פונוואַנען קומסטו דען איצט?

— טאַקע פון טשאַרני־סטאַוו. כ'בין נעכטן ביינאַכט פון דאָרט אַנטלאָפן. אַלע זענען שוין געשלאָפן. כ'האָב מיטגענומען אַ שטיק ראַזעווע ברויט מיט הערינג און בין אַוועק...

— זיי וועלן דיך דאָרטן וואַשנע אַרומזוכן... וועסט זיי

דאַרט גוט פעלן, אַ ניכפּה אויף זיי — האָט שמואל־מאירן אַ חנאה געטון.

— אוי, וועל איך זיי פעלן, אוי, וועלן זיי מיך אַרומזוכן, זיי וועלן אַזש די כאָליערע קריגן.

שמואל־מאיר איז צו צו אַ ווינקל, האָט אַרויסגעשלעפּט אַ שטיק ברויט און אַ טעפּל קאַלטע מילך און עס אים דער־לאַנגט.

— נאַ, עס. מוזסט זיין הונגעריק. ווי הייסטו?

— פּישקע.

דער יונג האָט זיך אַ וואָרף געטון אויפן שטיק ברויט מיט די מילך, ווי אַ הונגעריקע חיה, און עס באַלד איינגעשלונגען. ער האָט זיך דערפילט אַ ביסל אויפגעפרישט, הייטערער און גע־וואָרן באַרעדעוודיק.

— איר הערט. כ׳גיי שוין אַזוי פון נעכטן ביינאַכט אָן. כ׳האָב געמיינט, אַז אָט־אָט ווער איך פאַרפרוירן.

— דורך וואַנען ביסטו דען אַהערגעקומען?

— וואָס הייסט דורך וואַנען? דורכן בוג. כ׳בין געגאַנגען איבערן פאַרפרוירענעם טייך. אין אַ סך ערטער איז דאָס אייז שוין דין און עס טרעשטשעט אונטער די פיס. אינמיטן טייך האָט דאָס אייז שוין געבירעט. כ׳האָב געמיינט, אָט־אָט זינק איך איין אין דר׳ערד אַריין...

— און ווי אַזוי ביסטו עפּעס פונקט אַהער פאַרקראָכן?

— כ׳האָב דערזען אַ כאַטע אויפן סאַמע עק באַרג, נאָענט פון לאַנד, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז כ׳בין שוין ערגעץ אין אַ דאָרף אָדער אַ שטאָט מיט מענטשן און כ׳בין מיט די לעצטע כוחות אַרויפגעקראָכן אויפן גליטשיקן באַרג און דאָ האָב איך דערזען אַ טיר.

שמואל־מאיר איז צו צו זיין בעטל און האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט.

— נעם, פּישקע, דעק זיך צו און שלאָף. שוין גוט שפּעט. מיין באַלעבאָס, שלמה קאַשעמאַכער, וועט שוין באַלד קומען אין

מיל אריין. מארגן איז א מארק און פויערים וועלן ברענגען תבואה צו מאלן.

ער האט אויסגעטון דאס רעקל און האט זיך שווער א לייג געטון אויפן בעטל.

א ווײַלע איז געוואָרן שטיל און רויִק, ווי עס וואָלט דאָ גאָרנישט פּאַסירט; שמואל־מאיר האָט זיך גוט אַרומגעדעקט מיט זיין אויסגעריבענער קאָלדרע און געשלאָסן די אויגן, אָבער באַלד האָט זיך דערהערט פישקעסקול:

— איר הערט, כ׳קאָן גאָרנישט שלאָפן, קאָן איך גאָרנישט. זאָלן זיי וויסן, זאָלן זיי...

— ווער?

— שאַפּס מיט דער כלבטע...

— האָסט זייער גוט געטון; נו, שוין, שוין, פישל, שלאָף! דער האָן וועט שוין באַלד קריִען.

פישל האָט זיך אומרויִק א דריי געטון אויף א זייט.

— כ׳האָב גוט געטון, אמת? זאָלן זיי וויסן, זאָלן זיי. אוי, וועט זי קלאָגן אויף איר פנים...

— ווער, — האָט שמואל־מאיר האַסטיק א פרעג געטון — ווער וועט קלאָגן?

— זי, דאָס טעכטערל. די חויכע רויזע מיט די בלאָנדע קידלעס...

שמואל־מאיר האָט זיך אומרויִק איבערגעדרייט אויפן געלעגער.

— פאַרוואָס? פאַרוואָס וועט זי עפּעס קלאָגן?

עס איז פיינלעך שטיל געוואָרן. שמואל־מאיר האָט זיך שנעל אויפגעזעצט אין בעטל און געפּרוווט דורכבויערן מיט זיין בליק די פינסטערניש, כדי צו קאָנען א קוק טון אויפן יונג. ער איז עפּעס אַזוי אומרויִק געוואָרן.

— פאַרוואָס, זאָגסטו וועט זי קלאָגן? הא?

דער יונג האָט זיך א ריר געטון, ער האָט א טיפן ציִ געטון מיט די נאָזלעכער, ווי עס וואָלט אים אויסגעפעלט לופט, דערנאָך האָט ער זיך פּלוצלינג געגעבן א זעץ אויף און רוגזא־

דיק אַ קלאַפּ געטון מיט דער האַנט אין אַ פול־געפּאַקטן זאַק גריקע.

— לאָז זיי כאַפּן די כאָליערע, לאָז זיי... פאַר אַלע מײַנע צרות האָב איך זיי באַצאָלט שוין אײנמאָל פאַר אַלעמאָל...

שמואל־מאיר האָט אַזש אַ געשריי געטון:

— וואָס האָסטו געטון, וואָס?

דער יונג האָט גערעדט ווי צו זיך אַליין, צײלנדיק יעדעס וואָרט:

— כ'האָב זי באַגראָבן, האָב איך זי... זאָל זי ליגן אין דר'ערד און קלאָגן אויף אירע יאָרן... אַזעלכע באַנדיטן. אַ גבורה פון אַ מויד!... זי האָט מיר שיער די אויגן אויסגעדראַפּעט, האָט זי מיר שיער... זי האָט געקוויטשעט ווי אַ געשאָסענער הונט, האָט זי געסקאָוויטשעט... דער הויכער סטאָלוואַן, און זיך געריסן פאַר די בלאָנדע קידלעס. זי וועט שוין האָבן פון מיר אײנמאָל אַ „פּאַמיאַנטקע"... אויף לאַנגע יאָרן... כי־כי... אַזעלכע באַנדיטן, אַזעלכע, אַ כאָליערע זאָל זיי...

ווי עס וואָלט אים ווער אונטערגעהויבן, האָט שמואל־מאיר געגעבן שנעל אַ שפּרונג אַראָפּ פון בעט.

— שטיל, לאָבוז, הפקר־יונג, — האָט ער ווי נישט מיט זײַן קול געשריגן, — האָסט געמאַכט אַ שוואַרצן מחק פון אַ יידישער טאָכטער, זאָל קומען אויף דיר אַן אויסרײסעניש, וולוטשענגע דו, פאַרשלעפּטע קרענק. זע נאַר, ווי דאָס רעדט זיך אַזוי זאַכטיטשקע, ווי ער וואָלט דאָ באַוויזן מי יודע וואָס פאַר אַ העלדישקייט, ווי ער וואָלט אָפּגעטון עפּעס אַ דבר טוב... דײַן געביין וועט זיך דאָ מער נישט זנײדעווען. האָסט אַ גליק, וואָס ס'איז איצט שטאָק־פינסטער אינדרויסן און דער ווינט רײסט אָפּ דעם קאָפּ, אַנישט וואָלט איך דיך שוין אַרויסגעטראָסקעט ווי אַ הונט, דו...

— אָבער ר' ייד, — האָט פישקע געפּרוווט ווידער צורעכטמאַכן שמואל־מאירס גוטע שטימונג צו אים, — זיי האָבן דאָך מיך שרעקלעך באַהאַנדלט. כ'האָב געאַרבעט ווי אַ פערד און נישט נעקריגן צו עסן, האָב איך נישט... פ'האָב...

— שטיל ! דער טייוול וואָלט דיך נישט גענומען, — האָט שמואל-מאיר נישט געוואָלט הערן. — כ׳אַרבעט אויך טאָג און נאַכט ; מען שטאַרבט נישט פון אַרבעט... כ׳זע שוין, וואָס פאַר אַ די- מענט דו ביסט. ליג און פּאָף. מאָרגן זאָל זיך דאָ מער דיין גע- ביין נישט זניידעווען... פאַרשלעפּטע קרענק...

פונדרויסן האָט זיך דערהערט אַ קריי פון אַ האָן. שמואל- מאיר איז צוריק צו צו זיין בעטל און זיך וואָרטשענדיק אַנידערגע- לייגט.

— געווען אַ נאַכט ביז טאָג... אַ משולחת אינמיטן דרינען... נבע, אַ מבין אויף דעם אַנשיקעניש ?... ר׳ שלמה וועט שוין באַלד קומען עפּענען די מיל. מאָרגן איז אַ מאַרק, ס׳וועלן אָנפאָרן פויערים און דאָ האָב איך נאָך קיין אויג נישט צוגעטון... אַ פאַר- שלעפּטע קרענק אין אַ מיטן מיטוואָך...

ער האָט זיך איינגענורעט אין בעטל און זיך געפּרוווט אַרומדעקן מיט זיין אויסגעריבענער קאָלדרע. פון זאַק, ווו דער יונג איז געלעגן, האָט זיך איבער דער מיל צעטראָגן אַ הויך כראָפּען ; דורכן דאַך-פענסטערל פון מיל האָט אָנגעהויבן אַריינ- צוגרויען אַ קאַלטער טונקעלער באַגינען.

2

עס איז געווען עטלעכע טעג נאָך פּישקעס קומען. איבערן שטעטל האָט זיך צעלייגט אַ ליכטיקער פרימאָרגן. דער שניי אי- בערן פאַרפרוירענעם בויג האָט זיך געשפּיגלט אין דער העלער פרי-יאָר-זון און האָט געשימערט מיט טויזנטער פינקלדיקע פייערלעך.

אויפן ברייטן פירעקיקן מאַרק האָט זיך צעשטעלט אַ גרוי- סער יריד. צענדליקער פויערישע פערד-און-וועגענער, וואָס זענען אָנגעקומען פון אַלע דערפער, האָבן פאַרשטעלט דעם מאַרק און אַלע געסלעך אַרום.

אין מיל ביי ר׳ שלמהן איז געווען טומלדיק און שטויביק.

דאָס פערד האָט כּסדר געדרייט דאָס גרויסע מיל־ראָד מיט די לאַנגע הילצערנע ציינער. אַלע מיל־מאַשינען האָבן היין געקלאַפּט און פּויערים האָבן זיך געשטויסן אַרום מאַל־קאַרב און געשיט באַנעצטע קערנדלעך גריקע אין די וואַלצן אַריין.

ר׳ שלמה קאַשעמאַכער האָט אַכטונג געגעבן, אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג.

— שמואל־מאיר! דער סקיסעווער ערל האָט שוין משלמט מאָל־געלט? זיי רואה! יאַסטזשעמביאַק פון ברייגנטשיק שלעפּט עפּעס צופיל זעקלעך אויפן וואָגן אַרויף. ע, פּישקע, וואָס שלאָפסטו, יאָג אונטער די קאָבילע. נאַ, גיב נאָר אַ נעם דאָס זעקל גריטשע־מעל אויפן וואָגן אַרויף. שנעלער, ריר זיך.

דער יונג איז נאָך נישט געווען גענוג אויסגערוט און אויסגעשלאָפן פון אַזאַ לאַנגער צופוס־רייזע, אָבער כּוח האָט ער געהאַט ווי אַ פּויער. ער האָט געהויבן די זעק תּבואה אויף די פּויערישע וועגענער, ווי לייכטע שפּענדלעך.

ר׳ שלמה איז געווען איבערראַשט פון זיין גבורה און פלינקייט. ער האָט אים ליבלעך געקלאַפּט איבער די פּלייצעס.

— אַרבעט! אַרבעט, פּישל! וועסט ביי מיר ווערן אַ לייט.

ער האָט אים באַלד פון דער ערשטער מינוט אָן גינציק געקריגן, ווי נאָר ער האָט אים דעם ערשטן פּאַרטאָג דערזען אַ שלאָפנדיקן אויף די זעק.

זיין הויכער וווקס, זיין גבורה, וואָס האָט געשפּראָצט פון אים, און זיין מענלעכער שטעל, האָט אים איבערראַשט און שטאַרק הנאה געטון. ער וועט איצט האָבן אַ ריכטיקן מענטש אין מיל. שמואל־מאיר איז שוין אַלט. ער איז נאָך אפילו גאַנץ זשוואַווע און נעמט נאָך לייכט אַ קערצל גריקע אויף די פּלייצעס, אָבער ס׳איז דאָך נישט פּישקע. אָהאָ, דאָס איז שוין איינמאָל אַ ריז, אַ יונג — אַ דאָמב.

שמואל־מאיר האָט פּלוצלינג מיט ווייטיק דערפילט, אַז ער ווערט אַן איבעריקער, אַז ער גייט אַראָפּ פון פּלאַץ. ביינאַכט האָט ער נישט געקאָנט איינשלאָפן אויף זיין אייזערן בעטל.

— אָהאָ, כ׳בין שוין אָפּגעטאָרן. כ׳גיי אַראָפּ פון מאַרק...

דער יונג וועט מיך שוין צום רעשט צודישען... אַליין אַריינגענומען אַ מלאך-המוות אויף זיך.

ער פלעגט אַזוי אָפליגן גאַנצע נעכט און נישט געקאָנט פון עגמת-נפש איינשלאָפן.

פישקע איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ מער האָפּערדיקער און זעלבסטזיכערער. אַ געשמייכלטער פון ר׳ שלמהס כסדרדיקע לויב-ווערטער אויף זיין אַדרעס, אַ כסדר באַוווּנדערטער צוליב זיין גבורה און מענערישקייט, האָט ער, ווי יעדער פרישאויפגעקומענער, פראָסטער נפש, באַלד פאַרגעסן, וואָס און ווער ער איז נאָך נעכטן געווען, אַז אַ פריינטלעכע האַנט האָט אים אין אַ קאַלטער נאַכט אַ טיר געעפנט און אים דערלאַנגט ברויט און אַ געלעגער.

ער האָט בלויז געדענקט, אַז ער איז שטענדיק געווען אונטער דער בייטש פון שעפסל פישער מיט זיין ווייב, אַז ער איז שטענדיק געווען געפלאָגט און אויסגענוצט, און ער האָט פּלוצלינג דערפילט אין זיך אַ באַהאַלטענע זיסע תּאווה זיך דיראַזיקע עוולה ביי עמעצן אָפּצונעמען, זיך אין עמעצן, אין אַ שוואַכערן פון אים, נוקם צו זיין און צו לאָזן יענעם פילן זיין דערוואָרבענע מאַכט.

איינמאָל, איז אַ מאַרק-טאָג, בעת עס זענען זיך אָנגעפאָרן מענגעס פויערים און אין מיל איז געווען אַ סך אַרבעט, האָט פישל, כאָטש קיינער האָט אים נישט געהייסן, זיך אַליין אײַועקגעשטעלט אויף שמואל-מאירס אָרט און גענומען קאָמאַנדעווען:

— שמואל-מאיר! גיט נאָר אַ פאָסטראַשע די קאָבילע. שנעלער, ז׳עט אַנטשלאָפן ווערן. אַ סוף, גראַבלט זיך נישט, די אַרבעט ברענט, שנעלער...

אַליין איז ער געשטאַנען הויך ביים זאַק תּבואה, האָט געשיט פולע שיפלעס אין מאָל-קאָרב, האָט אַכטונג-געגעבן, אַז די וואַלצן זאָלן נישט צו שטאַרק רייבן און דער עיקר — געהאָלפן ר׳ שלמהן האַלטן אַן אויג אויף די פויערים.

— באַלעבאָס! דער יונגער שטשערבינסקי פון קאַמעטשיק האָט דאָך נאָך נישט משלמט פאַר דער קאַשע. ער מאַכט זיך

געפּגרט, מאַכט ער זיך... כ'גיי צוג'אים צו, דריי איך אים אַרויס אַ פוס פון תחת... דריי איך אים אַרויס.

ביינאַכט פלעגט שוין איצט פישל שלאָפן אין מיל אויף אַ לאַנג אייזערן בעט, צוגעדעקט מיט אַ ברייטן, וואַרעמען קאָץ און האָט גאַנצע נעכט געהאַלטן אין איין זירלען דעם אַלטן שמואל־מאיר.

— הערט אויף צו הוסטן, שמואל דרייער! כ'קאָן דאָך קיין אויג נישט צוטון, קאָן איך דאָך נישט. גייט, קריכט אַרויף אויפן בוידעם, אַנישט וועל איך אייך כ'ווייס וואָס טון, וועל איך אייך...

3

ס'איז געווען אַ שבת נאָכמיטאָג. אַ רייפער זומער האָט גע־קיניגט איבער דער ערד און אַ הייסע גאָלדענע זון האָט געשיט מיט אַ שפע פון וואַרעמקייט און ליכט.

איבערן זון־צעשטראַלטן שטעטל איז געלעגן אויסגעגאָסן אַ הייליקע רויִקייט, אַ שבתדיקע מנוחה. אַלע גע'זעלבער זענען גע־ווען פאַרהאַקט אויף די אייזערנע פּרענטן. די לאָדנס פון די שטובן זענען געווען האַלב־צוגעלענט. דער עולם האָט נאָכן שבתדיקן טשאָלנט געכאַפּט אַ געשמאַקן דרימל. אויף טייל בריקלעך פאַר די פאַרמאַכטע געווילבער זענען געזעסן יונגע ווייבלעך און על־טערע יידענעס מיט ברילן אויף די נעזער און באַהאַרצט געלייענט הויך אויפן קול פון טייטש־חומש די סדרה פון דער וואָך: „אוי, און דער רבינו בחיי זאָגט, אַז לעתיד לבוא, וועלן אַלע צדיקים... אַזוי ווי שלמה המלך זאָגט אין משלי...״

די טראָטואַרן און די לאַנגע הילצערנע בריק איבערן טייך זענען געווען פול מיט יונגעלייט און כלה־מיידלעך, וועלכע האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט פאַרשעמטע בליקן און זיך מיט אומ־רויִק־קלאַפּנדע הערצער געלאָזט אין סקיסעווער וואַלד אַריין.

אויפן מיטן מאַרק האָבן חדר־יינגלעך געשפּילט אין „קאַ־

מער־קאַמער־טיר" און דער שטאָטישער באָק מיט זיין לאַנגער קאָזע־באָרד איז געלעגן צעלייגט ווי אַ פריץ ביים גרויסן פלוטפ אויפן מאַרק און מנוחהדיק געמעלה־גרהט.

דער אַלטער שמואל־מאיר האָט זיך שוין געהאַט איבערגע־וועקט פון זיין שבתדיקן נאָכמיטאָג־דרימל אויף זיין בעטל אין מיל. ער האָט זיך הויך צעגענעצט און פאַרשלאָפן און פויל צע־צויגן די גלידער, דערנאָך האָט ער אַרויפגעצויגן אויף זיך די אַלטע קורטקע און איז אַריין אין שטאַל צום פערד.

די בידנע קאָבילע האָט אויך געפילט אויף איר ברוינעם אויסגעמאַטערטן גוף, אַז עס איז שבת אויף דער וועלט. זי איז מנוחהדיק געשטאַנען איבערן זשלויב און זאַכט געקייעט דעם אָבראָק, האָבער מיט שעטשקע אויסגעמישט, וואָס שמואל־מאיר האָט איר נעכטן צוגעגרייט לכבוד שבת. שמואל־מאיר האָט איר פריינטלעך אַ גלעט געטון איבערן דאַרן, אויסגעריבענעם רוקן, דאַן האָט ער געעפנט די טיר און זי אַ טרייב געטון אינדרויסן אַרויס. דאָס יידישע פערדל האָט שוין געוווּסט, וואָס דאָס באַדייט, אַז עס גייט צום בוג געבן אַ טרונק.

עס איז געגאַנגען פאַמעלעך, מיט קליינע, געמאָסטענע טרי־טעלעך און מיט אַן אַראָפגעלאָזענעם קאָפּ. הינטערן פערדל איז געגאַנגען שמואל־מאיר אין זיין אַלטער קורטקע מיטן שבתדיקן סאַמעטענעם היטעלע, וואָס איז שוין געווען גרין פון אַלטקייט, און די הענט פאַרלייגט אויף הינטן. ער האָט אונטערגעברומט אַ חסידיש ניגונדל און פון צייט־צו־צייט געטון אַ בהרחבהדיקן שמעק פון זיין ביינערן טאַבאַק־שקעטעלע.

שמואל־מאיר האָט רויִק געוואַרט, ביז די קאָבילע האָט זיך אָנגעטרונקען, זיך אונטערגעטויכט און דערנאָך האָבןביידע זיך געלאָזט צוריק אַהיים.

ר׳ שלמה קאַשעמאַכער איז שוין געהאַט אויפגעשטאַנען פון שבתדיקן נאָכמיטאָג־שלאָף און ער איז אין אַ געבלימטן ציצענעם שלאַפראָק און אין סאַמעטענעם קאַפּל אויפן קאָפּ געזעסן ביים פענסטער און הויך געלערנט פרק.

פונדערווייטנס ביי דער בריק איז געשטאַנען פישקע, אַן

אויסגעפוצטער אין עסיק און אין האָניק, און האָט געשמועסט מיט עטלעכע חברים, וועלכע ער האָט זיך שוין באַוויזן איינצושאַפן. ער האָט געטראָגן אַ גרוי רעקל מיט לאַנגע געקעסטלטע הויזן, נייע שטיוול מיט הויכע גלאַנציקע כאַליעוועס און אַ ברייט ציקליסטן-היטל מיט אַ גרויסן לאַקירענעם דאַשעק.

שמואל-מאיר האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר שלמה קאַשעמאַכערס פענסטער.

— גוט-שבת, שלמה. זע נאָר, ווי דער יונג האָט זיך אויסגעפוצט ווי אַ שגץ. נאָר אים אין דער טרומנע אַריינצולייגן.

שלמה קאַשעמאַכער האָט איבערגעריסן דאָס לערנען און אַ קוק געטון צום יונג.

— ניי, לאָז אים לויפן, שמואל-מאיר. ער אַרבעט אַ גאַנצע וואָך ווי אַ פערד, לאָז ער זיך שבת אויספוצן.

— אָבער ער באַהאַנדלט מיך גראָב און פאַרביטערט מיר דאָס לעבן, — האָט ער טרויעריק אַ זאָג געטון. — פונקט אַזוי ווי ער וואָלט מיך אויס רחמנות אַריינגענומען אין מיל און נישט איך — אים. ער רעדט אַזוי צו מיר, פונקט ווי ער וואָלט געווען מיין באַלעבאָס און איך וואָלט שוין דאָ געווען אַן איבעריקער...

שלמה קאַשעמאַכער האָט מיטפילנד אַ קוק געטון איבער די ברילן אויף שמואל-מאירן און האָט אַרויפגעלייגט אַ רויטע פאַטשיילע אויפן ספר.

— נו, לאָמיך שוין געמאַך, שמואל-מאיר, — האָט שלמה מיטפילנד און פריינטלעך אַ זאָג געטון. — דו רעדסט שטותים. דו ביסט דאָ נישט קיין איבעריקער מענטש. האָסט ביי מיר דיינע אַלע יאָרן טריי און ערלעך אָפּגעאַרבעט. מירביידע זענען שוין אויף דער עלטער. ווען דו ביסט אָנגעקומען צו מיר, זענען מיר נאָך ביידע געווען יונגעלייט. פאַרפאַלן, אַזוי איז שוין די וועלט, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן — דור הולך ודור בא והארץ לעולם עומדת... קאָנסט עסן ביי מיר דיין שטיקל ברויט און האָבן דעם דאַך איבערן קאָפּ אויך אָן אַרבעט. האָסט שוין גענוג אויסגעאַרבע-

צעיועט דיינע ביינער. פישקע איז יונג, האָט כּוח ווי אַ פערד, לאָז ער אַרבעטן.

שמואל־מאיר האָט טרויעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— ניין, שלמה, איך וויל נישט זיין אויף קיין חסד־ברויט. איך בין שוין טאַקע אַלט, אמת; פישקע איז נאָך יונג און געזונט ווי אַ פערד, אָבער איך קען נאָך און וויל נאָך אַרבעטן. איך וויל נישט, אַז פישקע זאָל ווערן מיין אויבערהאַר. בשום־אופן נישט. הערסט, שלמה? איך אָדער ער. אים איבערמאַכן וועט שוין קיינער נישט, ער איז אַ גראָבער נפש. אָדער ער ווערט אויסגעריסן און געפייניקט פון יענעם, אָדער ער פייניקט אַן אַנדערן. קיין אַנדערער אופן איז ביי אַזאַ בריאה נישט מעגלעך.

— אָבער, שמואל־מאיר, וואָס טוט זיך מיט דיר, — האָט ר׳ שלמה אים איבערגעריסן, — ביסט דאָך אינגאַנצן געוואָרן עפּעס אַן אַנדערער מענטש, פון דיר רעדט דאָך אַרויס אַ שרעקלעכע שנאה. ס׳איז דאָך גאָרנישט מעשה ייד. נאַ זע, וואָס אונזערע חכמים זאָגן אין „אָבות“ — „הקנאה והתאוה והכבוד“...

שמואל־מאיר האָט אומגעדולדיק און אומוויליק אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

— לאָז מיך געכאַך, שלמה, אַזוי קאָן עס ווייטער נישט גיין. בשום־אופן נישט. אָדער איך אָדער ער. אַ גוטן שבת!

ער האָט אַ יאָג געטון די קאַפּילע, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אינמיטן גאס מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געוואָרט אויף אים, און איז אַוועק אין מיל אַריין.

* *

*

פאַרנאַכט, ווען די זון האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּצולאָזן צו מערב־זייט און דער גאַנצער הימל־ראַנד לענגאויס דער אייזערנער בריק און דעם סענאַטאָרס סאָד איז געווען איינגעטונקען אין אַ ים פון פאַנטאַסטישע קאָלירן — פון פלאַמיקן בראָנז, העל־ראָז און טונקעלן קופּער, ביז צום העלן גאָלד און בלוט־רויט, — האָט שמואל־מאיר אַ געם געטון זיין שטיקל חלה מיט הערינג, וואָס ער

האָט זיך געחאַפּט אָנגעגרייט צו שלוש־סעודות. און איז אַוועק אין גרויסן בית־המדרש אַריין אַרויסבאַגלייטן די שבת מלכתא מיט אַ דריטער סעודה און מיט בענטשן „רצה".

אַרום די גרויסע, לאַנגע בית־המדרש־טישן זענען געזעסן שטעטלשע יידן, איינגעהילט אין דער פייערלעכער טונקלקייט פון שבת בין־השמשות, ווען דער הייליקער רו־טאָג גייט אַוועק און לאָזט איבער נאָך זיך אַזאַ פאַרבענקטקייט און אַן אָנזאָג פון אַ טרויעריקער וואָכעדיקייט, און האָבן זיך פאַרדבֿקהט איינגעהערט אין שטילן, באַהאַרצטן זאָגן פון ר' חיים שיע מלמד. ער האָט פאַר די אַרומזיצנדע אויסגעטייטשט און מסביר געווען דעם זין פון „הבא להרגך השכם להרגו" (אַז איינער קומט דיך הרגענען, זאָלסטו אים פריער הרגענען). שמואל־מאיר האָט אויטאָמאַטיש געקייעט דאָס שטיקל חלה מיט הערינג און האָט זיך פרום מיטגעשאָקלט מיט די אַרומזיצנדע יידן.

— די הייליקע תורה איז גערעכט, — האָט ער צופרידן בײַ זיך געטראַכט. — וואָס דען, זיך לאָזן פון יענעם הרגענען?... עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דאָס מיינט מען טאַקע אים און פישקען... די יידישע תורה איז אַן אמתע תורה, אַ תורת חיים. זי ווייזט שטענדיק אָן דעם מענטש דעם ריכטיקן וועג... וואָס דען? זיך לאָזן פון יענעם אומברענגען?... אַזוי לאַנג כאַלעיעט ער, דער פויערים־יונג, ער קען דאָך צומאָל קיין שטיקל עברי נישט...

נאָך מעריב און הבדלה איז שמואל־מאיר אַוועק צו שלמה קאַשעמאַכער אין שטוב זאָגן גוט־וואָך און טרינקען אַ גלעזל טיי.

ר' שלמה האָט הויך געזאָגט „המבדיל" און צוגעלייגט דעם טלית. נעכע, ר' שלמהס ווייב, האָט אַוועקגעשטעלט די שבתדיקע לייכטער און אַראָפּגענומען דאָס ווייסע טישטוך פון טיש. אַ שכנטע איז אַרײַנגעקומען מיט אַ שטילן „גוט־וואָך" און ווי פאַרשעמט געבעטן אויף דער פולער וואָך אַ האַלבן קוואַטירל דינע היידלעך אָן געלט... זי האָט זיך צוליב דעם געפילט אַ ביסל נישט דרייסט

און האָט געוואָלט מיט עפּעס זיך אָפּדאַנקען פאַרן באַרג אויף דער פּולער וואָך.

— ס׳קומט דאָך אייך אַ מזל-טוב, נעכע קרוין, — האָט זי געזאָגט צו ר׳ שלמהס ווייב מיט אַ זיס שמייכעלע, איינשנורע-ווענדיק די ליפּן.

— מיט מזל זאָלט עך לעבן. וואָס איז געשען?

— עך ווייסט גאָרנישט? אייער פּישקע האָט זיך דאָך שוין אויסגעזוכט אַ מיידל — ביילטשע, חנה דער אלמנהס.

שמואל-מאיר האָט געגעבן אַ שפּרונג אויף פון בענקל און פאַרשנד אָנגעקוקט די שכנטע.

— ביילטשע, חנה דער אלמנהס טאָכטער? הממ... — האָט ער אַ וואָרטשע געטון.

ר׳ שלמה האָט שוין געהאַט פאַרענדיקט „המבדיל״ און האָט אָוועקגעלייגט דעם טלית.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן, שמואל-מאיר, — האָט ער פאַרוווּנדערט אַ פרעג געטון, — רעכנסט, אַז דער יחוס פּאַסט זיך נישט? ער פּאַסט זיך, האָב נישט קיין מורא. חנהס מאַן, אונז אויף צו לענגערע יאָר, איז נישט געווען קיין גרעסערער מר בר רב אשי, ווי פּישקע...

— ר׳ שלמה איז גערעכט, — האָט די שכנטע מסכים גע-ווען, — דער יחוס פּאַסט זיך. נו יאָ, ער פירט זיך מיט איר שוין אַרום עטלעכע טעג. ס׳גאַנצע שטעטל רעדט שוין וועגן בייעם פּאָרל. דער יונג קריגט אַזש די נכפה פאַר איר. אַ מויד, ווי אַ צימעס... בלוט און מילך. ער זאָגט איר צו דאָס טעלערל פון הימל. ער זאָגט, ער וועט זי אויף די הענט אַרומטראָגן און איר דערלאַנגען פון שענסטן און בעסטן, אפילו איר מאַמען אויך... די גאַנצע שטאָט ווייסט שוין דערפון. ער זאָגט, אַז ער ווערט איצט דער גאַנצער מאַכער ביי אייך אין מיל און שמואל-מאיר וועט ביי אים...

זי האָט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן, ווי שמואל-מאיר האָט געגעבן אַ שפּרונג אויף פון בענקל און אַ פּאָר געטון מיט דער האַנט אין דער לופט.

— שלמה... ס'איז אַ הימל־געשריי. מען טאָר עס נישט דער־לאָזן... ער גייט שוין ווידער אומגליקלעך מאַכן אַ יידישע טאָכ־טער... פריער די הויכע רויזע און איצט ביילע, חנה דער אלמנהס טאָכטער... עך ווייסט גאָרנישט, וואָס דער יונג האָט...

פלוצלינג איז ער שטיל געבליבן, ווי ער וואָלט זיך עפּעס מיישב געווען. ר' שלמה האָט אויף אים דערשראָקן אַ קוק געטון.

— וואָסער יידישע טאָכטער, וואָסער הויכע רויזע, וואָס רעדסטו עפּעס?... זאָג, לאָמיך וויסן.

אַלעמענס בליקן זענען געווען געווענדט אויף שמואל־מאירן. ביירע ווייבער האָבן אים פאַרשנד אָנגעקוקט. אין שטוב איז געווען פיינלעך שטיל. מען האָט בלויז געהערט דאָס מאָנאָ־טאָנע סיקען פון קאַכנדיקן טשייניק אויפן קוימען און שמואל־מאירס שנעלע אָטעמען.

— גאָרנישט, — האָט ענדלעך שמואל־מאיר אַ בורטשע גע־טון, — גאָרנישט, גאָרנישט... כ'האָב נאָר געוואָלט... ע, גאָר־נישט...

ער האָט אַ שאַר אוועק געטון דאָס בענקל פון זיך, האָט אַ מורמל געטון „אַ גוטע וואָך" און איז שנעל אַרויס.

ר' שלמה האָט אַ הייב אויף געטון די האַנט, ווי ער וואָלט דעם אַלטן געוואָלט אַ שלעפּ טון צוריק, אָבער ער האָט זי באַלד רעזיגנירט צוריק אַראָפּגעלאָזט.

שמואל־מאיר איז שנעל אַריין אין מיל, האָט זיך אַוועקגע־זעצט אויף זיין בעטל און ווילד זיך גענומען אַרומקוקן. נאָכדעם האָט ער בייז און פול מיט פאַראַכטונג אַ שפּיי געטון אויף דער פּאָדלאָגע און שטיל אָנגעהויבן לייענען קריאת־שמע.

פלוצלינג האָט ער אויפגעציטערט און איז שטיל געבליבן. פון מיל־בוידעם האָט ער דערהערט אַ פאַרדעכטיקן שאָרך. ער האָט אַ הייב אויף געטון דעם קאָפּ צום בוידעם צו און געהאָרכט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם. אַלץ אַרום איז ווידער געווען שטיל, עס האָט זיך אים, ווייזט אויס, אויסגעדאַכט. מען האָט

בלויז געהערט דאָס באַוועגן זיך פון שטייענדיקן פערד אין שטאַל און דאָס מאָנאָטאָנע געקוואַק פון די זשאַבעס ביים טייך.

שמואל־מאיר האָט זיך אויסגעטון און זיך געלייגט אין בעט אַריין. דער שלאָף האָט אים גענומען אַרומשפינען מיט זיין לופּ־טיקער נעץ.

פּלוצלינג האָט ער זיך דערשראָקן געגעבן אַ זעץ אויף. אַ שטיל שעפּטשען און אַ שטיל שלייכן איבער די בוידעם־טרעפּ האָבן אים אויפגעריסן פון זיין ערשטן דרימל.

ער האָט געפּרוווט דורכבויערן מיט זיין בליק די דיקע פינסטערניש אין מיל, אָבער ער האָט גאָרנישט געזען. ער האָט בלויז געהערט אַ שטילע מיידל־שטימע, וואָס האָט אַזש געציטערט פון טיפער געריר־טקייט.

— אָבער, פישעלע, וועסט מיך ליב האָבן ?...

— יאָ, יאָ, כ׳וועל דיך ליב האָבן... גיי שוין, גיי, שנע־לער. ס׳איז שוין באַלד האַלבע נאַכט. מוזסט שנעל אַהיימקומען, דיין מוטער זאָל דיך נישט נעמען אויספרעגן, ווו דו ביסט אַזוי לאַנג געוועזן...

— אָבער, פישעלע, וועסט מיך שטענדיק ליב האָבן — האָט זי געפרעגט דורך טרערן.

— שטענדיק, שטענדיק... נו, גיי שוין אַהיים, ביילטשע. דער אַלטער שמואל־דרייער קאָן זיך מיר נאָך דאָ אויפכאַפּן, וואָלט באַלד געוואָרן יענץ שוואַרץ גערודער...

— אָבער, פישל, וועסט קומען מאָרגן פאַרנאַכט צום כּומרס סאַד, טייערער...

— כ׳על קומען, כ׳על קומען... נו, גיי שוין, גיי, אַ סוף...

— וועסט קומען, פישעלע ? וועסט...

אין דער פינסטער האָט זיך געהערט אַ ביטערער שלוכץ.

פישל האָט שנעל אַ שליס־צו געטון די מיל־טיר און אָנגע־צונדן אַ ליכט אויפן מלינעק.

שמואל־מאיר איז נאָך אַ ווילע געלעגן שטיל אויף זיין

בעטל, ווי ער האָט גאָרנישט באַמערקט, דערנאָך האָט ער זיך לאַנגזאַם און זאַכט אויפגעזעצט.

— וואָס שלאָפסטו נישט, אַלטער? — האָט פישקע אַ צע־טומלטער און בייז אַ זאָג געטון.

שמואל־מאיר האָט גאָרנישט געענטפערט און זיך גענומען אָנטון.

דעם אַלטנס שווייגן און זיין פלוצלינג אָנטון זיך האָט פישקען נאָך מער צעביזערט.

— ווו גייסטו איצט, שמואל־דרייער? שלאָף, מאָרגן מוז מען נעצן אַ גאַנץ קערצל גריקע, מוז מען מאָרגן...

שמואל־מאיר איז שוין געווען אינגאַנצן צוריק אָנגעטון. ער האָט נאָך אַ נעם געטון זיין וואָכעדיק, פאַרמעליקט היטל און איז אַרויס.

פישקע האָט אַ ווילע פאַרוואונדערט נאָכגעקוקט דעם אַלטן שמואל־מאירן און נישט געקאָנט פאַרשטיין, וווהין דער אַלטער גייט עס איצט אַזוי שפעט ביינאַכט. דערנאָך האָט ער בייז אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און זיך פויל גענומען אויסטון.

4

אויף צומאָרגנס באַגינען, ווען עס האָט נאָר אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, האָט זיך ר׳ שלמה אויפגעהויבן און איז אַוועק צו דער מיל אויפוועקן זיינע ביידע מענטשן.

צוקומענדיק צו דער מיל־טיר, איז ער געבליבן שטיין אַ פאַרוואונדערטער. די טיר איז געשטאַנען האַלב אָפן און נישט פאַרריגלט ווי יעדן טאָג.

ער האָט האַסטיק אַ שטויס געטון די טיר און איז אַן אויפ־געברעגטער צו צו שמואל־מאירס בעטל.

— שמואל־מאיר, וואָס טוט זיך דאָ מיט דיר. לאָזסט אָפן אַ גאַנצע נאַכט די מיל?... קיין עין־הרע אַזוי פיל תבואה. מען האָט דאָך מיך, שונאי ישראל, געקאָנט בדלות...

ער איז פלוצלינג שטיל געבליבן. דורכן גרויסן פארטאָגיקן האַלב-טונקל האָט ער דערזען אַ ליידיק בעט. ער האָט זיך צעמישט אַ קראַץ געטון אין דער פאה, איז שנעל אַריבערגעקראָכן עטלעכע זעקלעך און איז אַ דערשראָקענער צו צו פישקעס בעטל.

פישקע איז געלעגן מיטן פנים אַרויף, האַלב-אויסגעטון, ווי ער וואָלט אַנידערגעפאַלן אַ דערשעפטער, אַ פאַרמאַטערטער נאָך אַ שווערער אַרבעט. די שוואַרצע צעפּאַטלטע האָר זענען אים געווען צעלייגט איבערן שטערן און די אויגן און ער האָט פעכט געכראָפּעט.

שלמה קאָשעמאַכער האָט אים ביין אַ טאָרע געטון.

— פישל! פישל! וואָס טוט זיך דאָ? ווו איז שמואל-מאיר. ווער האָט עס אָפן געלאָזט אַ טיר אויף אַ גאַנצער נאַכט?

פישקע האָט זיך האַסטיק אַ זעץ אויף געטון. אַ ווײַלע האָט ער צעתמט און שיכור פון שלאָף אָנגעקוקט זיין באַלעבאָס, דערנאָך האָט ער זיך נערוועז גענומען קראַצן אין דער צעפּאַטלטער גריווע און עפּעס אַ בורטשע געטון דורך די ציין.

— פישל, — האָט שלמה קאָשעמאַכער ווײַטער אים געטאָרעט, — ווו איז שמואל-מאיר? הא, פישל?

— שמואל-מאיר? — האָט פישל ענדלעך פאַרשטאַנען, וואָס מען רעדט צו אים. — ער איז בײַנאַכט אַרויס פון מיל... ער איז שוין געלעגן אין בעטל, האָט ער זיך צוריק אָנגעטון... ער איז נישטאָ אין מיל?...

שלמהן האָט עס אַזש אַ טיאָכקע געטון אין האַרץ, אַ היץ האָט אים אַ זעץ געטון אין פנים. ער האָט מיט שרעק אַ טראַכט געטון וועגן עפּעס אַן אומגליק מיטן אַלטן שמואל-מאיר. עס איז אים געוואָרן אַזוי ענג אין האַלז, אַזאַ רחמנות האָט אים אַרומגענומען אויפן אַלטן, אויסגעפּראַצעוועטן שמואל-מאיר, אַז ער האָט ווי אַ משוגענער גענומען לויפן איבער דער מיל.

— כלאָפּ! פויערן-יונג! פישקע, וואָס פּאַפּסטו, וואָס גייסטו

נישט זוכן שמואל־מאירן? גיי, לויף, זאָלסט מיר אים שוין אויסזוכן, דו הערסט? די אותה רגע!

פלוצלינג האָט ער אויסמערקזאַם אַ קוק געטון אויף פישקען:

— וואָס ליגסטו עפּעס האַלב־אָנגעטון, האַלב־אויסגעטון. איין שטיוול, איין אָניצע, ווי דו וואָלסט צוריקגעקומען אַ שיכּורער פון שענק... וואָס טוט זיך דאָ מיט דיר?

ער האָט נישט געוואָרט אויף קיין ענטפער. אַן אומרויִקער האָט ער שנעל אַ שפּרייז געטון איבער עטלעכע זעק און איז אַרויס.

באַלד איז איבער דער שטאָט באַקאַנט געוואָרן, אַז שמואל־מאיר, שלמה קאַשעמאַכערס, איז שפּעט בײַנאַכט אַרויס פון מיל און איז נישט צוריקגעקומען. מען ווייסט נישט ווו ער איז אַהינגעקומען. אויפן מאַרק און אין בית־המדרש האָט מען געהאַט פון וואָס צו רעדן. יעדער האָט געזאָגט אַן אַנדערע סברה. די גאַנצע שטאָט איז אויפגערודערט געוואָרן. שמוליע שמש האָט פאַרן דאַווענען אַ קלאַפּ געטון אין שולחן און מודיע געווען בפקודת הרב שפּה, אַז יעדער מוז העלפן זוכן דעם פאַרפאַלן געוואָרענעם. אינמיטן מאַרק האָבן זיך כּסדר געבילדעט קופּקעלעך יידן, וואָס האָבן מיט צעפּלאָמטע פּנימער אַרומגערעדט דאָס אויסערגעוויינלעכע געשעעניש. טוביה בעדער האָט פאַרזיכערט, אַז דאָס איז אַ שטיקל אַרבעט פון „יענע לייט...“

שלמה האָט אײַנגעלייגט וועלטן. ער האָט אויפגערודערט די גאַנצע געגנט אַרום. גאַנצע שעהן איז ער אַרומגעקראָכן אויף די וועגן הינטער דער שטאָט און געזוכט דעם פאַרשוווּנדענעם. ער האָט אָפּגעשטעלט פאַרבײַפאָרנדיקע און זיי געפרעגט, צי זיי האָבן נישט געזען ערגעץ אַן עלטער גרוי יידל. ער האָט געמעלדעט וועגן דעם דעם וואָיט און יענער האָט געלאָזט אויספּויקן אין אַלע דערפער אַרום. ער האָט אויסגעמאָסטן בײדע ברעגן לענגאויס דעם טייך אַרום שטעטל און האָט געזוכט עפּעס אַ שפּור, אָבער אָן דערפאָלג.

פישקע איז געווען נידערגעשלאָגן. ער האָט מורא געהאַט

אַ קוק צו טון זיין באַלעבאָס אין פּנים אַריין. אינסטינקטיוו האָט ער אַרויסגעפילט, אַז שמואל־מאירס פאַרשווינדן האָט אַ שייכות מיט אים.

ער איז געשטאַנען אַליין אין מיל און געאַרבעט מיט אַלע כּוחות. ער האָט גענעצט תּבואה, געריייניקט קאַשע, געפּאַרעט זיך אַרום פערד און אַלץ געטון, כּדי כאַטש מיט זיין פאַרטאָפּלטער אַרבעטזאַמקייט צופרידנצושטעלן זיין באַלעבאָס, וואָס איז, זינט שמואל־מאירס פאַרשווינדן, אַרומגעגאַנגען אַ פינסטערער און טרויעריק־שווייגנדער.

אויפן פינפטן טאָג נאָך שמואל־מאירס פאַרשווינדן, ווען פּישקע איז געשטאַנען ביים מלינעק און געשיט פולע שיפלעס פלעווע אין גרויסע זעק אַריין, האָט ער פלוצלינג אויפמערקזאַם אַ קוק געטון אויפן גרויסן טשוואָק איבער שמואל־מאירס בעטל. אַ ווײַלע האָט ער אויפמערקזאַם באַטראַכט דעמדאָזיקן טשוואָק, ווי ער וואָלט דאָרט עפּעס פלוצלינג דערזען, דערנאָך האָט ער האַסטיק אַ וואָרף געטון די שיפלע פון זיך און איז שנעל, ווי אַ ווינט, אַ פלי אַריין געטון צו שלמהן אין שטוב אַריין.

— עע, ר׳ שלמה, באַלעבאָס, ס׳איז אים גאָרנישט... עע, ער איז דאָ, ער לעבט, ס׳איז אים גאָרנישט געשען. איר דאַרפט זיך נישט שרעקן... דער אַלטער שמואל־מאיר לעבט, דער אַלטער... אַזאַ תּרח... געמיינט מי יודע וואָס, געמיינט... און אַלע אין כּעס אויף מיר, פּונקט ווי איך וואָלט דאָ...

שלמה איז אַזש אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

— אָבער רעד, זאָג, משולחת, אָנשיקעניש, וואָס פּלאַפּלסטו, ווו איז ער דאָ ? וואָס זאָגסטו, וואָס ווייסטו, לאָמיר הערן אַ וואָרט.

— דער טלית און תּפילין... שמואל־מאירס טלית און תּפילין נישטאָ אויפן טשוואָק, ווי שטענדיק... ער האָט זיי מיטגענומען... ער זאָל האָבן צו דאַווענען... ער גייט אוודאי איבער דער מדינה, גייט ער... ווייסטו, געמאַכט אַ קאָך אין שטעטל, געמאַכט...

שלמה האָט אים אַ ווײַלע צעטמט אָנגעקוקט און נישט

פארשטאנען, וואס דער יונג וויל; דערנאך האט אים עפעס א בליץ געטון אין מוח.

נו יא, גערעכט, בנאמנות... גענומען דעם טלית און תפילין און קריכט ערגעץ איבער דער מדינה. ער זאל זיך חס וחלילה געווען א מעשה אנטון, טא וואס דארף ער טלית און תפילין ?... יא, גערעכט דער יונג, בנאמנות...

אן אויפגעהייטערטער און גליקלעכער, האט ער לייכט א קלאפ געטון פישקען איבערן אקסל.

— נו, גיי שוין, גיי שוין, עכברוש דו, פויערן-יונג, גיי אין מיל אריין, באלעמוטשע נישט, מארגן איז א מארק. דערקינטשע דאס ביסל פלעווס, שנעלער.

פלוצלינג איז שלמה ערנסט געווארן.

— אלץ איבער דיר, שמדלניק, — האט ער א קוק געטון אויף פישקען, — איבער דיר האט דער אלטער עוקר געווען. האסט אים פארפייניקט זיינע יארן. מיינסט, איך ווייס נישט ? געזידלט, געשנידלט און געיאגט. אפילו דאס קאפ שלאף האסטו אים שוין נישט פארגינען און געיאגט אים אויפן בוידעם ארויף... מיינסט, איך ווייס נישט ? דו, לאבוז-יונג, דו, יואס יאגסטו אים עפעס אויפן בוידעם ארויף, הא ? ער איז דא מער תושב פאר דיר. דו הערסט.

דער יונג איז געבליבן שטיין א דערשראקענער. ער איז אזש בלאס געווארן. דער בוידעם איז אים איצט גוט געלעגן אין קאפ. דאסווארט „בוידעם" האט אים דערמאנט אין שבת-צו-נאכטס ביינאכט... נישט צוליב שמואל-מאירן, נאר צוליב דער מויד. וואס האט ער געוואלט פון ביילטשען ?... שוין ווידער א תל געמאכט פון א מויד... זי געשלעפט אויפן בוידעם ארויף און איר צוגע-זאגט גאלדענע גליקן... אן ארימע יתומה... א כאליערע זאל עס...

— וואס שטייסטו, ווי א צעחושטער, — האט שלמה א גע-שריי געטון, — גיי אין מיל אריין. קינטשע די ארבעט. מארגן איז א מארק.

דער יונג האט זיך אויפגעכאפט, ווי פון שלאף.

— אַט גיי איך, באַלעבאָס.

באַלד איז ער צוריק געווען דערזעלבער פישקע, ווי אַלע־מאָל.

— ר׳ שלמה! איר האָט צו מיר דזשיקע פּרעטענזיעס, ווער האָט געטשעפּעט דעם אַלטן כערלאַק, ווער. ער האָט גוט געטון, וואָס ער איז אָפּגעצויגן. ווער דאַרף איב דאָ, ער זאָל זיך פּלאָנ־טערן אונטער די פיס. נאָט אייך אַ זעקסער פאַר זיין אַרבעט. כ׳גיב מיך איין דריי, צעטו איך מער, ווי ער אין אַ גאַנצן טאָג מיט זיין קרעכצן און הוסטן, צעטו איך מער. ווער דאַרף אים דאָ, ווער.

— שאַ, שטיל. מאַך צו דאָס מויל, — האָט שלמה אַ טופּ געטון מיטן פוס.

דער יונג האָט אַ ריס געטון די טיר און איז אַרויס.

5

פּרייטיק אינדערפרי, זעקס טעג נאָכדעם, ווי שמואל־מאיר איז אַזוי פלוצלינג, אַזוי שפּורלאָז ערגעץ אַוועקגעקומען, האָט זיך געשטעלט אַ גרויסער מאַרק. פון אַלע דערפער אַרום זענען זיך אָנגעפאָרן פויערים מיט זייערע פורלעך. אין מיל איז גע־ווען רוישיק און הייס. פויערים האָבן באַלאַגערט דעם מאָל־קאָרב און יעדער האָט געוואָלט דער ערשטער אָפּמאָלן זיין ביסל תבואה.

פישל האָט געאַרבעט אויף אַלע כלים און געקאָמאַנדעוועט מיט די פויערים. ער האָט זיך איצט שוין אינגאַנצן געפילט אויפן זאַטל. ער האָט געשריגן, געמאָנט געלט ביי די פויערים און איז געשטאַנען ביים גרויסן מלינעק אויף שמואל־מאירס שטענדיק אָרט און אַכטונג געגעבן, די ברוינע קאַשע זאָל נישט אויספאַלן צו גראָב. ער האָט שוין גוט געקענט די מלאכה און האָט אַליין נישט געקאָנט זיך אָפּוווּנדערן, ווי גרויס ער איז שוין.

ר׳ שלמה, וואָס האָט זיך שוין געהאַט אַ ביסל באַרויקט

נאָך שמואל-מאירס פאַרשווונדן, האָט קאַסירט געלט און אונטער-געיאָגט דאָס פערדל.

פלוצלינג איז עפּעס געשעי. דורכן גערויש פון די מיל-רעי-דער האָט זיך מיטאַמאָל אַדורכגעריסן אַ ספּאַזמאַטישער ווייבע-רישער קוויטש. אַלע האָבן זיך דערשראָקן אויסגעדרייט צו דער טיר, ווו ס'איז געשטאַנען אַ יידענע אין אַ ברוין דערעלע איבערן קאָפּ און הויך געוויינט.

שלמה האָט אַ וואָרף געטון די בייטש, וואָס ער האָט גראָד געהאַלטן אין דער האַנט, און איז צו צו דער טיר. אַ דערשראָקענער האָט ער דער יידענע אַ קוק געטון אין פנים אַריין.

— חנה? — האָט ער אַ דערשטוינטער אַ זאָג געטון, — וואָס איז געשען? וואָס טוט עך דאָ, וואָס וויינט עך?

חנה די אלמנה האָט זיך נאָך מער צעוויינט.

— ס'האָט מיך אַן אומגליק געטראָפן. דאָס קינד, מיין ביילטשע, דאָס איינציקע אויג אין קאָפּ איז מיר פאַרביי. פון זונ-טאָג אינדערפרי אָן איז זי אויס מענטש. כ'האָב נישט געוווּסט, וואָס איר איז, האָב איך איר געגעבן ציינעס צו טרינקען, כ'האָב געגאָסן וואקס, אָפּגעבלאָזן און אָפּגעשפּראָכן ביי ר' שמעונען אַ גוט-אויג, אָבער ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. דאָס קינד איז מיר נעבעך חרוב. זי ליגט אין היץ און רעדט פון וועג. רק זי שרייט: „פישעלע, פישעלי, פישקעלע קרוין" און „כומרס סאָד", אָן אויס-הער. כאָטש ברענג איר דעם כומרס סאָד אין שטוב אַריין... כ'וויל וויסן, וואָס דאָ איז געשען. מ'האָט מיר געזאָגט, אַז אייער פישל האָט זיך מיט מיין ביילטשען אַרומגעפירט שוין זינט עטלעכע טעג און כמעט אַ גאַנצן שבתדיקן טאָג. שבת-צו-נאַכטס איז זי שפּעט ביינאַכט, אַ טרויעריקע און פאַרפלאָמטע, צוריקגעקומען אין שטוב אַריין. וואָס איז דאָ געשען וויל איך וויסן. מיין קינד איז מיר פאַרביי...

שלמה איז געבליבן שטיין אַ צעקאָכטער. ער האָט אַ רוף געטון דעם יונג אינדרויסן אַרויס.

— פישל, וואָס איז דאָ געווען? וואָס פאַר אַ געשעפטן האָסטו עס מיט חנהס טאָכטער, האַ?

פישל האָט חוצפּהדיק אַ מעסט אָפּ געטון די וויינענדיקע יידענע.

— וואָס פאַר אַ געשעפטן, וואָס פאַר אַ טאָכטער? ווער קען זי, ווער? כ'האָב עפּעס איינמאָל אַ רעד געטון מיט איר אויף דער בריק, שבת ביי טאָג, און דאָס איז עס — האָט ער גלייך און אַרויספאָדערנדיק געקוקט דער יידענע אין פּנים אַריין. — אַז זי שרייט פישל פון שלאָף און עפּעס „כּומרס סאָד", בין איך שולדיק, בין איך... ווער קען זי, ווער?... געזען אַ ביסל...

שלמה האָט אַ הייב געטון מיט די אַקסלען און אַ ווייל פאַרווירט געקוקט אויף ביידע. דערנאָך איז ער אָבער ווי צו זיך געקומען.

— חנה קרוין, ס'איז מיר אַ גרויס רחמנות אויף אייך. כ'פאַרשטיי אייער פאַרביטערט האַרץ, אָבער כ'בעט אייך, טוט מיר אַ טובה, ס'איז איצט אינמיטן מאַרק, אַ פולע מיל מיט ערלים. כ'בעט אייך, קומט צו מיר פאַרנאַכט אין שטוב אַריין. כ'וועל האָבן אַ רויִקן קאָפּ, דער יונג וועט אויך זיין פריי, וועט מען אַ רעד טון. זייט רויִק. איך וועל שוין אַלץ געוויר ווערן. עפּעס האָט מען מיר אויך וואָס דערציילט. כ'וועל נישט צולאָזן, דיין טאָכטער זאָל חס וחלילה עפּעס געשען.

די יידענע האָט אים געגלייבט און פאַרשטאַנען. זי האָט אויף אים אַ דאַנקבאַרן קוק געטון און איז אַוועק.

דער יונג איז אַ פאַרפלאָמטער ווידער צו צום מלינעק און אָנגעהויבן קאָמאַנדעווען, ווי עס וואָלט דאָ גאָרנישט געשען. די פויערים האָבן געזידלט, פאַרוואָס מען האָט געמאַכט אַן איבער־רייס אין דער אַרבעט און ר' שלמה האָט זיין גאַנצן כּעס אויס־געלאָזט צו דער בידנער קליאַטשע און זי כּסדר אונטערגעיאָגט מיט דער בייטש. דאָס פערדל האָט געריסן מיט אַלע כּוחות, האָט אַזש די קישקעס פון זיך אַרויסגעיאָגט.

פישל איז געשטאַנען ביים מלינעק און געאַרבעט מיט

טאָפּלטער ענערגיע. ער האָט מיט אַ חוזק-שמייכעלע געטראַכט
וועגן נאָר-וואָס פאָרגעקומענעם אינצידענט.
ער האָט זיי אַלע אין דר׳ערד, האָט ער זיי... וואָס וועט
זי אים טון, בּיילטשעס מאַמע, וואָס... זי איז אים געשטאַנען צו·
קאָפּנס, איז זי אים געשטאַנען... ער קען זי גאָרנישט... ווער
ווייסט עפּעס פון איר טאָכטער, ווער ?... זי קאָן אים לאָדן צום
ונתנה תוקף, קאָן זי אים לאָדן... געזען אַ ביסל...
דער יונג איז שוין געווען פאַרטיק מיט זיך. אין געדאַנ
האָט ער שוין געהאַט אַלץ גוט אָפּגעמאַכט און דערלײדיקט אַלע
זיינע קלאָפּאָטן, וואָס האָבן אים נאָך מיט אַ מינוט פריער אַ קליין
ביסל שווער געמאַכט דאָס געמיט. פון גרויס צופרידנהייט האָט
ער גענומען אונטערפייפן אַ פריילעך לידעלע, וואָס ער האָט זיך
גראָד איצט דערמאַנט נאָך פון דאָרף, ווו ער האָט זיך אויסגע·
כאָוועט אַלס קיילעכיקער יתום. שאַפס מיטן ווייב האָבן אים שוין
דאָרט איינמאָל אָפּגעפּייניקט דאָס ביסל יאָרן, האָבן זיי אים...
אַ פאַרמישעניש אויף זיי בּיידן.
פלוצלינג האָט דאָס האַרץ אים אַזש אַ צאַפּל געטון פון
שרעק. ר׳ שלמה האָט האַסטיק אַ שטעל אָפּ געטון דאָס פערדל,
איז אַ פאַל צו געטון צו דער טיר און אַ האַרציקער פרייד-אויס·
געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין ברוסט :
— שמואל-מאיר ?! גאָט איז מיט דיר !
פישל האָט זיך דערשראָקן אומגעקוקט און ער איז געבליבן
שטיין אַ פאַרבליפטער פון איבעררַאַשונג.
שמואל-מאיר ? אָט איז ער דאָך... פונוואַנען האָט ער זיך
פלוצלינג דערנומען ? ס׳איז אים אַזש אַדורך אַ שוידער איבערן
לייב פון איבעררַאַשונג. אַבי דער באַלעבאָס האָט אַזוי אויסגערו·
דערט אַ וועלט. אַן עסנדיקע זאַך ווערט נישט פאַרלוירן ; גע·
זען אַביסל... שוין צוריק דאָ שמואל-דרייער, גראָד ער פעלט אים
פונקט איצט צו צום רימל... פעלט ער אים איצט צו...
— ווו ביסטו געווען, שמואל-מאיר ? — איז שלמה אַ פאַל
אַרויף געטון אויפן אַלטן שמואל-מאיר. — כ׳האָב דאָך געמיינט
מי יודע וואָס מיט דיר איז געשען...

שמואל־מאיר האָט אויסגעזען עפּעס אַזוי פּײַערלעך און שטאַרק פאַררויטלט.

— ווו בין איך געווען? אין ערגעץ נישט. כ'האָב געוואָלט אַ פּאָר טעג נישט אָנקוקן דעמדאָזיקן יונגס פּרצוף, — האָט ער אַ ווײַז געטון אויף פּישקען.

דעם יונג האָט עס אַוש אַ זעץ געטון אין האַרץ. ער האָט פינסטער אַ קוק געטון אויפן אַלטן שמואל־מאיר, וואָס איז נאָך געשטאַנען, ווי אַ פרעמדער אורח בײַ דער טיר מיטן פּעקל אין דער האַנט, און ער האָט זיך דראָענד אַ לאָז געטון צו אים.

— הער נאָר, שמואל־דרייער, אַ ביסל ווײַניקער געריעדט... דו דאַנק גאָט, אַז איך לאָז דיך אַריבער די שוועל... ווער ס'זעט נישט די גרויסע אַרבעט, וואָס דו טוסט דאָ... ביסט שוין צו־ריקגעקומען? ווערסט בײַ מיר ליגן ווי'אַ הונט אויפן בוידעם...

— שטיל זאָל זײַן, — איז ר' שלמה געגעבן צו אים אַ שפּרונג־צו — פּויערן־יונג! וועמען סטראַשעסטו עפּעס מיטן בוי־דעם? דו ביסט נאָך דאָ בײַ מיר קיין באַלעבאָס נישט.

— נו, יאָ, — האָט שמואל־מאיר סאַרקאַסטיש אַ זאָג גע־טון. — אים ליגט גוט אין קאָפּ דער בוידעם, ער מיינט, אַז כ'בין בײַלטשע, חנה דער אַלמנהס...

פּישקען האָט אַוש אַ מיש געטון אין קאָפּ פון גרויס כעס און רציחה. דער אַלטער ווײַסט אַלץ!... פונוואַנען?.... ער האָט אַ כאַפּ געטון אַ שיפּליע און זי אַ הייב געטון, אָט־אָט לאָזט ער זי אַראָפּ אויפן אַלטן שמואל־מאירס קאָפּ. ר' שלמה האָט אַוש אַ געשריי געטון און זיך פאַרשטעלט די אויגן. די פּויערים אַרומ זענען שנעל צוגעלאָפן, כדי אָפּצושטויסן דעם יונג פון דער טיר, אָבער אין דעם מאָמענט איז געשען עפּעס אַ מאָדנע זאַך: דער יונג איז געבליבן שטיין, ווי אַ שטייף־געוואָרענער מיט דער אויפ־געהויבענער האַנט אינדערהייך. די אויגן זענען אים אַוש אַרויס־געזעצט געוואָרן פון שרעק און ער האָט דערפילט, אַז די קניע ברעכן זיך אים איין.

בײדע מיל־טירן האָבן זיך מיט רעש געגעבן אַ פרעל־אויף

און ס'איז אַריין אַ הייכער, ברייטער ייִד מיט אַ בייטש אין דער האַנט. ער האָט שטום און פינצטער געקוקט אויף פּישקען. נאָך אים איז נאָכגעגאַנגען אַ הויכע בלאָנדע מויד מיט אַ פּאַרחושכט, איינגעפאַלן פּנים און אַ גרויסן, אַרויסגעזעצטן בויך...

— אָט איז ער דאָך, דער ממזר, — האָט דער ייִד מיט דער בייטש אַ ריטש געטון. — נאַ, רויזע, זע, אָט האָסטו דיין מלאך־המוות, דעם בענקאַרט, אַ קלאָגעדיקע בראָך זאָל איך נאָך אים האָבן, חדשים־לאַנג זוך איך אים שוין. נאַ, אָט האָסטו אים...

ער האָט אַ פּאָר געטון מיט אַ שווערער, האַרטער פויסט, ווי אַ שטיק אייזן, גלייך פּישקען אין פּנים אַריין, אַז עס האָט אַזש אַ הילך געטון.

דער יונג האָט ווי אַ שטיין אַ פאַל געטון אין אַ באַליע תּבֿואה אַריין מיטן פּנים אַראָפּ. די הויכע רויזע האָט הויך גענומען ספּאַזמירן. אין מיל איז געוואָרן אַ שרעקלעך געוואַלט. ר' שלמה האָט זיך געוואָרפן ראַטעווען פּישקען, און די פּויערים האָבן גענומען צוריקשטויסן דעם הויכן, פעסטן שעפּסל, וואָס האָט זיך ווייטער געריסן צום יונג. פון די געוואַלטן האָט זיך דער יונג אַ ווײַלע אויפגעכאַפּט פון זיין באַרוישטקייט דורכן פעסטן כמאַל.

שוין, זיין סוף איז שוין געקומען, — האָט ער דערשראָקן אַ טראַכט געטון, — שאַפּס ווערט אים איצט דערהרגענען... יאָ, ער פאַרשטייט שוין איצט אַלץ... דער אַלטער תּרח, שמואל־מאיר, האָט אים אַראָפּגעבראַכט דעם מלאך־המוות, שאַפּסן מיט דער הויכער רויזען, ער איז פאַרקראָכן אַזש אַהין צו זיי אין דאָרף אַריין קיין טשערני־סטאַוו. אַ בראַנד פייער אין זיינע קישקעס אַריין.

באַלד איז אים אָבער איינגעפאַלן, אַז מען דאַרף זיך פּרווון ראַטעווען. ער האָט זיך מיט אַלע כּוחות געגעבן אַ ריס פון אָרט און איז מיט איין שפּרונג אַרויף אויפן בוידעם. שאַפּס האָט אַ וואָרף געטון די בייטש, האָט מיט אַן אייזערנע גבֿורה אַ שטופּ אָפּ געטון די פּויערים אַרום, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט און געוואָלט אָפּהאַלטן, און איז נאָכגעשפּרונגען אויפן בוידעם. אַלע אַרום האָבן זיך אַ לאָז געטון נאָך זיי.

דער אַלטער שמואל־מאיר האָט, אַ ציטערנדיקער אויפן גאַנצן קערפּער, נאָכגעשריגן שעפּסן:

— שוין, לאָזט אים אָפּ, ר׳ שעפּסל! ער האָט שוין געהאַט פאַר דאָס זייניקע, שוין, לאָזט אים אָפּ, מיר זײַנען דאָך ייִדן, שוין, ר׳ שעפּסל.

אָבער שעפּסל האָט שוין מער נישט געהערט, וואָס מען רעדט צו אים, ער האָט אויפגעהערט צו הערשן איבער זיך. דער גאַנצער כּעס און אויפגעבראַכטקייט, וואָס האָט זיך בײַ אים אָנגעזאַמלט דורך די לאַנגע חדשים, זינט פישקעס אַנטלויפן, בעת ער האָט אומגליקלעך געמאַכט זײַן אײנציקע טאָכטער, האָט איצט געזוכט אַן אויסגאַנג, אַן אויסלײַזונג. ער האָט אַ כאַפּ געטון אַ שווער געוויכט, וואָס איז געלעגן בײַ דער גרויסער וואָג אויפן בוידעם, און מיטן גאַנצן כּוח אַ וואָרף געטון אויף פישקען. דער יונג האָט אָבער באַוויזן אַ כאַפּ אַוועק צו טון דעם קאָפּ און דאָס געוויכט האָט מיט אַ שטאַרקער קראַפט אַ זעץ געטון אין אַ דאַך־ברעט, אַזש דאָס ברעט איז אָפּגעשפּרונגען און ס׳האָט זיך געעפנט אַ גרויסע, שמאָלע עפענונג אין פרײַען דרויסן אַרויס, באַרג אַראָפּ צום בוג.

דער יונג האָט אין דער גרעסטער פאַרצווייפלונג אַ קוק געטון הינטער זיך. אָט וועט ער באַלד זײַן אין שעפּס׳ הענט, פון וועלכע ער וועט שוין געוויס קיין גאַנצער נישט אַרויס. איין וועג האָט ער — די נאַר־וואָס אַנטשטאַנענע עפענונג. אַ שפּרונג אַרויס — און ער איז פרײַ!

ער איז שוין מער גאָרנישט פעיק געווען צו טראַכטן. אָט־אָט שפּירט ער שוין אויפן קאַרק שעפּסלס שווערן און הייסן אָטעם. ער האָט מיט אַלע כּוחות אַ שטויס געטון דאָס נאָכהענגענדע ברעט און — אַ געשריי פול שרעק און שטוינען האָט זיך אַרויסגעריסן פון אַלעמענס העלזער. דער יונג איז אַ פלי געטון אין דער לופט מיט צעשפּרייטע אָרעמס, ווי אַ גרויסער פויגל. אָט־אָט בלײַבט ער שטעקן אויפן באַרג. באַלד אָבער האָט ער זיך מיט די פיס אַ פאַרטשעפּע געטון אין אַ גרויסן שפּיציקן פעלז, וואָס האָט

אַרויסגעשטאַרצט פון משופּעדיקן, הויכן ברעג און ער האָט ווי אַ שווערער שטיין אַ פאַל געטון מיטן קאָפּ אַראָפּ גלייך אין וואַסער אַריין.

אויפן מיל·בוידעם איז שרעקלעך שטיל געבליבן. אַלע האָבן מיט אויפגעריסענע אויגן און פאַרכאַפּטע אָטעמס געקוקט דורכן אָפענעם ברעט אויפן ליגנדן יונג. אָט וועט ער זיך אוודאי באַלד אויפהייבן און ווייטער נעמען לויפן. אָבער ווען דער יונג איז געבליבן ליגן מיט קאָפּ אין וואַסער אומבאַוועגלעך, און די גרויסע, קיילעכיקע וואַסער·רינגען אַרום פּישלס קאָפּ האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַפאַרבן מיט גרויסע רויטע פלעקן, האָט די הויכע רויזע אַ האַרצרייסנדן קוויטש געטון און אַלע אַרום האָבן זיך אַ ריס געטון פון אָרט און זיך געלאָזט אין פאַרגליווערטן שווייגן באַרג·אַראָפּ צום טייך.

שלמה קאַשעמאַכער האָט דער ערשטער אַרויסגעשלעפּט דעם יונג פון וואַסער. פון דער גרויסער אָפענער וווּנד אין קאָפּ האָט אומאויפהערלעך געשטראָמט בלוט און די אָפענע פאַרגלייטע אויגן האָבן אומבאַוועגלעך און שטאַר געקוקט ערגעץ ווייט, ווייט...

— באַנדיטן, מערדערס, — האָט ר׳ שלמה זיך אַזש געריסן די האָר פון קאָפּ, — זיי האָבן אים דערהרגעט...

אַ פויער פון מיל האָט הויך און טרויעריק אַ וואָרף געטון אַ גוייש זידל·וואָרט.

פונדערווייטנס אויפן שפּיץ באַרג האָט זיך פלוצלינג דערהערט אַ הויך ביטער געוויין.

דער אַלטער שמואל·מאיר איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן דער וואַנט און האָט הויך און ביטער געווינט.

— איך האָב אים געהרגעט. איך... אויף מיינע אַלטע יאָרן... איך... געוואַלט, לויפט נאָך סטעמפּניצקי דאָקטאָר, צום פעלשער — צו קערנערן... געוואַלט, איך האָב אים געהרגעט... שאָפּס איז שוין אינגאַנצן געווען אַן אַנדערער מענטש.

נישט געווען מער קיין שפור פון זיין רציחה. זיינע מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן האָבן איצט געקוקט אַזוי דערשראָקן און נעבעכדיק. ער האָט מבולבלדיק געפּלאָפּלט מיט דער צונג און אינגאַנצן געציטערט.

— דאָס גוֹיִשע בלוט... עשו גוי... אַן ערשטע כאָליערע זאָל עס נעמען. געראָטן אין זיין גזלנישן טאַטן אַריין...

— וואָס רעדט איר נאַרישקייטן, ר׳ ייד, — האָט ר׳ שלמה אָפּגעמאָסטן שאַפּסן מיט אַ פּאָר בייזע אויגן, — אפילו ביי זיין טויטן גוף מוזט איר אים נאָך באַנבלען? איר זענט דאָך זיין מלאך המוות... איר.

— איך בין נישט זיין מלאך המוות, — האָט שאַפּס ווייטער געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, — זיין טרייף בלוט האָט אים דערהרגעט, זיין גוֹיִשן טאַטנס בלוט, דעם שטענדיק שיכּורן דאָרף שגץ — וואַווזשיניאַק, וואָס האָט אומגליקלעך געמאַכט אַן עלנט יידיש מיידל און אַט דאָס איז די פּרי, וואָס איז פון זיי אַרויסגעקומען... איך, כאָליערע, האָב רחמנות געהאַט אויפן עלנטן ממזר און, אים אויפגעכאָוועט...

ר׳ שלמה האָט אים פאַרשנר און מיט אויפגעריסענע אויגן אָנגעקוקט.

— ייד, וואָס רעדט איר, אַ ממזר?... אַ גוֹיִשן טאַטן?...

ער האָט טרויעריק און פאַרטראַכט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אַ לאַנגע ווײַלע געשוויגן. פּלוצלינג האָט ער זיך עפּעס דערמאָנט. ער האָט אַ הייב געטון דעם קאָפּ הויך צו דער מיל אויפן באַרג, וווּ שמואל־מאיר איז געשטאַנען און געכליפּעט, און אַ געשריי געטון:

— שמואל־מאיר, וואָס כליפּעסטו, ווי אַ יידענע. אַריין אין מיל אַרבעטן. נישטאָ קיין צייט. אַ פולע מיל מיט גויים. די אַרבעט וואַרט... שוין, מזל־טוב, איצט ביסטו שוין „סאַם סאַפּאָושניק", האָסט שוין, וואָס דו האָסט געוואָלט. נישטאָ מער קיין פּישקע. אַ סוף, אַריין אין מיל אַרבעטן, דו אַלטער נאַר, דו! דער טאָג שטייט נישט...

אַ הייסע שפּעט־זומער־זון האָט זיך געשפּיגלט אין בוג מיט אַ מאַטן מעשענעם גלאַנץ און די טויזנטער פֿײַערלעך אויף די רוישנדיקע כוואַליעס האָבן אויסגעזען, ווי פֿינקלדיקע טרערן...

פ אַ ר ט אָ ג

דורך די פֿאַרמאַכטע לאָדנס האָט זיך אַריינגעריסן אַ דינער פּאַס ליכט.

דער אַלטער שלום רפאלקעס האָט זיך אַ רודער געטאָן אויפֿן געלעגער. ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ דאַרע, צעפּאַרעטע האַנט פֿון אונטערן פּוכענעם איבערבעט, זיך הויך צעגענעצט און גענומען רייבן די פֿון שלאָף נאָך האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן.

ער האָט זיך נאָך געוואָלט געבן אַ דריי אויס צו דער וואַנט און ווייטער זיך לאָזן אַרומשפּינען פֿון דעם פֿאַרטאָגעדיקן זיסן האַלב־שלאָף, האַלב־דרימל, אָבער פּלוצלינג האָט ער זיך דער־מאָנט דאָס זעלבע, וואָס נעכטן, וואָס אייערנעכטן, וואָס אַלע טאָג שוין זינט פֿופֿציק יאָר: אַז לייזער אברהמס האָט שוין אוודאי גע־עפֿנט די קראָם און ער שטייט שוין אוודאי און „זשאַבעט" פֿולע קעשענעס געלט פֿאַר קלייען און האָבער ביי די אָנגעפֿאַרענע פּויערים.

שנעל, מיט אימפּעט האָט ער זיך אַ שטעל געטאָן אויף דער פּאָדלאָגע. די קאַץ אויפֿן קוימען האָט זיך אַזש דערשראָקן און זיך בהלהדיק אַ לאָז געטאָן אונטערן בעט אַרונטער.

שלום רפאלקעס האָט געשווינד אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, אויף דער גיך אַרויפֿגעצויגן אויף זיך די ווייסע אויסגעריבענע הויזן און דאָס פֿאַרמעליקטע כאַלאַטל און שטיל, אין זיך, גענו־מען „שלינגען" אַ פּאָר ווערטער פֿון „סאָרנט"...

אין שטוב איז געווען אַזוי מנוחהדיק שטיל. דער טאָג האָט זיך מיט אַלע כּוחות געריסן דורך די לאָדן־שפּאַרעס אין דעם פֿאַר־טאָגעדיקן האַלב־טונקל אַריין, וואָס האָט זיך צעלייגט איבער

אַלע שטוב־ווינקעלעך. שלומס ווייב, קיילע, איז נאָך פּעסח גע־שלאָפן און ריטמיש, באַוואַכט געאָטעמט. אויף איר פּנים איז גע־ווען צעגאָסן עפּעס אַזאַ שלווהדיקע רויִקייט, ווי עס וואָלט זי גאָרנישט אָנגעגאַנגען, ווי זי וואָלט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז מען דאַרף עפענען אַ געוועלב, אַז מען דאַרף לייזן אַ פּאָר גראָשן.

אויף דער שויב האָט געזשומעט אַ פליג און זיך געריסן אין העלן דרויסן אַריין דורכן גאָלדיק־ליכטיקן פלעק אויף דער שויב.

שלום האָט שנעל אַ נעם געטון פון טיש־קעסטל די לאַנגע פאַרקאָפּטשעטע ליולקע, אַריינגעפּאַקט אין קעשענע דעם פענכער מיט טיטון און שטיל, מיט דראָבנע טריטעלעך, אַרויס אויף דער גאַס.

אַ שמעקעדיק פרימאָרגן־ווינטל, אויסגעמישט מיט ריחות פון דערנעבנדיקן טייך און די גרינע לאָנקעס אַרום, האָט אים מקבל־פּנים געווען.

אויפן גרויסן פּירעקיקן מאַרק איז געווען שטיל און ליי־דיק. די קליינע הילצערנע הייזלעך האָבן געדרימלט און זיך גע־טוליעט צום גרויסן צווייסטאָקיקן הויז פון משהל בעקער. בלויז דער שטעטלשער באָק איז שוין געווען וואַך און האָט זאַכט און מיט גאיווה שפּאַצירט איבערן מאַרק, צושאָקלענדיק מיט זיין לאַנ־גער באָרד.

שלום איז צו צו זיין געוועלב, אַרויסגענומען די שליסלען און אַ דריי געטון אין שלאָס. אַ קלונג פון אַן אָראָפּגעפאַלענעם פרענט האָט זיך אַ טראָג געטון איבערן ליידיקן מאַרק. דער שטאָטישער באָק האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק געטון תּמעוואַטע, ווי ער וואָלט זיך עפּעס געוווּנדערט.

שלום האָט געעפנט   וועלב־טירן און זיך אַוועקגע־זעצט אויפן בריקל.

— אוי־וואַ, — האָט ער זיך געטראַכט, — אַזאַ טעות צו האָבן. געמיינט, אַז ס'איז שוין גרויסער טאָג אינדרויסן, און דאָ

איז ערשט סאַמע באַגינען. גאָט אַליין שלאָפט נאָך, כע, כע. אַזאַ טעות צו האָבן... ס׳ערשטע מאָל אין מיין לעבן...

ער האָט פויל אַרויסגעשלעפט פון קעשענע די פּאַרקאַטשעטע, מיט טאַבאַק־זאַפט פאַרשמאָלצענע ליולקע און דאָס פענכערל טיטון — און פאַררייכערט.

פון דער ליולקע האָבן זיך גענומען קנוילן געדיכטע רויך־וואָלקנס. ער האָט געפרוווט כאַפּן אַ בליק ווייט, ווייט איבער דער בריק אַריבער, פונוואַנען עס קומען שטענדיק אָן די פויערים אויף זייערע פורלעך אין שטאָט אַריין, אָבער ס׳איז גאָרנישט געווען צו זען. דער גאַנצער לאַנגער וועג איבער דער בריק, וואָס האָט זיך געצויגן ווי אַ לאַנגע זילבערנע סטענגע טיף אין וואַלד אַריין, איז געווען ליידיק. קיין שאָטן פון קיין פורל אָדער פון אַ מענטש.

שלום האָט אַ לאַך געטון צו זיך אַליין. זיינע גרויע, האַלב־פאַרגעלטע וואָנסעס האָבן זיך נערוועז אַ הייב געטון. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן טרעפט זיך אים אַזאַ טעות. אַזוי פרי אויפצושטיין! ער קוקט דאָך קיינמאָל נישט אויף קיין זייגער. אַזוי — די גאַנצע פופציק יאָר. עס וועקט אים עפּעס אַליין אויף, און שטענדיק — צו דער ריכטיקער צייט. זיין חוש איז דער בעסטער זייגער. פופציק יאָר! דאָס איז נישט קלייניקייט... און דאָ פּלוצלינג אַזאַ זאַך... נו, יאָ, ער איז שוין נישט קיין יינגעלע. שוין אַ שטיק איבער די שבעים... שוין מיט אַ סמיטשיק אַריבער. כמעט קיינמאָל קיין צייט נישט געווען אַ טראַכט צו טון וועגן דעם... שטענדיק פאַריאָגט מיט דער קראָם. צוויי שטיקלעך מענטשן — ביידע אַליין. זי און ער, ער און זי. האָרעווען צוליבן ביסל פּרנסה, ווי די אייזלען... די קינדער — צעשפּרייט איבער אַלע שבעה ימים... נישטאָ קיין צייט אַ טראַכט צו טון וועגן מאָרגנדיקן טאָג... אַזוי פרי אויפצושטיין, אַזאַ טעות צו האָבן...

פּלוצלינג האָט ער אויפגעהאָרכט. פונדערווייטנס, אויף דער אַנטקעגנאיבערדיקער זייט, האָבן זיך געלאָזט הערן טריט. ער האָט

א פעסטן צי געטון פון דער ליולקע און אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו זען, ווער עס גייט.

ס'איז געווען יצחק־יעקב שמש. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך און זאַכט מיט אַ שטיל געגנעלע, אונטערגעשפּאַרט אויף זיין גראָבן ברוינעם שטעקן מיט ווייסן ביינערנעם הענטל. ער איז געגאַנגען, ווי אַלע טאָג באַגינען, עפענען די שול.

שלום האָט זיך דערפרייט, אַבי מען זעט שוין אַ מענטש פאַר די אויגן. אָבער וואָס איז עפּעס יצחק־יעקב פלוצלינג שטיין געבליבן ?... ער שטייט און קוקט אויף אים מיט אַזאַ מאָדנעם בליק, עפּעס מיט אַזעלכע אויפגעריסענע אויגן און רירט זיך נישט פון אָרט... אפשר איז אים שלעכט געוואָרן ? שוין אַן אַלטער ייד, דער יצחק־יעקב שמש, אַ סך עלטער פאַר אים און אַ חלוש דער־צו. ער געדענקט געוויי דאָס יאָר, ווען... אָבער וואָס גייט יצחק־יעקב עפּעס צוריק ? וואָס איז דאָ געשען ? זאָגט אים נישט קיין גוט־מאָרגן — און גייט גאָר צוריק ? טאָ ווער וועט עפענען דאָס בית־המדרש ? אַ מאָדנער ייד, דער אַלטער.

ניין, ער האָט זיך שוין מיישב געווען, ער גייט שוין ווי־דער צו אים... וואָס פאַר אַ קונצן מאַכט ער עס פלוצלינג דאָ ? וואָס קוקט ער אויף אים אַזוי דערשראָקן ? פאַרוואָס זאָגט ער אים נישט קיין גוט־מאָרגן...

פלוצלינג האָט זיך שלום אויפגעשטעלט פון בריקל. ער האָט זיינע אייגענע אויגן נישט געגלייבט. דער אַלטער יצחק־יעקב גייט נישט. ער לויפט צו אים, לויפט שנעל, מיט אַלע כוחות, און מאַכט פאַרצווייפלט מיט די הענט, ווי עס וואָלט דאָ עפּעס אַן אומגליק געשען...

וואָס זאָל דאָס אַלץ באַדייטן ?... אָט האָט זיך שוין באַ־וויזן נאָך אַ ייד פון דער אַנדערער זייט מאַרק ; נאָך צוויי יידן... אַלע לויפן צו אים... זיי מאַכן עפּעס מיט די הענט. וואָס קומט דאָ פאָר ? יצחק־יעקב סאַפּעט, קוים וואָס ער קאָן דעם אָטעם כאַפּן... ער שרייט... וואָס טוט זיך דאָ ?...

שלום האָט בערוועז אַ צי געטון פון דער ליולקע און דער.

שראָקן געקוקט אויפֿן לויפֿנדיקן שמש. וואָס קומט דאָ מיט אים פֿאָר ?... ס׳איז דאָך נישט מעגלעך !... ס׳איז דאָך נישט מ-ע-ג-ל-ע-ך !...

יצחק-יעקב שמש איז געלאָפֿן מיט די לעצטע כּוחות. ער האָט פֿאַרצווייפֿלט געמאַכט מיט די הענט.

— ר׳ שלום, — האָט ער געשריגן, — גאָט איז מיט אייך !... וואָס איז דאָ געשען ? אַן אומגליק נעבעך. ר׳ שלום !.. ס׳איז דאָך היינט שבת !... געוואַלד ! וואָס טוט איר היינט אין גע-וועלב ?... אַ ליולקע ?... ייִדן, געוואַלד ! זעט נאָר, וואָס דאָ איז געשען !

שלומען האָט באַגאָסן אַ קאַלטער שווייס.

פֿון אַלע זייטן לויפֿן ייִדן. פֿונוואַנען האָבן זיך אַלע פּלוצ-לינג גענומען ? צו אים לויפֿט מען. וואָס ? היינט איז שבת ? — געוואַלד ! אַזאַ פֿינסטער אומגליק אויף זיין קאָפּ. אויף זיינע אַלטע יאָרן. אַזאַ טעות !... טאָ וואָס פּיפּקעט ער נאָך די ליולקע ?... וואָס וואַרפֿט ער זי נישט אַוועק ?...

און אָט זענען שוין אַלע אַרום אים. ייִדן אין שבתדי-קע קאַפּאָטעס. זיי קוקן אים עפּעס אַזוי מאָדנע אָן. זיי רעדן און מאַכן מיט די הענט. וואָס זאָל ער טון ? שרייען ? וויינען ? פֿאַר-ענטפֿערן זיך ? וואָאָאָס ?

דער רויך פֿאַרשטעלט אים די אויגן. ער זעט קוים עמעצן. ווי אויף צו להכעיס האָט זיך די ליולקע צערויכערט... גאַנצע וואָלקנס רויך... ער וויל דאָך עפּעס זאָגן, אָבער ער זעט קיינעם נישט. ווו זענען די מענטשן ?...

שלום האָט זיך מיט אַלע כּוחות אַ ריס געטון פֿון בריקל, האָט אַ הייב געטון די האַנט, אָבער די ציין האָבן זיך אים עפּעס אַזוי עקשנותדיק צונויפֿגעקלאַפּט, אַז ער קאָן דאָס מויל נישט עפֿענען.

פּלוצלינג האָט ער זיך אַ וואַקל געטון. ער האָט פֿאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט, זיך אָנגעכאַפּט ביים האַרץ און אַ פֿאַל געטון אין זיין גאַנצער לענג.

אין זיין באַוווסטלאָזיקייט האָט ער נאָך דערהערט אַ טויב געשריי, ווי פון אַ סך העלזער און דאַן איז אַלץ שרעקלעך שטיל געוואָרן...

ווען די אָנגעלאָפענע דערשטוינטע יידן זענען צו צום צוזאַמענגעבראָכענעם ר׳ שלום רפאלקעס, האָט שוין איבער זיין פנים געשוועבט די שלווהדיקע רויִקייט פון טויט.

נאָך האַלבער נאַכט

(סקיצע)

דאָס קליינע געסל ביים טייך ליגט איינגעהילט אין א דיקער פינסטערניש. דאָס ביסל מאָגערע ליכט פון דעם הויכן נאַפט־לאָמפּ אויפן דינעם הילצערנעם דראַנג אין סאַמע מיטן מאַרק דערגייט אַהער ווי א שוואַכער, אומבאַדייטנדער אָפּגלאַנץ פון א ווייטער, העלערער וועלט. אַרום און אַרום איז שטיל. נאָך א לאַנגן טאָג פון יאָגעניש, אַרבעט און פרנסה־זוכעניש, האָט זיך יעדער צעלייגט אין זיין ווינקל, כדי אָפּצורוען דעם מידן, אויסגעמאַטערטן גוף.

אין דער שטילקייט אַרום הערט זיך בלויז דאָס סודותדיקע מורמלען פון פליסנדיקן טייך און דאָס געפלעטשערי פון די וואַסער־כוואַליעס, וואָס שווענקען און גלעטן אָן אויפהער די פלאַכע, מיט גרינס־באַוואַקסענע ברעגן.

פלוצלינג ווערט די שטילקייט און די פאַרגליווערטע רויקייט פון דער נאַכט איבערגעריסן. אין דער פינסטערניש, וואָס ליגט צעלייגט אויף אַלץ אַרום, ווי א שווערע געדיכטע מאַסע, לייכט פּאַמעלעך אויף א ציטערנדער, העלער ליכט־פּאַס. ער ציט זיך דין און לאַנג פון דער שמאָלער לאָדן־עפענונג פון פייגעלע דער אלמנהס פענסטער און צעלייגט זיך איבער דער גאַנצער ברייט פון פינסטערן געסל.

אין דער שטילקייט אַרום דערהערט זיך מיטאַמאָל פון א זייטיק ווינקל א לייכטער, פּ.רדעכטיקער שאָרך. א גוט־אַרומגעהילטע געשטאַלט דערנענטערט זיך פאָרזיכטיק אויף די שפּיץ־פינגער צום באַלויכטענעם פענסטער און גיט א שטילן קלאַפּ אין דער שו ב.

היינ ן לאָדן ווערט באַלד ווידער פינסטער. עמעצער עפנט

פאַרזיכטיק און פאַרגנבעט דאָס פענסטער, און אין דער שוואַרצער נאַכט-שטילקייט דערהערט זיך אַ שעפּטשענדע פרויען-שטימע.

— מענדעלע? דאָס ביסטו?... ששש, פאַמעלעך... קריך פאַרזיכטיק... מאַך נישט קיין ליאַרעם. אָט אַזוי, ששש... באַהיט זאָל איך ווערן, די מאַמע מיט דער קליינער מויד זאָלן זיך מיר געבן אַ כאַפּ אויף...

די אַרומגעהילטע געשטאַלט, מענדעלע פון טאַרטאַק, גיט זיך אַ שפּאַר אונטער מיט די פעסטע אָרעמס, טוט אַ הייב אין דער לופטן דעם הויכן, שלאַנקן קערפּער און מיט איין שפּרונג, ווי אַ פלינקער הירש, איז ער שוין דאָ אין שטוב. ער פאַרמאַכט דאַן שטיל און פאַרזיכטיק דאָס פענסטער מיטן לאָדן און באַלד זיצט ער אויף דער ברייטער, ווייכער קאַנאַפּע און דריקט צו זיך די צאַפּלדיקע און פלאַטערנדיקע פייגעלע אין איר ברייטער זייד׳ענער פּיושאַמע.

ער פירט זיינע ציטערנדיקע פינגער איבער איר וואַרעמען, געטאָקטן קערפּער און רונדע קערנדיקע גלידער. עס טראָגט זיך פון איר אַזאַ יוגנטלעכע פרישקייט און פאַרשיכורנדער פרויען-ריח, וואָס צעטומלט און מאַכט ווילד. ער גראָבט איין זיין אָפּגעברוינט און באַבערדלט פּנים צווישן אירע אַרויסשטאַרצנדיקע, קיילעכיקע ברוסטן, און אַן איבערפלייצטער פון וואַרעמקייט און גליק, פאַרשיכורט פון דער נאָענטקייט מיט איר, קלאַמערט ער זי אַרום מיט זיינע שטאַרקע אָרעמס, ווי מיט צוויי אייזערנע רייפן...

— פייגעלע, טייערע, — שעפּטשעט ער שטיל און אָפּגעהאַקט, — זאָל איך אין מיין לעבן קיין גוטס נישט האָבן, אויב כ׳וועל דיך נישט מאַכן פאַר מיין ווייב... הערסט, פייגעלע, זאָלן אַלע רעדן, וואָס זיי ווילן נאָר אַליין. כ׳האָב פאַר קיינעם קיין מורא נישט. ס׳פּאַסט מיר אפשר נישט אַזאַ ווייבעלע ווי דו?... האַ, טייערע?...

פייגעלע זיצט שטיל, ווי זי וואָלט געווען שטאַרק פאַרטיפט אין איר גליק, זי הערט מיט פאַרגעניגן אויס אַלע זיינע זיסע און גלעטנדע רייד און ווערט מיטגעריסן פון זיין אויסברויז

און ליבע־עקסטאַז. זי קוקט זינגעריש און גליקלעך ערגעץ ווייט איבער זיין ווילדער טשופּרינע אין דער שוואַרצער טונקלקייט אַריין און דריקט נאָך פעסטער זיין הייסן קאָפּ צו איר ברוסט.

— יאָ, מענדעלע, איצט זאָגסטו אַלץ צו, גילדענע בערג... אָבער זאָל נאָר דיין זון און דאָס פאַרגרינטע טעכטערל אַ רעד טון אַ וואָרט, ווערסטו באַלד דערשראָקן און קענסט מיך שוין מער נישט... וואָס זיי רעדן אַלץ אין דיר אַריין: אַז מען טאָר מיט מיר נישט חתונה האָבן, אַז כ׳האָב שוין באַגראָבן דריי מע־נער... יאָ, מענדעלע, איצט קושסטו מיך...

מענדל ווערט מיט איינמאָל עפּעס אַזוי מאָדנע ניכטער, אַ לייכטער שוידער צעגייט זיך אים איבער דער גאַנצער לענג פון קערפּער. ער רייסט האַסטיק אָפּ דעם קאָפּ פון איר הייסער, קערנדיקער ברוסט און קוקט זי אָן מיט אַ פּאָר דערשראָקענע אויגן.

— יאָ, — טראַכט ער זיך, — דריי מענער האָט זי שוין באַגראָבן. און יעדערן — פונקט צום יאָר נאָך דער חתונה... מענדל, אַנטלויף מיט גאַנצע ביינער... ס׳איז נישט קיין ווייב, ס׳איז אַ טייוול אין מענטשן־געשטאַלט. זי ־יט אירע מענער, אַ קטלנית... די גאַנצע שטאָט רופט זי אַזוי. זי דערהרגעט זיי מיט איר כישופֿדיקן בליק פון אירע גרויסע, העלע אויגן... מענדעלע, אַנטלויף...

פייגעלע כאַפּט אויף אין דער פינסטערניש דעם גרינעם גלאַנץ פון מענדעלעס דערשראָקענע אויגן. זי גיט אים אַ האַסטיקן צי צו זיך, גראָבט איין אירע לאַנגע, וואַרעמע פינגער אין וואַלד פון זיינע צעשויבערטע האָר און דריקט ווידער פעסט זיין קאָפּ צו איר ווייסער שטייפער ברוסט.

— האָסט מורא פאַר מיר, האַ, מענדעלע? גלייבסט טאַקע אַלע נאַרישקייטן פון די היגע פאַרשליכטע ווייבער, וואָס ברע־נען מיט האַס און קנאה צו מיר.

זי ווערט פּלומרשט באַלייריקט און גיט אים לייכט אַ שטופּ אָפּ פון זיך.

— גיי, ביסט דאָך אַ רייכער יונגער אַלמן, האָב חתונה מיט

הערשעלע בעקערס שווארצער מויד, דעם גראָבן קלאָץ מיט די שטענדיק־פארשוויצטע הענט און דער רויטער בראָדאווקע אויף דער נאָז... א גאַנץ גוטער שידוך פאר דיר. ביסט א יונגער אלמן, האָסט אַן אייגענעם טארטאַק, וועט דיר טאַקע שטאַרק צונוץ קו־מען דער גראָבער קלאָץ אין דער מאַשין אריין, כאַ, כאַ, כאַ...

זי צעלאַכט זיך שטיל, אָבער אַזוי שפּאָטיש און גיפטיק, אַז מענדעלען גיט עס אַזש א שטאָך ביים הארץ.

יאָ, אמת, מען שרכנט אים טאַקע הערשעלע בעקערס טאָכ־טערס, א מויד א בריה, זי האָט א שיינעם נדן אויך. נו, זאָל ער מיט איר חתונה האָבן? און פייגעלע? איבערלאָזן זי פאר מאָטעלע שענקער, דעם געפּוצטן יונגערמאַנטשיק, וואָס דרייט זיך גאַנצע טעג הינטער איר פענסטער? משוגע דאַרף ער זיין...

ער גיט פייגעלען א האַסטיקן קלאַמער ארום און זעצט זי אַוועק צו זיך אויף דער שויס, ווי א קליין קינד.

— ניין, טייערע, כ'וועל דיך נישט אויסטוישן אויף קיין שום מויד זאָל די גאַנצע שטאָט רעדן מיט שוים אויף די ליפּן. כ'האָב פאר קיינעם קיין מורא נישט.

ער רעדט האַסטיק און מיט ברען, ווי ער וואָלט געוואָלט פארשרייען אין זיך די פארשידענע געדאַנקען און ספקות, וואָס מאַכן אים נאָך א ביסל שווער דאָס געמיט.

— נאָר מיט דיר וועל איך חתונה האָבן, פייגעלע, אַלעמען אויף צו להכעיס, אפילו מיין יונג מיט דער מויד; וואָס? זיי וועלן דעם טאַטן זייערן זאָגן א דעה מיט וועמען חתונה צו האָבן?...

אין פייגעלען טאַנצט אַזש דאָס הארץ פאר שמחה. זי גיט א פאַל צו מיט איר הייס מויל צו זיינע ליפּן און שעפּטשעט דערשראָקן:

— שטילער, שריי נישט אַזוי, וועסט מיר אויפוועקן מיין מויד מיט דער מאַמען. שיין וואָלט איך אויסגעזען, ווען זיי דער־שנאַפּן מיך דאָ אַזוי מיט דיר...

פלוצלינג דערהערט זיך א פאַרדעכטיקער שאָרך הינטערן פענסטער. אין פינסטערן דרויסן רעדן צווישן זיך צוויי אויסגע־רעגטע שטימען און באַלד הייבט עמעצער אָן האַסטיק צו קלאַפּן אין פייגעלעס לאָדן.

— שפּן, חצופה, זאָלסט שוין אַרויסלאָזן אונזער טאַטן... דעם קאָפּ מיט די יאָרן האָט זי אים פאַרדרייט... טאַטע, אַרויס פון דער נאַפּקע, זי וועט דיך פאַרפירן אין דר'ערד אַריין. דאָס גאַנצע געלט מיטן פאַרמעגן האָט ער איר שוין איבערגעטראָגן, דער נקבה... אַרויס, די מינוט, געדענק, וועסט ביי איר האָבן אַזאַ סוף, ווי אירע פריערדיקע דריי מענער... די גאַנצע שטאָט וועט דאָ באַלד שטיין אויף איין אָרט...

אין שטוב ביי פייגעלען ווערט אַ שרעקלעכער טומל. די מויד מיט דער אַלטער מאַמען כאַפּן זיך אויף דערשראָקענע מיט אַ געוואַלט. מענדעלע גיט דערשראָקן אַ שאַר אַראָפּ פון זיין שויס די האַלב-נאַקעטע פייגעלע און רייסט זיך אַ צעטומלטער אויף פון דער קאַנאַפּע. די הענט און פיס ציטערן אים פון שרעק און אויפרעגונג, און נישט לאַנג טראַכטנדיק, גיט ער זיך אַ לאָז אין דער גאַנצער לענג אויף דער פּאָדלאָגע און פאַרקריכט, שטיל ווי אַ מייזל, אונטער פייגעלעס בעט.

פייגעלע וואַרפט שנעל אַראָפּ פון זיך דעם זיידענעם שלאָפ-ראָק. אין דער טונקלקייט פון צימער גיט אַ שימער איר נאַקעט, בלענדנד לייב און מיט איין שפרונג ליגט זי שוין אין בעט, פאַר-דעקט מיט דער קאָלדרע און מיט פעסט-געשלאָסענע אויגן, ווי זי וואָלט שוין שעהן-לאַנג געשלאָפן.

אין געסל ווערט אַ גערודער און אַ געקלאַפּערײ פון זיך עפנענדיקע טיר און פענסטער.

צעשויבערטע קעפּ מיט אויפגעריסענע, פאַרשלאָפענע אויגן, גלאָציק-דערשראָקענע אין דער אַרומיקער פינסטערניש. עס הערט זיך אַ ברייט גענעצן און אַ הויך ווייבעריש גערעדערײ, וואָס הילכט אָפּ אין דער אַרומיקער פינסטערניש, ווי אַ בייז, טייוו-לאָניש געלעכטער.

— שוין ווידער דאָס אויסגעלאָסענע שטיק...

— היינט האָט זי פאַרשלעפּט מענדעלע פון טאַרטאַק צו זיך אין דער נאָרע אַריין... די קינדער זענען אים געקומען אָפּנעמען...

— אַן אויסרייסעניש אויף איר. זי האָט נאָך ווייניק געהאַט דריי מענער. זי דאַרף שוין באַגראָבן אַ פערטן... כע, כע, כע...

עס פליען בײזװיליקע און שטעכעדיקע װײבערישע רײדע־
לעך דורך אויפגעפראַלטע טירן און ברײט געעפנטע פענסטער. עס
פאַלן ביטערע און בײזע קללות אויף פײגעלעס קאָפּ, באַגלײט
מיט אַ פרום קרעכצעלע.

אָבער ביסלעכװײז, פּונקט װי יעדע נאַכט, װערן די שטי־
מען װײניקער. דער אויפגעהױבענער טומל, װי אַ שװער־געװאָר־
פענער שטײן אויף אַ גלאַטער װאַסער־פלאַך, הײבט זיך פּאַמעלעך
אָן אײנצושטילן און יעדער לײגט זיך צוריק אויף זײן אויסגעװאַ־
רעמט געלעגער.

מיטאַמאָל דערהערט זיך אַ פאַרדעכטיקער שאָרך. עמעצער
עפנט שטיל און פאַרגנבעט פײגעלעס פענסטער. אַ הױכער מאַנס־
ביל גיט פאָרזיכטיק, מיט אַן אײנגעהאַלטענעם אָטעם, אַ שפרונג
אַרױס פון שטוב און פאַרשװינדט שנעל אין אַ פינסטער װינקל.

די שװאַרצע, פאַרגליװערטע שטילקײט, װאָס איז אַ װײלע
אויפגעטרײסלט געװאָרן פון איר נאַכט־דרימל, הילט װידער אײַן
דאָס געסל.

מיתת נשיקה

פרייטיק, עטלעכע שעה פאַר ליכט־צינדן, פלעגט שוין ר׳ משה משמש שטיין פאַרן רבינס טויער, אָנגעטון אין בגדי שבת און אין שטריימל, מיט דער ליולקע ציבוק אין מויל, און אָפּוואַרטן די אָנפאָרנדע דראָזשקעס מיט חסידים.

ר׳ משה משמש איז געווען שוין אַן עלטער יידל, מיט אַ קליין גרוי בערדל און לאַנגע דינע פאות אַרום בלאַסן, נעבעכדיקן פנים. ר׳ משה אַליין איז שוין נישט געווען קיין משמש. מען האָט אים נאָר אַזוי גערופן צוליב זיין אַמאָליקן אַמט, אַלס משמש ביים „אַלטן״, זכרונו לברכה. דאָ, אין הויף, איז ער שוין געווען „אויף עמעריטור״ און זיין אָרט האָט פאַרנומען ר׳ יוסף.

דער רבי, וואָס האָט אים נאָך געדענקט פון די יינגל־יאָרן אַלס משמש ביי זיין פאָטער, דעם „אַלטן״, זכרונו לברכה, האָט ר׳ משהן מקרב געווען און שטאַרק פון ם געהאַלטן. פאַרטאָג און ביינאַכט פלעגן זיי ביידע לערנען אַ שיעור.

ר׳ משה משמש איז געווען אַ ייד אַ למדן און אַ גרויסער חסיד. געלעבט האָט ער איצט פון חסידישע „לעצט־געלטער״ און פון זיין אכסניה פאַר חסידים. ער האָט שוין געהאַט זיינע געשווירענע געסט, וואָס פלעגן נאָר ביי אים איינשטיין. און ערב שבת, אָדער ערב יום־טוב, פלעגט ער פון אינדערפרי אָן שטיין פאַרן טויער און זיי אָפּוואַרטן.

ער איז געווען אַ טויבער. דאָס האָט מען גלייך באַמערקט, אַ קוק טועגדיק אויף זיין שטאַר, אומבאַוועגלעך געזיכט, וואָס האָט מיט קיין שום קנייטש קיינמאָל זיך נישט אָפּגערופן אויף עפּעס אַ קלאַנג, אָדער וואָרט. אַלץ, וואָס האָט אַרום אים פּאַסירט, איז פאַר אים אַדורך אומבאַמערקט.

פון אמאָליקע צייטן, ווען ער איז נאָך געווען אַ ביסל חעי־רעווודיק, האָט ער געדענקט עפּעס אַ חסידישן ניגון, און אָט דעם ניגון פלעגט ער ביי יעדער געלעגנהייט אונטערברומען, אָדער הויך זינגען און דערביי מלא שמחה צופּאַטשן מיט די הענט.

שטאַרק אויפגעלייגט פלעגט ר׳ משה ווערן, ווען ער פלעגט שטיין ביים טויער און באַמערקן אַן אָנקומענדע דראָזשקע פון דער באַן מיט „זיינע" חסידים. ער פלעגט דאַן אַ כאַפּ טון דעם ליול־קע־ציבוק אין דער לינקער האַנט און מיט אַן אויסגעשטרעקטער רעכטער האַנט פלעגט ער, אַ צעשטראַלטער פאַר פרייד, נעמען איינטיילן די אָנגעקומענע „שלום".

— שלום־עליכם, שמעון, וואָס מאַכט מען? סאיז דיין בחור? קיין עין־הרע! ער באַגערט כאָטש צו לערנען? אַ, זלמן־ניסן, דו גאָר? וואָס טוסטו עפּעס דאָ אויף ימים נוראים? קומסט דאָך שטענדיק אויף די אַנדערע טעג פסח, צום אַלטנס, זכרונו לברכה, יאָרצייט... נו, נו, גייטס אַריין, גייטס אַריין. שוין שפּעט! צ׳עט נאָך אפשר קאָנען שלום נעמען. דער רבי איז שוין דאָ פון מקווה.

ר׳ משה איז געווען אַן אָפּגעהיטענער ייד, פלעגט נאָר עוסק זיין אין תורה און עבודה און זיך אַרומגעפּאָרעט מיט די חסידים. די אכסניה פלעגט פירן זיין ווייבעלע. גלויז מושווה ווערן פלעגט מען מיט ר׳ משהן.

— ר׳ משה, וואָס וועט מיך קאָסטן ביי אייך שבת מיט מיין בחור? — פלעגט מען אים צושטעקן אַ מויל צום אויער און מיט אַלע כוחות אַריינשרייען.

— הע? דו מיינסט? וויפיל געלט? ממאַ, מיינע וועט דיך נישט באַרייסן... נאַ, זעץ דיך און לייג אַוועק דאָס פּעקל.

דערלאַנגען צום טיש פלעגט ר׳ משה מיט זיין זון. טיילן דאָס עסן פלעגט דאָס ווייב. ער פלעגט קיינעם נישט נושא־פּנים זיין און יעדן, סיי אָרעם, סיי רייך, געבן די זעלבע פּאָרציעס. בעתן עסן פלעגט ער אַרומלויפן צווישן די חסידים און אַכטונג געבן, עס זאָל קיינעם גאָרנישט פעלן. יעדע פּאָר מינוט איז ער

געגעבן אַ פֿאַל אַריין מיט אַ פֿולן צעפֿאַרעוועטן טעלער עסן און אים אַ שטעל געטון אויפֿן טיש.

— נאַט, עסט, יידעלעך, זאָל איך וויל באַקומען, קאָכע־דיקע באָבעלעך, מחיה נפשות! עסט, יידעלעך, באָבעלעך! קאָ־כע־דיק!

ערב שבת, אָדער יום־טוב נאָענט פֿאַרנאַכט, פֿלעגן חסידים געבן ר׳ משהן צו באַהאַלטן זייערע בייטעלעך מיט געלט. משה פֿלעגט אַריינרוקן דאָס געלט אין קעשענע און אַ גלעט טון דעם געבער איבערן אַקסל:

— קלער גאָרנישט איבער... יענעמס געלט בריט מיך... טאָמער וועל איך עס דיר וועלן פֿאַרלייקענען, זאָלסטו גיין צו מיין „בני־בית״ (ווייב) און זאָלסט איר זאָגן, אַז איך, משה דער משמש, האָב עס איר געהייסן אָוועקגעבן... אַ סימן קאָנסטו איר געבן, אַז איך בין נעבעך, בשפֿל המדרגה, הן ברוחניות, הן בגשמיות, כ׳טו פֿאַר מיר גאָ־אָ־אָ־ר־נישט!... וועט זי באַלד זען, אַז עס איז אמת און וועט דיר דאָס געלט באַלד אָפּגעבן.

אויף ראש־השנה און יום־כיפּור, ווען עס פֿלעגן אָנפֿאָרן אַ סך חסידים, פֿלעגט ר׳ משה צוהעלפֿן ר׳ יוספֿן שרייבן קוויטלעך.

— העז? וואָס זאָגסטו? חוה־לאה בת ביילע? אַ מניקת?.. וואָס? אַ יולדת?... אַזוי גאָר, אַ שידוך הגון? נו, טאָ וואָס שווייגסטו? קאָנסטו דאָך זאָגן!... וואָס? להריון? טאָ וואָס שטייסטו ווי אַ גולם? רעד אַ וואָרט.

ר׳ משה פֿלעגט ביים רבינס טיש זיין פֿון די „יושבים״, און בעתן עסן, ווען דער עולם האָט שוין אָפּגעכאַפּט שיריים און צלעמענס קעפּ פֿלעגן פֿלוצלינג מיט אַן אימפּעט געבן אַ פֿאַל צו צום רבינס ווינקל, כּדי צו הערן אַ גוט וואָרט, אַ „תורה״, פֿלעגט ר׳ משהס קאָפּ בלייבן גלייך און אומבאַוועגלעך. ער, ר׳ משה, פֿלעגט בלויז שאַרף קוקן דעם רבין אויף די ליפּן און פּרוּוון אָראָפּלייענען, וואָס ער זאָגט.

שביעי־של־פּסח האָט דער רבי געהאַט יאָרצייט און ער פֿלעגט צוליב דעם טאַנצן, אַרומגערינגלט פֿון אַ רעדל חסידים, וואָס פֿלעגן מיט יראת־הכּבוד קוקן אויפֿן רבין, שטייענדיק אַ ביסל

פונדערוויטנס. בלויז ר׳ משה פלעגט אָננעמען דעם רבין פאר אַ האַנט און מיט איבֿ מיטטאַנצן. ער פלעגט דעמאָלט זייער גרויס אויסוואַקסן אין חסידימס אויגן.

— אַ וואָזשנער ייד, ר׳ משה, אַ בוצינא קדישא !...

* * *

ראש-השנה איז ר׳ משה געווען בעל-תוקע און דאָס האָט ער געטון ביז זיינע לעצטע טעג. אין זיין לעצטן ראש-השנה האָט ער זיך ביי תקיעות שטאַרק פאַרהאַקט און בשום-אופן נישט געקענט ווייטער בלאָזן. אַ באַגאָסענער מיט שווייס, האָט ער זיך הייך צעקרעכצט:

— מנע, דער שטן, ר״ל, איז זיך מתגבר !... גיב מיר, גאָטעניו, כוח !...

ער האָט דאַן שנעל אויסגעדרייט דעם שופר מיט דער ברייטער זייט צום מויל, שטיל, מיט אַ געוויין, אַריינגעזאָגט „ויהי נועם" און „יושב בסתר" אין שופר אריין און גליקלעך פאַרענדיקט די תקיעות. פון זינט אָט די תקיעות איז ר׳ משה אַרומגעגאַנגען אַ טרויעריקער און פאַרזאָרגטער.

ר׳ זלמן-ניסן, דער שטענדיק אויפגערוימטער ייד, האָט זיך געפרווט ר׳ משהן אַ ביסל צו צעשטרייען, אַ שטיף טון מיט אים, און מוצאי-יום-טוב, פאַרן געזעגענען, האָט ער זיך אוועקגעזעצט מיט ר׳ משהן איינטענהן:

— הערסט, משה ? — האָט ר׳ זלמן-ניסן אים גענומען אַריינשרייען אין אויער אַריין, — גאָט איז גאַר קיין מענטש נישט. אַז ער האָט דיר געקאָנט מאַכן אַזאַ „קאַוואַל" ביי די תקיעות, יאַך איך דיין אָרט וואָלט מיך...

— נו, שוין, שוין, — האָט ר׳ משה איבערגעריסן, — נאָר נישט רעדן אויף דעם „ס׳איבעריקע". זאָל דיך גאָט שומר ומציל זיין, וואָס זענען מיר, מ׳שטיינס געזאָגט, און וואָס קאָנען מיר רעדן ? לאָמיר זיך דעריבער באַרעכטנען. ווערסט פאַרשפּעטיקן די קאַליע, וואָס האָסטו געהאַט, זלמן-ניסן ?

— וואָס האָב איך געחאַט? דאָס זעלבע, ווי אַלע יאָר. ס'ערשטע מאָל יום-טוב ביי דיר?

— נו, און דיין בחור, דיין אַלטערן, רעכנסטו נישט?

ר' משה האָט אָוועקגעלייגט דאָס לאַנגע פיש-ברעטל אויף דער לינקער זייט און — ווי זיין מנהג איז געווען — האָט ער גענומען שרייבן די ציפערן פון אונטן אַרויף, כדי זיי שפּעטער צוזאַמענצורעכענען. בשעת ר' משה איז שוין מיט זיין שטיקל קרייד געווען אויפן אייבערשטן עק פיש-ברעטל, האָט דערווייל ר' זלמן-ניסן בגנבה אָפּגעמעקט אַ שפּאַרע פּאַרציע אונטערשטע ציפערן.ביים צוזאַמענרעכענען איז כּמעט גאָרנישט אַרויסגעקומען... אַזוי כּסדר עטלעכע מאָל.

ר' משה האָט בשום אופן נישט געקאָנט משיג זיין, וואָס דאָ איז, און מיט אַ געלעכטערל האָט ער ענדלעך אָוועקגעוואָרפן דאָס שטיקל קרייד.

— נו, זלמן-ניסן, גיב אַהער לעצט-געלט און גיי בּאַרעכן דיך מיט מיין „בני-בית".

ווען ר' משה איז שוין געלעגן צו בעט און מער נישט גע-קאָנט אַראָפּגיין, איז דער רבי, זכרונו לברכה, אַליין אים געקומען כּמעט יעדן טאָג מבקר חולה זיין.

— אַן ערלעכער ייד, ר' משה, — האָט דער רבי געזאָגט, — ער האָט שטענדיק געדינט דעם אייבערשטן מתוך אהבה. ער האָט פאַר קיינעם קיין מורא נישט...

פון רבינס ווערטער: „ער האָט פאַר קיינעם קיין מורא נישט" זענען די חסידים טרויעריק געוואָרן און פאַרזאָרגט גע-שאָקלט מיט די קעפּ.

איינמאָל, ווען דער רבי איז, ווי יעדן טאָג, געקומען ר' משהן מבקר חולה זיין, האָט ער זיך פלוצלינג צו אים צוגעבויגן און אים אַריינגעשריגן אין אויער אַריין:

— משה, זאָלסט ווייטער קומען אין בית-המדרש אַריין...

הערסט, משה ?... ווערסט ביי מיר זיין אַ שיינער גאַסט... געדענק, וואָס איך זאָג דיר אָן, משה !...

דעם זעלבן טאָג, בין מנחה למעריב, האָט פּלוצלינג געדונערט דונערן און בליצן און עס איז אַראָפּגעפאַלן אַ שלאַקס-רעגן.

ווען דער רעגן האָט אויפגעהערט, איז מיטאַמאָל אַריין דער רבי. ער איז צו צום בעט און עפּעס שטיל-שטיל אַריינגערעדט אין חולה. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט און איז אַרויס. ווען די פאַרזאַמלטע יידן זענען שנעל צו צום בעט, איז שוין ר׳ משה געלעגן מיטן פּנים צו דער שטוב, מיט אָפענע, אָבער אומבאַוועגלעכע אויגן.

דער עולם חסידים אַרום חולהס בעט האָט זיך שטיל און פאַרטרויערט איבערגעקוקט. און ר׳ יאָסל כשר, דער וואָכעדיקער בעל-אכסניה, איז דער ערשטער צו צום בעט.

— יידן, — האָט ער אויסגערופן, — ר׳ משה איז נפטר געוואָרן בנשיקה !...

פּאַרשטעלטע

אויפֿן באַנהויף אַלעקסאַנדער-פּלאַץ אין בערלין האָט עס אַזש אַ דונער געטון פֿונם נאָר-וואָס אָנגעלאָפֿענעם אינטערנאַציאָנאַלן צוג. באַלד איז די גאַס אַרום שוואַרץ געוואָרן פֿון די הונדערטער אָנגעקומענע פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן זיך אַ לאָז געטון אין אַלע עקן שטאָט אויף אויטאָס, טראַמווייען און צופֿוס, מיט האַק און פּאַק.

יאָסל האָט שווער אַ שטעל געטון דעם גרויסן רייזע-פּאַק, טיף אָפּגעאָטעמט און זיך גענומען פֿאַרוווּנדערט אַרומקוקן.

— אָ-יאָ, אַ שטעטל בערלין, באמונות!

ער האָט מיט אַנטציקונג אַ ווײַלע באַטראַכט די גרויסע, שלאַנקע באַדראַלינאַ-סטאַטוע מיט דער אויפֿגעהויבענער נאַקעטער האַנט, די פֿאַרבן-רײַכע שויפֿענסטער פֿון די גרויסע וואַרענהײַזער, און אַ הייב טוענדיק זײַן פּאַק צוריק אויפֿן אַקסל, האָט ער זיך אַ לאָז געטון ערגעץ צו אַ גאַסן-עק.

יאָסל איז אין בערלין געווען פֿולשטענדיק פֿרעמד; ער האָט דאָ נישט געהאַט קיין שום קרובים אָדער באַקאַנטע. פֿונעם קליינעם גאַליציאַנער שטעטעלע האָט ער בלויז מיטגעבראַכט אַן אַדרעס צו עפּעס אַן אומבאַקאַנטן מיט אַ יידישן נאָמען און אַ גוייִשן צונאָמען, ערגעץ אין אַ הויז אויף אָראַניענבורגער-שטראַסע.

יאָסל האָט אינסטינקטיוו זיך אַ טאַפּ געטון בײַ דער בוזעם-קעשענע, וווּ ס׳איז געלעגן דער אַדרעס, אײַנגעוויקלט אין אַ גראָב קנײַפּעלע מיט זילבערנע מטבעות. מיט די אויגן האָט ער אויף אַלע זײַטן געזוכט עפּעס אַ היימיש פּנים מיט יידישע שטריכן, כּדי צו קאָנען פֿרעגן און פֿריי אַ רעד טון.

פלוצלינג האָט אים ווער ליכט אַ ריר געטון ביים אַקסל.

— יונגערמאַן, אַ פרעמדער, הע? פון רוסיש-פוילן? פון גאַליציען?

יאָסל האָט אַ וואָרף געטון דעם פּאַק פון אַקסל און איז שטיין געבליבן.

— יאָ, פון גאַליציען, פון ריישע, — האָט ער פריידיק אַ זאָג געטון. — כ׳זוך טאַקע מיט ליכט אונזערס אַ ייד.

— יונגערמאַן, זייט רויק, דאָ, אין בערלין, וועט איר נישט פאַרפאַלן ווערן. אַ יידישע שטאָט. אפשר דאַרפט איר אַן אכסניה? ביליק און גוט. שרעקט אייך נישט אַזוי, כ׳וועל אייך, חס-וחלילה, נישט פאַרפירן, כ׳זע, אַז איר זענט אַ פרומער יונגערמאַן.

— כאָטש אַ היימישער מענטש דער בעל-אכסניה?

— וואָס פרעגט איר? אַ פיין מענטשל, אַ נאַש-בראַט, אָרנטלעך, ריין און כשר אפילו למהדרין! אָט האָט איר די אויגוסט-שטראַסע. איר זעט די לאַנגע שילד איבערן קעלער? „ביר פאַצענהאָפער און שולטהיים". אָט דאָרט איז עס.

יאָסל האָט אַ שלעפּ געטון דעם פּאַק, האָט זיך פאָרזיכטיק אַ טאַפּ געטון ביים קניפּל אין בוזעם-קעשענע און, אַ ברום טוענדיק: „אַ שיינעם דאַנק", האָט ער זיך אַ לאָז געטון צום קעלער-רעסטאָראַן.

די שמאָלע גלעזערנע טיר מיט דעם גרויסן „כשר"-אויפשריפט האָט אַ ריס געטון ביים גלעקל מיט אַזאַ אימפּעט, אַז הערשעלע סערקעס, דער באַלעבאָס, האָט אַזש אַ צאַפּל געטון און איז אַזש אויפגעשפּרונגען אַ דערשראָקענער פון זיסן דרימל הינטערן בופעט.

— שלום עליכם אַ ייד! נישט קיין היגער, הא? זיצט! וואָס וועט איר עפּעס נעמען אין מויל אַריין? סערקע, סערקע, קום אַריין! אַ גאַסט!

אין אַ ווינקל הינטערן בופעט האָט זיך געעפנט אַ טיר און ס׳איז אַריין אַ ברייטע, נידעריקע יידענע מיט אַ רויט פּנים און אַ פעטן, אָנגעגאָסענעם גוידער.

— כ׳וועל בעטן אַ גריץ מיט אַ פּאָר זעמל, — האָט יאָסל

נישט דרייסט אַ זאָג געטון. — ווי קאָן איך מיך דאָ וואַשן צו „שאו-ידיכם" ?

באַלד האָט אַ הויכע מויד מיט אַ בלאָנדן קאָפּ האָר און אַ שטייף-אַרויסשטייענדיקן בוזעם אַרייַנגעטראָגן אַ פּאַרענדיקן טעלער גריץ מיט אַ פעטן ביין אינדערמיט און אים אַ שטעל-געטון יאָסלען אונטער דער נאָז.

יאָסלען האָט אַזש אַ טיאָכקע געטון אין האַרץ. ער האָט זיך צוגעזעצט מיט דער בלאָנדער מוידס בליק און איז געבליבן זיצן אַ צעמישטער.

— עסט, יונגערמאַן, וואָס זיצט איר ? די גריץ ווערט קאַלט. — האָט סערקע אים אַ מונטער געטון. — אַ שאָד, ס׳אַ ווייל ביסעלע עסן...

• • •

יאָסל איז געבליבן וווינען בּאַ הערשל סערקעס אין רעסטאָראַן-אכסניה. אינדערפרי פלעגט ער זיך עפעס לאַנג מכינען ביי זיך אין צימערל און זאָגט אָפּעסן דאָס פרישטיק. צו מיטאָג פלעגט ער זיצן מיט הערשעלע סערקעס פרומע געסט און שמועסן.

— פונוואַנען איז אַ ייד ?

— פון רוסיש-פּוילן, לעבן וואַרשע, און איר ?

— עך, פון גאַליציען, אַ רייַשער.

— וואָס טוט אַ יונגערמאַן אין בערלין ?

— וואָס זאָל מען טון ? מען לערנט.

— אויף ראַבינער אוודאי, הא ?

— אַזאַ שטייגער...

אין אָוונט פלעגט יאָסל ערגעץ פאַרשווונדן ווערן און צוריקקומען ערשט שפּעט בייַנאַכט. עפּענען פלעגט אים כמעט שטענדיק די הויכע בלאָנדע מויד, וואָס איז ביי הערשל סערקעס געווען קעכין, קעלנערין און געשעפטס-פירערין.

ער פלעגט שנעל אַדורכלויפן צו זיך אין צימערל אַריין און

זיך צומאָל אויף איר נישט אומקוקן, אָבער דערנאָך פלעגט ער לאַנגע שעהן ליגן אויפן געלעגער און קיין אויג נישט צוטון. ער האָט אין געדאַנק געזען איר הויכן שיינעם בוזעם, דעם קאָפּ בלאָנ־דע האָר און די שיינע, שלאַנקע פיס.

איינמאָל, דאָס איז געווען צוויי טעג פאַר יום־כּיפּור, שפּעט ביינאַכט, ווען יאָסל איז אַהיימגעגאַנגען דורך דער שמאָלער און פינסטערער „הייליק־גייסט"־שטראַסע, האָט אים ביים גאַסן־עק פּלוצלינג אָפּגעשטעלט עפּעס אַ פרויען־געשטאַלט:

— ליבכען, קומסט מיט ?... נור 2 מאַרק...

ער האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטון אויף דעם בערלינער נאַכט־פויגל. עפּעס אַ באַקאַנטע שטימע... האַ ? האָט ער קיין טעות נישט ?

יאָ, דאָס איז זי דאָך... גיטעלע. הערשל סערקעס קעלנע־רין !... עס האָט אים אַזש אַ מיש געטון אין קאָפּ.

— גיטעלע, — האָט ער געריררט אַ זאָג געטון, — גיטע־לע, דו ?...

גיטעלע האָט אַ ספּאַזמאַטישן קוויטש געטון. אַזאַ שלימ־מזלדיקער טראָף... הערשעלעס לאָקאַטאָר, דער חזידישער בחור וואָס לערנט אויף ראַבינער... אַלע וועלן איצט וויסן ווער זי איז...

זי האָט זיך נערוועז אַ כאַפּ געטון פאַר אַ באַק און האָט ווילד גענומען לויפן — — —

— אַזאַ זאַך, אַזאַ זאַך, — האָט יאָסל כּסדר גערעדט צו זיך אַליין, — ווער האָט זיך אויף דעם מיידל געקאָנט אַזויגס ריכטן ?... און דאָס באַדינט הערשעלעס פרומע געסט, די חסידישע כּשר־עסערס, און דאָס האַלט זיך אַ גאַנצן טאָג אַזוי שטיל און גאָטספאָרכטיק... אָך, ווען הערשל זאָל וויסן, וועמען ער האַלט אין שטוב, ווער עס איז די באַשיידענע קעלנערין זיינע... ווען ער זאָל וויסן איר אמתע באַשעפטיקונג... אָ־וואַ, אָ־וואַ, אַזאַ זאַך...

צו דער אכסניה איז יאָסל צוגעקומען שוין גאָר שפּעט ביי־נאַכט, ער האָט געוואָלט אָנקלאַפּן, ווי שטענדיק, אָבער צו זיין

גרויס פאַרווונדערונג אין די טיר געווען אָפּן. ער איז שטיל אַריין, כדי קיינעם נישט איבערצוּוועקן.

פלוצלינג האָט ער דערהערט עפּעס אַ מאָדנע גערויש און אַ פאַרשטיקט געשריי פון יענער זייט קיך־טיר. טראָץ דער שפּעטער נאַכט־שעה איז אין קיך געווען עפּעס זייער לעבעדיק און ס׳האָבן זיך פון דאָרט געטראָגן אומהיימלעכע, האַרצרייסנדע געשרייען און קרעכצן.

אַ שטאַרק־איבערגעשראָקענער איז יאָסל שנעל צו צו דער קיך־טיר, האָט זי אַ ריס געטון און איז שטיין געבליבן, ווי פאַרשטאַרט פון שרעק און איבעררעשונג:

הערשל סערקעס און סערקע, זיין ווייב, זענען געשטאַנען מיט מעסערס אין די הענט און האָבן אַליין געשאָכטן די יום־כיפור־כפּרות פאַר זייערע פרומע אכסניה־געסט... — —

אויפגעמאָרגנס באַלד אינדערפרי האָט יאָסל שנעל איינגעפּאַקט זיינע זאַכן, איז צו צום בופעט און מיט אַ פאַרשעמטן בליק אַ מורמל געטון:

— ר׳ הערשל... באַרעכנט, וויפל קומט אייך... כ׳גיי אַוועק... שנעלער, כ׳איל זיך...

הערשל איז געשטאַנען אַ בלאַסער, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און געפּרוּווט עפּעס זאָגן, ענטפערן, אָבער די צונג האָט זיך אים נישט איבערגעדרייט, ווי זי וואָלט געליימט געוואָרן.

סערקע איז שטיל אַריין פון קיך.

— יאָסעלע, האַרצעדיקער מענטש, האָט רחמנות, מאַכט מיך נישט אומגליקלעך... ווי צו מיינע יאָר... ס׳קומט איצט אויס פון דער בריק אין וואַסער צריין... יאָסעלע, האַרצעדיקער, האָט...

— שנעל, באַרעכנט. כ׳האָב נישט קיין צייט, — האָט יאָסל איבערגעריסן. — וויפל קומט אייך?... כ׳גיי אַוועק... שנעלער!...

הערשל האָט פלוצלינג עפּעס באַשלאָסן. ער איז שנעל אַריין אין קיך אַריין און באַלד איז ער צוריקגעקומען מיט דער הויכער בלאָנדער מויד.

— גיי, גיטעלע, רעד אַ וואָרט, — האָט סערקע געזאָגט. — זיי גייען שוין אַוועק... די גאַנצע צייט קוקסטו דיך נישט אום

אויף קיין גאַסט... אָפּגעוווינט דאָ אַזאַ צייט — און גאָרנישט...
גיי, גיטעלע, רעד אַ וואָרט... יאָסעלע, כ׳בעט אייך, מאַכט מיך
נישט אומגליקלעך !...

יאָסעלע האָט לייכט אַ שמייכל געטון און געוואָרפן אַ זיי־טיקן בליק אויף דער הויכער מויד. זי איז געשטאַנען מיט אַראָפּ־געלאָזטע אויגן, בלאַס און פאַרשעמט און האָט נישט געוואַגט אפילו זיך אַ ריר צו טון. פלוצלינג האָט יאָסל אַ וואָרף געטון עטלעכע זילבערנע מטבעות אויפן בופעט, און אַ כאַפּ טוענדיק דעם פּאַק זיינעם, איז ער שנעל אַרויס אויף דער גאַס.

* *

*

ערב יום־כיפור שפּעט ביינאַכט, ווען הערשעלעס פרומע געסט זענען זיך כמעט אַלע געהאַט צונויפגעקומען אויף דער אכסניה, כדי שנעל אָפּצועסן די סעודה המפסקת, איז פּלוצלינג עפּעס געשען :

פון גאַס האָט זיך מיטאַמאָל דערטראָגן אַ מאָדנער טומל, אַ געקרעכצערײ פון עטלעכע לויפנדיקע מענטשן, און באַלד האָבן זיך איבער די טרעפּ, וואָס פירן אין קעלער־רעסטאָראַן אַריין, אַ לאָז געטון מיט אַ געשריי עטלעכע עלטערע יידן, הערשעלעס שטאַם־געסט. זיי זענען אַריין, ווי אַ שטורעם.

— יידן, וואָס זיצט איר דאָ ? ס׳איז דאָך קריעה צו רייסן... וואָס זיצט איר אַזוי רויִק און עסט ?... ס׳איז דאָך עק וועלט... מען דאַרף דאָך שרייען געוואַלד אין די גאַסן !... איר האָט נאָך גאָרנישט געהערט ?... ס׳קאָכט דאָך שוין...

סערקע האָט פּלוצלינג געגעבן אַ ספּאַזמאַטישן קוויטש. די בלאָנדע מויד, די קעלנערין, האָט פאַר גרויס שרעק אַ לאָז אָפּ געטון אַ טעלער מיט פלייש און הערשל סערקעס איז געשטאַנען טויט־בלאַס און געציטערט אויפן גאַנצן לייב.

שוין, מען ווייסט שוין אַלץ וועגן זיין אייגענער שחיטה. — האָט אים אַ בליץ געטון אַ געדאַנק. — אַז ער באַשווינדלט פרו־מע, נאַיִווע מענטשן און גיט זיי טרפות אַלס כשר... אַז די מויד

איז אַן אויסגעלאָשענע... שוין, אויס מיט אים, מען ווייסט שוין אַלץ...

— יידן, — האָט סערקע זיך פּלוצלינג אַ וואָרף געטון צו די אַרײנגעקומענע, — ס'איז אַן עק צו מיין לעבן... זאָגט אַלץ... אַלץ זאָלט איר דערציילן... זאָלן די יידן וויסן... הערשל, וואָס שטייסטו איצט, ווי אַ פּגר?... איר הערט, יידן, און אַלץ איבער זייערע קעפּ, ער און די מויד... איר הערט, יידן!...

די געסט זענען געבליבן זיצן מיט די ביסנס אין מויל, האָבן געקוקט דאָ אויף די אַרײנגעקומענע, דאָ אויף דער ספּאַזמירנדיקער סערקע און האָבן נישט געוווסט, וואָס דאָ איז פּלוצלינג געשען.

— וואָס ווײנט איר, וואָס ספּאַזמירט איר, ר' הערשעלעס ווייב? — האָט ענדלעך אײנער פון די אַרײנגעקומענע אַ געשריי געטון. — וואָס זענט איר דאָ שולדיק, אַז דער לאָבוז האָט אָפּגעטון אַזאַ מעשה רע?... וואָס ווילט איר פון אייער מאַן און פון מיידל?... וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן? כ'בין נאָך נישט משוגע געוואָרן!... איר ווייסט נאָך גאָרנישט, יידן? דער לאָבוז, יאָסל, דער מכלומרשטער ישיבה-בחור, האָט זיך דאָך איצט אָפּגעשמדט... ביי די מיסיאָנערן אויף דער קראַניענבורגער-שטראָסע, ביים גיהנומניק נפתלי פּשעטיצקי... וואָס קוקט איר מיך אַלע אַזוי משונהדיק אָן? עך גלייבט מיר אפשר נישט? די גאַנצע שטאָט קאָכט דאָך!...

סערקע איז פּלוצלינג שטיין געבליבן אַ צעתמטע און גליקלעך-איבעררעשטע... זי האָט געבלאָנזשעט מיט אַ פּאָר פאַרוווּנדעטע אויגן פון מאַן אויף דער מויד און פון דער מויד אויף די געסט. זי האָט זיך אָבער באַלד פולשטענדיק באַהערשט. מיטאַמאָל איז איר אַלץ קלאָר געוואָרן.

— זעסט, הערשל? — האָט זי נערוועז אַ פּאַטש געטון מיט די הענט, — הא, ווער איז גערעכט? האָב איך דיר נישט שטענדיק געזאָגט, אַז דער יונג געפעלט מיר נישט? און דו האָסט זיך אויסגעלאַכט פון מיר, הא? נו, קאָן מען וויסן, מיט וועמען מען האָט צו טון, הא, הערשל? עך הערט, יידן, זאָל ער זיין אַ שייגעץ,

ריינע כפרה און אַן אָפּלייזער פאַר כּל ישראל!... גיטעלע, וואָס שטייסטו ווי אַ גולם, גיי, דערלאַנג עסן, שוין שפּעט!... מען דאַרף שוין באַלד גיין צו כּל נדרי.

אין רעסטאָראַן איז אַ ביסל רויִקער געוואָרן. די אָריינגע-קומענע האָבן זיך שנעל געוואַשן צו „שאו ידיכם" און מיט גרויס איילעניש און כּוונה זיך אַ נעם געטון צו דער סעודה המפסקת.

בזיון המת

(נאָוועלע)

אַ שטילע, האַרצרייסנדע טרויעריקייט האָט זיך ווי אַ שוואַרצע, ריזיקע משא צעלייגט איבערן ברייטן פּירעקיקן מאַרק. פון הימל האָט אומאויפהערלעך געגאָסן אַ דין, שטעכעדיק רעגנדל, ווי לאַנגע שפּיציקע נאָדעלעך, און אונטער די פיס האָט זיך געיאָרגעט אַ ליימיק-צעיווירענע בלאָטע, אַזוי ווי די ערד וואָלט אַ באַהאַלטענעם טרערן-קוואַל געעפנט און האַרציק מיטגעוויינט אויף עפּעס אַ גרויסער צרה, וואָס האָט די מענטשן געטראָפן.

אין דער גרויסער ליידיקייט פון מאַרק האָט אַרומגעשוועבט עפּעס אַ שטילער טרויעריקער סוד, וואָס האָט דערמאַנט אין טויט און אין דעם שנעלן פאַרגיין פון מענטשלעכן קיום.

פון מענדל טרייגעס געסעלע אויפן סאַמע ראַנד פון גרויס ליידיקן מאַרק האָט זיך דערטראָגן אַ האַרצרייסנדיקע, ביטערע יללה. באַלד איז ווי פון אונטער דר׳ערד אויסגעוואַקסן יאָשע גרעבערס געלער אויסגעקראָכענער קאַשטאַן, איינגעהילט פון קאָפּ ביז די פיס אין אַ נאַס-צעיוירענער שוואַרצער דערע, פון אונטער וועלכער עס האָבן אַרויסגעקוקט צוויי טרויעריקע פערדישע אויגן.

דאָס בידנע פערדל איז געגאַנגען בנעימות, מיט געציילטע טריטעלעך, האָט צוגעשאָקלט געמיטלעך מיטן גרויסן תמעוואַטן קאָפּ, וואָס האָט געקאַפּעט פון רעגן, און געשלעפּט מיט גרויס ווירדע די שוואַרצע קהלשע מתים-עגלה.

באַלד איז דער מאַרק פול געוואָרן מיט מענטשן, פון וועלכע עס האָט געוויייעט מיט עפּעס אַזאַ רירנדער טרויעריקייט.

דאָרע, בלייכע ווייבערישע הענט האָבן זיך פאַרצווייפלט געהויבן
צום הימל, ווי זיי וואָלטן געדראָט און גלייכצייטיק דאָרט געזוכט
עפּעס אַ טרייסט. עס האָט זיך געהערט דאָס נאַסע געצלאָפּערײ
פון הונדערטער מענטשן איבער דער צעווירענער בלאָטע, וואָס
האָבן ווי אַ צעפלאָשעטע סטאַדע שאָף, מיט דערשראָקענע בליקן,
באַלאַגערט די עגלה פון אַלע זייטן און באַגלייט דעם מת צו זיין
אייביקער ר ו

האָרט הינטער דער עגלה זענען געגאַנגען צוויי שטיל־כלי־
פּענדע יונגעלייט, די זין פון נפטר, און הינטער זיי — זייער מאַ־
מע, סימע די מילנערקע, די פרישע אלמנה. זי איז געווען איינ־
געהילט אין אַ גראָבער שוואַרצער דערע, און מיט צעקרימטע
בלייכע פויסטן האָט זי עקשנותדיק און אָן אויפהער זיך געקלאַפּט
אין קאָפּ אַריין איבער דער נאַסער שוואַרצער פאַטשיילע. זי האָט
געוויינט מיט אַ טרויעריקן בית־עולם־ניגון און כסדר מיט אַ רירנ־
דער עקשנות איבערגעחזרט דעם זעלבן ביטערן פזמון.

— טייערער שלום, כשרער מאַן, ווו לאָזסטו מיך איבער...
טייערער שלום, כשרער מאַן, ווו לאָזסטו מיך איבער...

פון איין זייט עגלה איז געגאַנגען דער שטעטלשער רב,
ר׳ נחומל, פון דער צווייטער זייט — דער דיין, ר׳ מענדעלע. אַרום
זיי האָבן זיך געשטופּט און געשטויסן די אָנגעזעענסטע און חשובֿ־
סטע באַלעבאַטים פון שטעטל, אַ חוץ ווייבער, קינדער, באַלמע־
לאָכעס און טוחרימלעך, וואָס האָבן פאַרמאַכט די קראָמען, גע־
לאָזט שטיין די וואַרשטאַטן און געקומען אָפּגעבן כבוד דעם
פאַרשטאָרבענעם שטעטלשן גביר, ר׳ שלום מילנער.

ר׳ יעקב־ישראל, דער תלמוד־תורה־מלמד, האָט האָרט פאַר
דער לוויה אַ פאַרמאַך געטון די גמרות. צעלאָזט דאָס קליינוואַרג
און — באַלד האָט זיך אין שפּיץ פון לוויה־צוג, אַ שטיק פאַר
יאָשע גרעבערס געלן קאַסטן, באַוויזן אַ האָפּטע אויסגעבלייכטע
און אָפּגעריסענע תלמוד־תורה־קינדער, וואָס האָבן מיט דערשראָ־
קענע בליקן און אָפענע מיילער הויך און מאָנאָטאָן אומאויפהער־
לעך געזונגען איבערחזרן אַן אַלטן, טרויעריקן פזמון.

— אוי, צדק לפניו יהלך!... אוי, צדק לפניו יהלך!...

דער מרא דאתרא, ר׳ נחומל, איז געגאנגען אָנגעשפּאַרט מיט איין האַנט אויפן זייטיקן עגלה-ברעט און מיט דער אַנדערער האָט ער פון צייט-צו-צייט אַ נערוועזן פיר געטון איבערן הויכן רבנישן שטערן, ווי ער וואָלט זיך שטאַרק געמוטשעט און זיך עפעס איבערגעלייגט.

ער האָט זיך צונויפגעשטעלט אַ דרשה. אין קאָפּ האָט זיך אים שוין געדרייט אַ גאַנצער וואַלד מיט פּסוקים, מדרשים, גמרא-ווערטלעך און מאמרי-חז״ל, וועלכע ער האָט זיך באַמיט גענוי צו אָרדנען, אויסצופּשטלען און צוזאַמענצושטעלן אין איין גרויסן, רירנדיקן הספד.

דער אָנהייב, דער אַריינפיר, איז שוין געווען גענוי צונויפגעסטריגעוועט. ער האָט שוין אויך געהאַט צונויפגעזוכט אַ גאַנצע רייע מעשים-טובים און מצוות פון פאַרשטאָרבענעם, וואָס האָבן געדאַרפט דערמאָנט און אַריינגעפלאָכטן ווערן אין סאַמע מיטן, ביים קולמינאַציע-פּונקט פון הספד, ווען אַלעמענס אויגן וועלן שוין פליצן מיט טרערן און די הערצער וועלן שוין זיין טיף גערירט. ער האָט נאָך געפּרוּווט אַ קלערער טון וועגן עפּעס אַן איינדרוקספולן אויסלאָז, וואָס זאָל די מלווים, און הויפּטזעכלעך דאָס ווייב מיט די ביידע זין, אַזש אויפטרייסלען פון גערירטקייט. אַ קליינקייט עפּעס, דער דאָזיקער, ר׳ שלום מילנער, איז געשטאָרבן, אַזאַ גביר און בעל-פּרנסה, וואָס האָט שטענדיק ליב געהאַט זיך צו שטעלן ברייט און געוווּסט ווען און ביי וואָס פאַר אַ געלעגנהייט מען דאַרף נישט קאַרגן קיין גראָשן...

ער האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטון אויף ביידע זין פון פאַרשטאָרבענעם, וואָס זענען נאָכגעגאַנגען פאַמעלעך, טריט-ביי-טריט, מיט פאַרעקשנט-אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און ער האָט זיך ווי דער נערוועז אַ כאַפּ געטון מיט דער לינקער האַנט פאַרן שטערן.

מען דאַרף זיי אַ ביסל טרייסטן אויך — האָט ער אַ טראַכט געטון — און זיי אָנווייזן אויפן טאַטן אַלס מוסטער; איינער פון זיי וועט געוויס איבערנעמען די מיל און דעם טאַטנס אַנדערע געשעפטן. וועט אויך אוודאי ווערן פרנס... זאָל ער זיך אַראָפּ-

געמען אַ משל פֿון טאַטן, דעם גביר... ס'קומט זיי כּבוד, אַזאַ עשירות... רבי האָט דאָך אויך מכבד געווען עשירים...

אין קאָפּ האָט אים אים פֿלוצלינג אַ בליץ געטון אַ פֿרי־שער געדאַנק, אַ ווייטערדיקער ציגל צום גרויסן דרשה־בנין, אַ וואַשנער, שאַרפֿער אויפֿטו, געבויט אויף אַ חריפֿיש־למדנישער קאָמבינאַציע פֿון אַ פּסוק מיט אַ באַקאַנטן מאמר חז״ל. ער האָט ווידער אַ הייב געטון די לינקע האַנט צום שטערן און גענומען צונויפֿשטעלן איינס נאָכן אַנדערן אַלע מעשׂים טובֿים און מצוות פֿון פֿאַרשטאָרבענעם און אָט האָט ער שוין אויך אַ פּסוק פֿון קהלת מיט אַ געהעריקן אויספֿיר, וועלכער וועט בלי שום ספֿק זיין דער שטאַרקסטער פּונקט פֿון הספּד.

די לוויה איז דערווײַל שוין געהאַט צוגעקומען צו אסתר־גיטלס געוועלב און זי האָט שוין געזאָלט פֿאַרקירעווען צום טאַר־זשינער בערגל, וואָס פֿירט איבער אַ ברייטער גרינער לאָנקע, לענגאויס דעם שטיל־מורמלענדיקן טײַך צום בית־עולם צו. אָבער אין דאָזיקן מאָמענט איז געשען אַן אויסערגעוויינלעכע זאַך, וואָס האָט אַלע מלווים געמאַכט אויפֿציטערן און בײַ זיי אַוש אָפּגענו־מען דאָס לשון פֿאַר שרעק.

פֿון הירש־פֿייוול שניידערס הייפֿל האָט פֿלוצלינג מיט אַ שרעקלעך געוואַלט און יאָמער געגעבן אַ לויף הערשל טשיפּעס, דער גמרא־מלמד, און מאַכנדיק ווילד מיט די הענט, האָט ער אַ שפּרונג־צו געטון צום אויסגעוויקטן און דערשראָקענעם געלן עגלה־קאַסטאַן און אים אָנגעכאַפּט פֿאַר דער צוים. נאָך אים איז וויינענדיק געלאָפֿן זיין ווייב קריינע־גאָלדע און זי האָט מיט זיך מיטגעשלעפּט דאָס שוואַרצע משוגענע טעכטערל, דאָס כּלה־מיידל חייטשע. אַלע דריי האָבן זיי זיך אַ שטעל געטון ווי אַ וואַנט האַרט פֿאַרן פֿערדלס מאָרדע, אַ שטיק פֿאַר די ליאַרמענדע תּלמוד־תּורה־קינדער, און אַ צעשפּרייט טוענדיק די הענט אין דער ברייט, ווי דריי פֿאַר צעשפּרייטע פֿליגל, האָבן זיי כּמעט אַלע אין איין קול זיך יאָמערלעך צערעוועט.

— ייִדן, בלייבטס שטיין! אויס לוויה!... ס'עט נישט

זיין קיין לוויה!... עך הערט, יידן, ס'עט נישט זיין קיין לוויה!...

איבערן בלאָטיק-צעוירענעם מאַרק האָט זיך אַ טראָג געטון אַ שטומער שרעק-אויסגעשריי פון צענדליקער הגלזער. דער געלער קאַשטאַן האָט אַ הייב געטון זיינע תמעוואַטע-פערדישע אויגן און ווי פאַרוואונדערט אַ קוק געטון אויף די דריי מענטשן, וואָס פאַרשטעלן אים דעם וועג און לאָזן אים נישט ווייטער גיין. זינט ער פירט מתים, האָט ער נאָך אַזעלכעס נישט געהאַט.

די תלמוד-תורה-קינדער זענען צווישן „צדק" און „לפניו" שטיל געבליבן און דערשראָקן זיך גענומען טוליען איינס צום אַנדערן.

די אלמנה מיט די ביידע זין האָבן עפעס אַזוי נעבעכדיק גענומען פינטלען מיט די פאַרווייינטע אויגן און געוואָרפן תחנונים-בליקן אויף אַלעמען אַרום, ווי זיי וואָלטן געוואַרט אויף עמעצנס הילף.

דער רב, ר' נחומל, האָט פאַרווירט אַ פיר געטון די לינקע האַנט איבערן צעקנייטשטן שטערן און, אַ דערשראָקענער, זיך גענומען אַרומקוקן, ווי ער וואָלט זיך ענדלעך געוואָלט קלאָר מאַכן, וואָס דאָ איז עפעס פּלוצלינג געשען.

די שטילקייט איז אָבער באַלד ווידער איבערגעריסן געוואָרן דורך הערשל טשיפּעס. זיין הררת-פּנימדיקע גרויע באָרד איז געווען צעפּלאָשעט, דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן הויך פאַרריסן אויף הינטן און פון די אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ פּאַנאַטישע שנאה און אַ משוגענע פאַרביסנקייט, וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום שטערונגען.

— יידן, וועמען זענט עך מלווה מיט אַזאַ כבוד? אַ בלוט-זויגער? אַ מערדער? אַ חרפה און אַ שאַנד! עך קענט דאָך אים נישט! ס'אי דאָך אַ גיהנומניק, ער האָט דאָך אַ תל געמאַכט פון מיין גאַנץ הויז-עוונט... יידן!

דער ערשטער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין פאַרשטאַרונג

און שרעק ר׳ מענדעלע דיין. ער האָט אַ שפּרונג אַרויס געטון פון צווישן דערשראָקענעם עולם מלווים, האָט אַ פּאַרפּלאָנטער אַ ליף צו געטון צו יאָשע גרעבער און אַ ריס טוענדיק פון זיין האַנט די בייטש, האָט ער אַ צעשפּרייט געטון אין דער לופט צווי בלייכע, ציטערנדע הענט און זיך אַזש צעוויינט פון איידעלער אויפרעגונג און טיפער גערירטקייט.

— יידן, — האָט ער תחנונימדיק געשריגן, — יאָגט אים אַוועק, דעם עוכר ישראל, דעם עזות פנים, דעם פגע רע!... אַזוי טוט אַ ייד אַ למדן? אַ מלמד, וואָס דאַרף איינפלאַנצן אין קינדער תורה און מידות טובות? ווײ צו די אויערן, וואָס הערן אַזעלכע רייד. יידן, בזיון המת!! וואָס שטייט עך?... ס'איז דאָך קריעה צו רייסן! ס'איז דאָך אַזעלכעס נאָך נישט געהערט געוואָרן!...

דער עולם מלווים האָט שוין אָנגעהויבן ביסלעכווייז קומען צו זיך פון דער שרעק און איבעררעשונג. הענט האָבן זיך גענומען הייבן און איבערן מאַרק האָט זיך באַלד צעטראָגן אַ בייזער, דראָענדיקער געמורמל.

— וואָס יאָגט מען אים נישט אַוועק, דעם רשע?...

— אַזוי טוט אַן איידעלער ייד? אַ למדן??...

— מען דאַרף אים קורע כדג זיין!...

דאָס האָט נאָך מער צערייצט הערשל טשיפּעס, וואָס האָט שוין מער נישט געהערשט איבער זיך. ער האָט געגעבן אַ הייב אויף די רעכטע האַנט אין דער לופטן, און איבערן מאַרק האָט זיך ווידער צעטראָגן זיין דראָענדע שטים.

— יידן, גאָט איז מיט אייך, ווען באַגלייט עך מיט אַזאַ כבוד? דער בלוט-זויגער? זעטס, ער האָט דאָך מיך אויפן גאַנצן לעבן אומגליקלעך געמאַכט... נאַט, גיט אַ קוק אויף מיין אָרים איינציק קינד, אויף מיין טאָכטער. זי איז דאָך צוליב דעם גיהנומניק אַראָפּ פון זינען, משוגע געוואָרן!... צוליב אים איז איר חתן פון אונטער דער חופּה אַנטלאָפן!... יידן, עך קענט דאָך מיך! אַ לעבן לאַנג געשפּאָרט און געזאַמלט פאַר מיין קינד אַ

נדן און דאָס — מיט איינמאָל אַ פאַרשלונג, אַ באַראַבעווע. דאָ — היינט, דאָ — מאָרגן, דאָ אַן אַנדערער תירוץ, אָבער קיין גראָשן נישט צוריקגעגעבן... יידן, מען וועט אים נישט קובר זיין, דעם גיהנומניק... בלוט וועט זיך גיסן... מיין אָרימע פּראַצע וויל איך צוריק, יידן!

דער מרא דאתרא, ר׳ נחומל, איז שוין אינגאַנצן געהאַט געקומען צו זיך פון דער ערשטער שרעק און איבעראַשונג. ער האָט שוין גענומען טראַכטן וועגן עפּעס טון, לויפן, זאָגן, שרייען, אָבער ער האָט מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טון. ער האָט שוין געהאַט אין קאָפּ אויפגעשטעלט אַ גאַנצן בנין: פסוקים, דרש, מאמרי חז״ל און פלוצלינג, צוליב דערדאָזיקער מעשה, איז אים אַלץ מיט איינמאָל איינגעפאַלן, צעפלויגן, ווי מיטן ווינט אַוועק, נישטאָ...

— יידן, — האָט ער ענדלעך רעזיגנירט אַ קרעכץ געטון, — ס׳איז אוי לאזניים שכך שומעות... עץ הערט, ס׳אי דאָך אַזעלכעס נאָכנישט געוועזן... אַזוי מבייש צו זיין אַ בר־מינן ברבים... וואָס טוט זיך דאָ?... וואָסער געלט, וואָסער נדן? און אַז יאָ? גיי, מאָן פון אַ מת. ר׳האָט אים באַוועלט — זאָגט .ר? ר׳איז דאָך שוין אָבער טויט!... געשטאָרבן!... אוי־וואַ־ווי, אַזאַ מעשה רע, אַזאַ בזיון המת, רחמנא לצלן...

ער איז שוין געווען אינגאַנצן אַריין אין טראַנס. דאָס הסכמהדיקע שטילשווייגן פון עולם האָט אים נאָך צוגעגעבן מער קוראַזש.

— יידן, — האָט ער גענומען אָנשטעלן אַ העכערן טאָן, — מען דאַרף אים עוקר מן השורש זיין. כ׳וועל אַ חרם...

ער האָט נישט באַוויזן צו ענדיקן, ווייל אין דעם מאָמענט האָט הערשל טשיפּעס, ווי אַ ווילד געוואָרענער אָקס אַ שפּרונג צו געטון צום ווייב, האָט אַ ריס געטון פון איר האַנט זיין משוגענע טאָכטער און אַ ווייז טוענדיק דעם רב אויף איר פאַרווירט פּנים מיט די משוגע־צעשראָקענע אויגן, האָט ער האַרצרייסנד גענומען יאָמערן.

— נאט, רבי, גיט אַ קוק אויף מיינע לעבעדיקע צרות און משפט מיך... ער איז שוין געשטאָרבן — זאָגט איר?... שוין? דער גיהנומניק איז שוין ביי אייך אין אָרדענונג? אַ צדיק? ווייל ער לעבט שוין נישט מער? אָבער, רבי, דאָס שלעכטס, וואָס ער האָט מיר געטון, איז דאָך געבליבן און וועט כסדר זיין!... און אַז ער איז געשטאָרבן, הערן שוין צוליב דעם מיט איינמאָל אויף מיינע צרות? ווערט מיין טאָכטער צוריק געזונט, פליט מיר צוריק אַריין אין קעשענע מיין צוגעראַבעוועטע האָרעוואַניע?... רבי, פאַרשטייט מיך גוט, אויב איר ווילט מיך משפטן!...

דער רב איז שטיל געבליבן און אַראָפּגעלאָזט דעם בליק. דעם אַלטן יידס טרערן, זיינע ביטערע רייד און דער נעבעכדיקער ווילדער בליק פון הערשל טשיפּעס כלה־מיידל, וואָס איז פון גרויס צער און חרפּה משוגע געוואָרן, האָבן אים שטאַרק צעמישט און אים מיט איינמאָל אַרויסגעשלאָגן די פריערדיקע האָפערדיקייט. ער האָט פּלוצלינג פאַרלוירן דעם גאַנצן קוראַזש. מיט די לעצטע כוחות האָט ער נאָך געפּרוּווט אַ הייב טון זיין שטים מיט דער פריערדיקער מרא דאתרא'שער שטרענגקייט, ס'איז אָבער אַרויסגעקומען שוין אַן אַנדערער, שטאַרק ווייכער טאָן.

— אָבער, הערשל, — האָט ער זיך ווי געבעטן, — גאָט איז מיט דיר, דער מענטש איז דאָך שוין טויט, געשטאָרבן, פאַרשטייסט. געשטאָרבן, טויט!...

ר' הערשל טשיפּעס איז שוין אויך געוועזן פיל מיושבדיקער. ער האָט נערוועז אַ קלאַמער אַרום געטון מיט דער רעכטער האַנט זיין ווייסע צעפּלאָשעטע באָרד און אַ קוק געטון דעם רב גלייך אין פּנים אַריין.

— ער איז טויט, געשטאָרבן — זאָגט איר? טאָ איז וואָס? דעריבער איז ער שוין ביי אייך אַ צדיק? דעריבער האָט ער מיר געמעגט צורויבן מיין האָב און גוטס, וואָס כ'האָב אים געטרויט אויפן וואָרט אַלס פּקדון? איז שוין דערמיט פאַרענטפערט מיין קינדס אומגליק? רבי, אויף רשעות איז דאָ נאָר איין

פאַרגיטיקונג — תשובה, ווידער גוט צו מאַכן די באַגאַנגענע עוולה... איר הערט, רבי, ט ו י ט א י ז נ י ש ט ק י י ן ת ש ו ב ה! ווייל תשובה מוז מען טון, און שטאַרבן איז אַ פּשוטער צופאַל, נישט קיין אייגענער פאַרדינסט... אָט איז ער געשטאָרבן, ווייל עס איז אים געשען אַן אומגליק, אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָט זיין טויט מיט זיינע שלעכטע מעשים? וואָס איז טויט? עפּעס אַ דבר־טוב, אַ גרויסע מצווה, וואָס זאָל מיט איינמאָל פאַרגעלטן, אָפּווישן אַלע באַגאַנגענע מעשים רעים? רבי, וואָס טוט זיך מיט אייך?...

ער איז אַ ווײַלע שטיל געבליבן און מיט אַן אַרויספאָדערנדיקן בליק געקוקט דעם רב גלייך אין די אויגן אַריין.

— געוואַלד, אונזער פּראַצע זאָלן זיי אונז אָפּגעבן, — האָט הערשל טשיפּעס ווייב, די שוואַרצע פּעשע, פּלוצלינג אַ היסטערישן קוויטש געטון, — אפשר וועט מען נאָך קאָנען אָפּראַטעווען אונזער איינציק אויג אין קאָפּ, אונזער חייטשעו! געוואַלד!

הערשל איז פון ווייבס געוואַלד נאָך מער אויפגעטרייסלט געוואָרן, ער האָט זיך ווידער געגעבן אַ צינד אָן.

— יאָ, דאָס געלט, רבי, מיינע שווער־פאַרהאָרעוועטע גראָשנס. אָט שטייט דאָ דאָס ווייב, די אלמנה, אָט זענען דאָ ביידע זין, די יורשים, וואָס האָבן מיר די גאַנצע צייט געענטפערט, אַז זיי קענען מיך גאָרנישט. זאָלן זיי מיר באַצאָלן, זאָלן ז יי מכפר זיין אויפן פאַרשטאָרבענעמס מעשים און נישט דער טויט!...

דער רב האָט שוין מער גאָרנישט געענטפערט. ער איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיט דער לינקער האַנט נערוועז געריבן דעם הויכן שטערן. פּלוצלינג האָט ער אַ צעשטופּ געטון דעם צוזאַמענגעדרענגטן עולם, און צוגייענדיק גלייך צו דער פאַרוויינטער אלמנה און ביידע זין, האָט ער שטיל, אָבער דרייסט אַ זאָג געטון:

— ר׳ שלומס ווייב, קינדער, פאַרפאַלן, נישטאָ קיין עצה.

האָט חס אויף אייער טאַטנס כּבוד... אַזאַ פאַל האָב איך נאָך נישט געהאַט... ס'אַ הימל-זאַך, ר' הערשל טשיפּעס וועט נישט זאָגן קיין ליגנס!... עך מוזט זען צו פאַרריכטן דאָס, וואָס אייער פאַרשטאָרבענער מאַן און פאָטער...

ער האָט נישט באַוויזן צו ענדיקן. אַ ווילדער קוויטש פון הערשל טשיפּעס טעכטערל האָט אים איבערגעריסן די רייד. די משוגענע חייטשע מיט די שוואַרצע, צעלאָזטע האָר איז פלוצלינג אַ ווילדן שפּרונג אַרויף געטון אויפן זייטן-בּרעט פון דער צעקרומטער עגלה און אַ פּאַכע טוענדיק מיט אַ דאַרער, בלייכער האַנט איבער אַלעמענס קעפּ, האָט זי זיך הויך, משוגע לאַכנדיק צעשריגן:

— טאַטע, נאַ, זע, אָט האָב איך שוין דעם נדן!... וואָס שטייסטו, קום, לאָמיר גיין... מען קאָן אים שוין באַגראָבן!... מאַמע, קום, נאַ, צייל איבער דאָס געלט, צי סע פעלט נישט עפּעס. יידן, גיט אַ קוק, דער חתן מיינער איז שוין אויך דאָ!... טאַטע, קום, לאָמיר גיין, מען קאָן אים שוין זיין רעכט טון... מאָרגן וועט זיין מיין חופּה... קום זיך דערוואַרט. כע, כע, כע, קום, טאַטע, וואָס שטייסטו נאָך?...

זי איז אַ שפּרונג אַראָפּ געטון פון דער עגלה, האָט רוגזאַדיק, מיט אַ משוגענער גבורה אַ כאַפּ געטון די דערשראָקענע טאַטע-מאַמע ביי די הענט און ווילד און פאַרביסן מיט אַלע כּוחות זיי גענומען שלעפּן צוריק אין שטוב אַריין...

דער ערשטער איז געקומען צו זיך דער באַלעגאָלע — יאָשע גרעבער. ער האָט האַסטיק אַ כאַפּ געטון די לייצעס און כעסדיק אַ פּאַכע געטון מיט דער בייטש איבערן פערדלס אָפּגעקראָכענעם רוקן, דערנאָך האָט ער אַ הייב געטון דעם קאָפּ צו די דערשראָקענע און דורכגעווייקטע תּלמוד-תּורה-ייִנגלעך און האָפערדיק אַ געשריי געטון:

— הע, חברה, וואָס שטייט עך? יאַזדאַ, געליימערט זאָל ווערן, אַ סוף, שטעלטס פיס!

דער עולם, ווי אויפגעוועקט פון עפּעס אַ לאַנגן דרימל, האָט זיך אַ שטעל אַרום געטון דער עגלה. דער געלער קאַש-

טאָן האָט אַ ריס געטאָן פון אָרט און באַלד האָט זיך איבערן בלאָטיק־צעיאָרגעטן מארק ווידער צעטראָגן דאָס מאָנאָטנע לויב־געזאַנג לכבוד דעם טויטן פון ציטערנדע, קינדערישע שטימעלעך.

— אוי, צדק לפניו יהלך... אוי, צדק לפניו יהלך...

ש אָ ט נ ס

דורך די מאַטע דאַך־פענסטער פֿון אַזיל הייבט אָן אַריינקוקן אַ גרויער ווינטער־פֿרימאָרגן. אינדרויסן גיסט אַ דין, שטעכעדיק רעגנדל, וואָס פֿאַלט מיט אַ ביין געקלאַפּעריי אויף די קליינע, פֿאַרשמירטע דאַך־שויבן.

די מוטלאָזע, פֿאַרחושכטע פּנימער פֿון די לאַנגע שורות מענטשן, וואָס ליגן צעלייגט אויף די האַרטע אייזערנע בעטלעך, קריגן עפּעס אַ נעבעכדיקן אויסזען; עס צעגיסט זיך אַרום זיי אַ טרויעריקע עלנטקייט אַזוי ממשותדיק, אַז מען קאָן זי מיט דער האַנט אָנטאַפּן.

באַלד דערהערט זיך אַ ליאַרעם פֿון אַ הויך־טומלדיקן גלאָק. די גופֿים, וואָס זענען ביז איצט געלעגן איינגעגנורעט אין די שוואַרצע דעקן, הייבן זיך אָן צו באַוועגן. עס באַווייזן זיך ווילדצעשויבערטע קעפּ מיט מאַטע, פֿאַרשלאָפֿענע אויגן, וואָס קוקן שטאַר און ווילד אַרום זיך. אַ ים מיט די פֿאַרשידנסטע טיפּן: טונקל־ברוינע מיט פּעך־שוואַרצע האָר, וואָס דערמאָנען אין אַזאַ רחבותדיקער ווילדקייט פֿון ווייטע, אומענדלעכע סטעפּעס; צאַרטווייסע מיט בלאָנדע האָר, וואָס גיסן זיך צונויף אין אַזאַ רחמנותדיקער ווייכקייט; האַרטע, קאַנטיקע פּנימער, הויכע שטערנס און לאַנגע ראַסן־נעז, וואָס דערציילן פֿון טויזנטער דורות קולטור, און צאַרטע, פֿיין־געשניצטע געזיכטער פֿון גוט־דערצויגענע אייראָפּעער.

איין סיבה האָט זיי אַלע אַהערגעבראַכט: די גרויסע פֿייערשפּייענדע חיה, מלחמה, וואָס האָט זיך אומברחמנותדיק צעלייגט במעט איבערן גאַנצן אייראָפּעישן קאָנטינענט און געזייעט איבער

פיר יאָר צײַט פֿײַער, טויט און פֿאַרניכטונג צווישן זיי און זייערע נאָענטע.

דאָ, אין קײַזער ווילהעלמס געוועזענעם קעניגרײַך, וואָס איז איצט געלעגן אַ צעשמעטערטס בײַ די פֿיס פֿון זײַנע באַזיגער, און אין דאָזיקן הויז, די מתנה פֿון דער בערלינער יידישער געמיינדע, האָבן די פֿאַרוואָגלטע און פֿאַרפֿאָלגטע נע־ונדניקעס פֿון אַלע עקן אייראָפּע דערווײַל אַ שטיקל שוץ געפֿונען; אָבער גלײַכצײַטיק האָבן זיי דאָ אַלץ פֿאַרלוירן, אַלץ, וואָס איז פֿאַרן פֿרײַען מענטש אַזוי זעלבסטפֿאַרשטענדלעך און פּאַסט זיך אַזוי צוזאַמען מיט דער מאַיעסטעט פֿון מענטשלעכן וועזן: ערע, ווירדע און פּערזענלעכן שטאָלץ.

דאָ זענען זיי געוואָרן בלויז שאָטנס, אומבאַדײַטנדע, פֿאַרוואָגלטע שאָטנס.

* *

*

ס׳איז אַרום נײַן אַ זייגער פֿרי. די נע־ונדניקעס פֿאַרענדיקן שוין דאָס פֿרישטיק פֿון אַ שטיקל טרוקן ברויט מיט אַ ביסל שוואַרצער, ביטערער קאַווע. אויף די טישן אַרום שטייט אַ וואַלד מיט ליידיקע שיסלען, שטיקער אַרומגעגריזשעט ברויט און שמוציק פּאַפּיר. אַ סך האָבן זיך שוין צעזעצט אויף די לאַנגע בענק אַרום די שוואַרצע, אָפּגעשיילטע ווענט און זיי שרײַבן בריוו. איינער שרײַבט צו אַ מאַמען, וואָס איז פֿאַרבליבן אין ווײַט־פֿאַרוואָרפֿענעם שטעטעלע אין דער בלוטיקער אוקראַינע. זי זיצט דאָרט אוודאי מיט אויסגעוויינטע אויגן הינטער פֿאַרהאַקטע טיר און לאָדנס, אויפֿציטערנדיק בײַם קלענסטן שאָרך, און טרויערט איבער איר זון, וואָס איז אין דער הײַדאַמאַקישער שחיטה־מהומה ערגעץ נעלם געוואָרן אָן אַ שפּור...

אָט זיצט דער זון דאָ און שרײַבט. יעדע פּאָר מינוט הייבט ער אויף דעם קאָפּ און קוקט ערגעץ ווײַט, ווײַט. ער טראַכט. ווער קאָן וויסן, וואָס אַ פֿאַרוואָגלט קינד טראַכט, בעת עס שרײַבט

צו אַן אומגליקלעכער מאַמען, וואָס איז פאַרבליבן הפקר אין דער בלוטיקער אוקראַיִנע ?... ווער קאָן וויסן ?

אַ צווייטער דיקטירט אַ בריוו צו זיין פרוי אין אַ קליין בעסאַראַבּיש שטעטעלע, וואָס זיצט דאָרט אוודאי און באַווייִנט אירע יונגע יאָרן.

דריי יאָר פאַר דער וועלט-מלחמה איז ער אַוועק צו פאָ-ניען דינען, איבערלאָזנדיק זי מיט צוויי קליינע קינדערלעך. דריי יאָר האָט ער אָפּגעדינט, און ווען ער האָט שוין געדאַרפט אַהיימ-קומען, איז אויסגעבראָכן די מלחמה און מער ווייסט זי פון אים גאָרנישט. אָט זיצט ער אויפן קליינעם בענקעלע און רעדט האַס-טיק אַריין דעם בריוו-שרייבער זיין גאַנץ ביטער געמיט אין פנים אַריין.

...און נאָכדעם, ווי מען האָט מיך פון געפאַנגען-לאַגער באַ-פרייט, בין איך געוואָרן זייער קראַנק. יעקע האָט נישט געגעבן צו עסן... מ׳האָט געאַרבעט ווי די פערד... כ׳בין אָפּגעלעגן איי-ניקע חדשים אין שפּיטאָל. מ׳האָט מיך אָפּערירט. איצט איז מיר שוין ברוך השם בעסער, אָבער כ׳בין נאָך זייער שוואַך... דער הוסט לאָזט נישט אָפּ אַ רגע...

ער שטעלט זיך פּלוצלינג אויף, בייגט זיך צו גאַנץ נאָענט צום שרייבער, קוקט אים תחנונימדיק און געריבט גלייך אין די אויגן אַריין, ווי ער וואָלט זיך באַמיט יענעם זיין גאַנץ האַרץ צו עפענען, זיין גאַנץ געמיט פאַרשטענדלעך צו מאַכן. ער רעדט שטילער, פייערלעכער :

„וואָס מאַכן די ליבע קינדערלעך ?״ — — —

דאָס האַרץ גיט אים אַזש אַ צאַפּל פון ווייטיק. ער בענקט אַזוי, אַז זיין פאָטער-האַרץ צעגייט אים שיער נישט ווי אַ ליכט. ביינאַכט ווייִנט ער אויפן געלעגער און באַנעצט מיט טרערן די שוואַרצע, אויסגעריבענע קאָלדרע, אין וועלכער ער וויקלט איין דאָס פנים. די קינדערלעך זענען אים אַזוי טייער און דאָך אַזוי ווייט און פרעמד. אַז גאָט וועט אים העלפן, ער וועט אַ געזונ-טער אַהיימקומען, וועט ער זיי שוין געוויס נישט דערקענען...

זיי מוזן שוין, קיין עין־הרע, זיין גאָר שפּאָרע... אַ געריריטער ווישט ער אָפּ מיטן אַרבל אַ הייסע טרער.

אַלעקסאַנדער, דער יונגערמאַן מיטן צאַרטן געזיכט, וואָס דערמאָנט אין אַ בית־המדרש־ניגון פון אַ ליב יידיש שטעטעלע אין פוילן, האַלט אַ מיידליש בילד אין איין האַנט, דעם קאָפּ — אויף דער אַנדערער אָנגעשפּאַרט און קוקט שטאַר אויפן בילד: אַ באַחנט מיידל־געזיכט מיט אַזוי פיל זיסקייט אין בליק, אַז עס פאַרגייט אַזש ביים האַרץ. דורך זיין שטאַרן, טרויעריקן בליק לויפן אים אַדורך ווי אין אַ ווילדן, משוגענעםווירוואַר בילדער פון דער גאָר נאָענטער פאַרגאַנגענהייט. אָט זעט ער יענע סודותדיקע לבנה־נאַכט, ווען ער איז צום ערשטן מאָל געזעסן מיט זיין אויסגעבענקטער אסנתן אין ליידיקן פּאַרש־ייעטן גאָרטן. אַרום זיי איז געווען שטיל. אויף דער ערד האָט זיך צעלייגט אַ זילבערנע העלקייט פון אַ בלאַסער, פאַרחלומטער לבנה. ער האָט זי געדריקט פעסט, פעסט צו זיין האַרץ און געקושט אירע הייסע ליפּן. אָט דערזעט ער זיך פּלוצלינג אין טאָג פון מלחמה־אויסברוך אַלס חתן אויבנאָן צווישן די האַלב־דערשראָקענע חתונה־געסט, וואָס האָבן אונטער פאַרמאַכטע טיר און פענסטער אויפגעציטערט ביי יעדן פאַרדעכטיקן שאָרך... אויף די ליידיקע גאַסן האָבן געקלאַפּט צום טאַקט די רעגלמעסיקע טריט פון די מאַרשירנדע פּאָנישע סאָלדאַטן. און פּלוצלינג איז דאָס אומגליק געשען. קאָזאַקישע ווילדע חיות, אין געשטאַלט פון מענטשן, האָבן אים זיין אסנתן, זיין איינציק גליק אין לעבן, פאַרשלעפּט... מער האָט ער שוין פון איר גאָרנישט געהערט... ווו קאָן זי איצט זיין? זיין איינציקע, זיין טייערע ?...

ער דערמאָנט זיך. אַ הייסער שפּעט־זומער־טאָג, פול מיט זון און באַגרינטן גלאַנץ פון רייפע, ברייט־צעוואַקסענעביימער. אין דער לופט האָבן זיך שוין אָבער געטראָגן די גסיסה־טענער פון אָט דער צעוואַקסענער זומער־פּראַכט. באַקראַנצט מיט געלע, פאַלנדע בלעטער. ער האָט אַ נעם געטון זיין פאַטנדל, דערלאַנגט דעם טאַטן די האַנט און מיט אַ שטימע, וואָס פאַרראַט אַ געקינצלטן מוט, האָט ער אַ זאָג געטון: „טאַטע, זיי געזונט”.

דער טאַטע האָט נישט פיל גערעדט, אָבער די אויגן האָבן דערציילט פון זיין האַרץ, פון אַ פאַטערלעך האַרץ, וואָס איז פול מיט אַזוי פיל רחמנות און מיטלייד צו זיין קינד, וואָס פאַרלאָזט די היים. די מאַמע, די ליבע, גוטע מאַמע איז לאַנג, לאַנג געשטאַנען פאַר דער טיר און מיט פאַרווייַנטע אויגן נאָכגעקוקט די אַפּפאָרנדע פור מיט איר געליבט קינד.

נאָכדעם איז געקומען יענע פינסטערע און אימהדיקע נאַכט. פון די צעריסענע שטיקלעך וואָלקנס האָבן ווי בגנבה אַרויסגעקוקט איינצלנע פינקלדיקע שטערן און געוואָרפן אַ טונקעלע, קוים-באַמערקבאַרע שיין אויף אַ קליין פאַרוואָרפן דערפל, האַרט ביי דער רוסיש-דייטשישער גרענעץ. אַ הויכער, דאַרער שייגעץ, ווי אַ שוואַרצער סקעלעט, איז געגאַנגען פאָראויס אויפן ברייטן באַגראָזטן פעלד, און ער איז נאָכגעגאַנגען.

דאָס געשניטענע היי אַרום האָט פאַרשפרייט אַ מחיהדיקן ריח, וואָס האָט פאַרכישופט, וואָס האָט אַריבערגעטראָגן אין אַנדערע, אויסגעחלומטע, איבערערדישע וועלטן. ער האָט ערגעץ געשוועבט הויך — — — ער האָט פלוצלינג דערזען אסנתן. זי איז געווען אומעטום. דאָס גאַנצע פינסטערע, ברייטע פעלד אַרום דער גרענעץ איז פול געווען מיט איר... פלוצלינג האָט אַ העלער בליץ דורכגעשניטן די לופט. דער הויכער שייגעץ האָט אים האַסטיק אַ כאַפּ געטון פאַר אַ האַנט און זיך מיט אים אַ זעץ אַראָפּ געטון אויפן גראָז.

— ששש, טשיכאַ...

איצט זיצט ער דאָ, ווייט פון אייגענע און נאָענטע און קוקט אויף זיין אסנתן. ווו קאָן זי איצט זיין?...

* *

*

ס׳איז שפעט ביינאַכט. אַ פאַרוואָרפן בערלינער הינטערשטאָטיש ווינקל. דאָס גרויסע אַזיל-הויז אויף דער וויזען-שטראַסע, וואָס זעט אויס אויפן פאָן פון לאַנגן באַן-פלאַנט, ווי אַ פאַרלאָזענע חורבה, ליגט אין טיפער פינסטערניש. ס׳איז טרויעריק

שטיל אַרום. פון צייט־צו־צייט בלויז ווערט די געדיכטע פינסטער־ניש איבערגעשניטן דורך אַ פּאָר גרויסע, פייערדיקע לאָקאָמאָ־טיוו־אויגן.

פלוצלינג באַווייזן זיך שאָטנס מיט פּעק אויף די פּלייצעס, וואָס גייען צום גרויסן, אייזערנעם אַזיל־טויער. אין דער חורבה־דיקער פינסטערניש דערהערט זיך אַ רייסן פון אַ פאַרזשאַווערטן גלאָק, אויסגעמישט מיט אַ געוויין פון קליינע עופהלעך און אַ געבייל פון שכנותדיקע הינט. נאָך אַ ווײַלע עפנט זיך דאָס טויער מיט אַ געסקריפּעריי און געקוויטש. ס'ווערט אַ טומל, אַ ביין גע־פּרעגעריי פון די יעקישע וועכטער און אַ נעבעכדיק אָפּענטפערן פון די אָנגעקומענע פּליטים. דאָס גרויסע, מיט דראָט־באַפלאָכטע־נע טויער מאַכט זיך צוריק צו און פאַרשלינגט אין זיך דעם גאַנצן טומל.

דאָס ביסל יונגעלייט פון דער גרופּע, וואָס איז שפּעט בײַ־נאַכט אָנגעקומען, אַ גרופּע פון אַלע עקן און טיילן פון געווע־זענעם צאַרישן רוסלאַנד, גיט זיך פּלוצלינג אַ שטעל אויף פון די בענק, מען פאַרוואַרפט הענט אויף אַקסל, הענט אויף אַקסל און מען לאָזט זיך אין אַ פייערדיק ריקודל.

— הבה נגילה, הבה נגילה, הבה נגילה ונשמחה...

די יונגע צאַפּלדיקע הערצלעך קלאַפּן האַסטיק צו צום טאַקט פון דער „הוירא" און פון די אויגן שפּריצט אַ יוגנט פייער, וואָס איז אימשטאַנד אַלץ צו פאַרברענען, צו צעשמעלצן, און דאָס ביז איצט אַדורכגעלעבטע — אין אַש צו פאַרוואַנדלען. צו אַ נײַ לעבן! צו אַ נײַער, גרויסער צוקונפט!

דורכן פאַרשטאַרקטן יידן־האַס אין זייערע געבורטס־לענ־דער, וואָס זענען אויפגעשטאַנען תחית־המתים אויף די חורבות פון צאַרישן רוסלאַנד, זענען זיי, די טאַנצנדיקע, פאַריאָגט גע־וואָרן פון די מיטל־און־הויכשולן. איצט גייען זיי קיין ארץ־ישראל, כדי מיט זייער יוגנט, מיט שווייס און אַרבעט אויפצו־בויען אַ יידיש לאַנד. דאָס געזאַנג ווערט מונטערער, העכער:

שאו ציונה נס ודגל, דגל מחנה יהודה.

עס צעגיסט זיך אַרום די טאַנצנדע אַזאַ יום־טובדיקע פֿייערלעכקייט, אַז אַ וואַרעמקייט און פֿרייד, וואָס פֿאַרכאַפּט אַפֿילו די אַרומזיצנדיקע, טרויעריקע בריוו־שרייבערס. זיי בלייבן זיצן מיט אײַנגעטונקטע פּעדערס, פֿאַרגעסנדיק אין די בריוו. אַלעקסאַנדערן פֿאַלט אַרויס די פּאָטאָגראַפֿיע פֿון האַנט, און מיט אויפֿלײַכטנדע פֿײַערלעך אין די אויגן קוקן זיי אַלע פֿאַרגאַפֿט אויף די טאַנצנדיקע חלוצים — — —

* *

*

קיינער באַמערקט נישט אין גרויסן טומל אַרום דעם בלאַסן יונגערמאַן, וואָס זיצט אַ טרויעריקער אין ווינקל בײַם אויוון און קוקט שטאַר, מיט ברייט צעעפֿנטע אויגן אויף די טאַנצנדיקע. אין דאָזיקן ווינקל זיצט ער אַזוי כּסדר, כּמעט די גאַנצע צײַט, זינט ער איז געקומען אַהער. פֿון צײַט־צו־צײַט גיבן זיך זײַנע מויל־ווינקלען אַ הייב אויף און איבער זײַן פּינסטער, פֿאַרוואָלקנט געזיכט צעגיסט זיך אַ קוים־באַמערקבאַר תּמעוואַטע שמייכעלע. דאַן גיט ער זיך פּלוצלינג אַ שטעל אויף און צעלאַכט זיך הויך, שטאַרק, מיט אַ דונערנדער שטים. ער ווערט אָבער מיט איין מאָל און פּונקט אַזוי פּלוצלינג ווידער אַנטשוויגן, ווי עס וואָלט אים עמעצער דאָס לאַכן געגעבן אַ שנייד אָפּ מיט אַ מעסער.

אַלע קענען אים שוין דאָ זייער גוט. זײַן משוגע לאַכן מאַכט שוין אויף קיינעם קיין אײַנדרוק נישט. דאָס איז „חבר שעקע דער אונגאַר״, וואָס איז יענע וואָך צוריקגעקומען פֿון ארץ־ישראל. אַן אונגאַרישער ייִד איז ער, געבוירן ערגעץ אין אַ פֿאַרוואָרפֿן אונגאַריש דאָרף צווישן ווילד־צעוואַקסענע וועלדער און ברייטע, ווייט צעוואָרפֿענע סטעפּעס. ווער האָט שוין אַמאָל אַזאַ משונהדיקן נאָמען פֿון אַ דאָרף געהערט? משונהדיק און נישט פֿאַרשטענדלעך, ווי דאָס פֿרעמדע אונגאַרישע פֿאָלק מיט זײַן אַזיאַטישער שפּראַך אין סאַמע מיטן פֿון אַן אייראָפּעיִשער קולטור. ער, חבר שעקע, איז אויך אַן אונגאַר. דאָס האָט ער

שטענדיק געוווסט און שטענדיק געזאָגט, שוין פון זיין פריסטער קינדהייט אָן. דאָס וואָרט „זשידאָ", וואָס פלעגט טיילמאָל אויף זיין אַדרעס אים אַזוי אומאָנגענעם אַריינפאַלן אין אויער, האָט ער זיך נישט געקענט קיינמאָל גענוי קלאָר מאַכן. וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס מיט אים? אַלץ, וואָס איז יידיש, איז אים פרעמד געווען, ער האָט קיינמאָל נישט געהערט קיין קלאַנג פון אַ יידישער שפּראַך. ער איז דערצויגן געוואָרן אין אַ ריין-אונגאַרישער סביבה, אויף אונגאַרישע זיטן און מיט דער אונגאַרישער שפראַך אין מויל.

נאָך היינט גיט ער זיך טיילמאָל פלוצלינג אַ שטעל אויף, גיט זיך אַ פעסטן קלאַפּ אין דער ברוסט, אַז עס קלינגט אַזש אָפּ אַרום, און איבערן גרויסן אַזיל-רוים צעטראָגט זיך אַ ווילדער רוף:

— איגען, מאַדיאַר עמבער (יאָ, כ'בין אַן אונגאַר).

זיין ברייט, שאַרף געשניטן געזיכט קריגט עפּעס מיט איינמאָל אַזאַ ווילדן אויסדרוק, רוי, אומבּרחמנותדיק, ווי ער וואָלט גאָרנישט געווען קיין ייד, גלייך ווי זיינע עלטערן און אורעלטערן, וואָס האָבן זינט דור-דורות געוווינט אויף דער אונגאַרישער ערד, וואָלטן אין פאַרלויף פון די לאַנגע, לאַנגע יאָרן אַריינגעזויגן אין זיך דורך טויזנטער וואָרצלען דעם גייסט און די זיטן פון זייער אונגאַריש געבורטסלאַנד.

בשעת דער מלחמה איז ער געוואָרן סאָלדאַט און צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע אונגאַרישע סאָלדאַטן האָט ער די האַרטסטע און געפערלעכסטע קאַמפן מיטגעמאַכט. ער און זיינע חברים, די אונגאַרישע סאָלדאַטן, האָבן אין דעם גרויסן, שותּפותדיקן פאָטערלאַנד, עסטרייך, געשמט אַלס דאָס בעסטע זעלנער-מאַטעריאַל: האַרטנעקיק, פאַרביסן און ווילד. אַ ניגון פון די נאָך גאָרנישט אַזוי לאַנג צוריק פאַרלאָזענע אַזיאַטישע סטעפּעס.

נאָכדעם איז געקומען אַ צייט, ווען אַלע לעבן-געבליבענע זין פון דאָרף-פּויערים האָבן געקריגן אַן עטלעך-חדשימדיקן אורלויב, כּדי צו קאָנען העלפן אין דער היים באַרבעטן דאָס פאַרוואָרלאָזטע פעלד. זיינע עלטערן זענען אויך פּויערים, האָבן אויך

פעלד, אָבער סונדערסטוועגן איז ער ווייטער געבליבן אויפן פראָנט. ער האָט לאַנג געטראַכט וועגן דעם און נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס דאָס איז אַזוי.

ווען ער איז אַהיימגעקומען פון שפּיטאָל, ווו ער איז זייער לאַנג געלעגן צוליב אַ וווּנד, וואָס ער האָט באַקומען אויפן שלאַכטפעלד, האָט אין זיין לאַנד, אין אונגאַרן, געהערשט אַ רויטע אָרדענונג. ער, פּונקט ווי אַלע אַנדערע בירגער, זענען געווען אונטערגעוואָרפן דעם רויטן רעזשים. אָבער ווען דער דאָזיקער רעזשים האָט קאַפּיטולירט, האָט מען אויף די בודאַפּעשטער גאַסן בלוטיק געשלאָגן נאָר מענטשן מיט סעמיטישע פּנימער און אויך אים... און געשלאָגן האָבן אים אייגענע, געוועזענע פראָנט־ברידער, אָקאָפּן־שכנים... פאַרוואָס ? — — —

ביסלעכווייז איז אים די זאַך אינגאַנצן קלאָר געוואָרן : ניין, ער איז נישט קיין אונגאַר. אַ ייד איז ער. און דידאָזיקע פּלוצלינגדיקע אומוואַנדלונג איז אים עפּעס נאַטירלעך פאַרגעקומען, אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז זיין לעבן האָט מיט איינמאָל אַן אינהאַלט באַקומען. איבערהויפּט דעמאָלט, ווען ער און נאָך אַזעלכע „אונגאַרן", ווי ער, מיט אַן אויסגעוועקטער ווירדע און שטאָלץ, זענען אַרומגעגאַנגען אָפן און פריי איבער די בודאַפּעשטער יידישע גאַסן, באַוואָפנט אַלס יידישע זעלבסטשוץ און מיט אַן אויסשריפט אויפן היטל : „זשידאָ עמבע" (כ׳בין אַ ייד), און ווער ס׳האָט עפּעס דערקעגן, קאָן זיך צו מיר ווענדן מיט אַ פּרעטענסיע... ער האָט דערשפּירט, אַז ענדלעך איז ער עפּעס.

נאָכדעם איז ער אַוועק פונדערהיים, איבערלאָזנדיק אין „זיין" אונגאַרן אַלע נאָענטע און ליבע : זיינע עלטערן, זיינע שוועסטער און ברידער און אפשר אויך אַ געליבטע ווייב מיט אַ קליין, זיס קינדעלע אויף דער האַנט. ווער קאָן וויסן ?... ער האָט זיך געלאָזט קיין ארץ־ישראל און מיט דעם גאַנצן, נאָך יוגנטלעכן ברען האָט ער זיך דער דאָרטיקער אויפבוי־אַרבעט איבערגעגעבן : אויפן כביש געאַרבעט און די ערד מיט שווייס נאַס געמאַכט. נאָכדעם איז ער געווען שומר, דעם ערשטן ירושלימער פּאָגראָם מיטגעמאַכט און ווי אַ העלד זיך געשלאָגן און — — — איצט זיצט

ער דאָ, אין אַ ווינקעלע פֿון בערלינער ייִדישן אַזיל אויף דער אָפּגעלעגענער ווינען-שטראַסע און קוקט ערגעץ ווייט, און פֿאַר-עקשנט אויף איין פּונקט.

דורך די הויכע דאַך-פֿענסטער באַווייזט זיך פּלוצלינג אַ שטראַל פֿון אַ ווינטערדיקער זון, וואָס באַלויכט די טאַנצנדיקע און אַרומוויצנדע אַזילניקעס. אויף דער ערד ציִען זיך אויס לאַנגע, דאַרע שאָטנס. אויף די ווענט אַרום טאַנצן שוואַרצע, טרויעריקע, פֿאַרוואָגלטע שאָטנס.

„ווילנע" און „לאָדזש"

„ווילנע" איז אַ קליין דאַר יידעלע מיט אַ קורץ, גרוי בערדל, אַ האַרט, אָפּגעבאַרעוועט קאַפּעליושל נאָך פון מלך זיגמונטס צייטן און מיט אַ קורצן געהאַקטן ראָק פון אַן אומבאַשטימטער פאַרב. רעדן רעדט ער שנעל, קורץ און מיט אַ ספּעציפישן ווילנער אַקצענט.

— זשאָגט נאָר, וואַרשעווער דריפּקע, וואָזשע סרייט איר אָזשעי?

ער איז שטענדיק טויט-ערנסט. אויף זיין דאַר, איינגעשרומפּן פּנים באַווייזט זיך כמעט קיינמאָל נישט קיין שמייכל. בלויז אין אויסנאַם-פאַלן, ווען ער האָט גראַד געכאַפּט עפּעס אַ פּאַרדינסטל און ער איז צוליב דעם אין אַ גוטער שטימונג, צעלייגט זיך איבער זיין פּנים עפּעס אַ מאָדנע גרימאַסע, ווי ביי אַ מענטש, וועלכער האָט נאָר-וואָס אַראָפּגעשלונגען אַ ציטרין, און דאָס הייסט ביי אים געשמייכלט.

„לאָדזש" איז אַ הויכער, ברייטער ייד מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס און אַ רויטן קאַרק. אויפן קאָפּ טראָגט ער שטענדיק אַ קליין טוכן היטעלע מיט אַ פּאַרגלאַנצטן דאַשעק און זיין גרויסער, שטאַרקער גוף איז כמעט שטענדיק איינגעהילט אין דעם זעלבן לאַנגן צייגענעם כאַלאַטל פון אַן אָפּגעשאָסענער טונקל-גרויער פאַרב. ער רעדט כמעט קיינמאָל נישט, נאָר ער שמייכלט אין דער ברייטער געלער באָרד אַריין, און ווען ער ביישערט זיך אַמאָל, דאַכט זיך, ווי ער וואָלט הויך געלאַכט.

— ווּו? פינוואַנען איך בין? אַ לאָדזשער בין איעך. וואָס

איך בין אזוי אויפגערוימט? כע, כע, וואס בין איך א טרוקענער ליטוואק, כ זאל מעך גריזשען?...

קיין ווארשע זענען ביידע אראפגעקומען זוכן פרנסה. ביידע האבן אינדערהיים איבערגעלאזט ווייב און קינדער, וואס האבן זיך אויסגעקוקט די אויגן אויף פרנסה פון זייערע ברויטגעבער.

„ווילנע" איז אינדערהיים געווען אן אונטער-שמש אין א שול. ער פלעגט דערמאנען גראב-יונגערישע באלעבאטים, ווען זיי האבן יארצייט נאך א טאטן און פלעגט סוכות ארומטראגן דעם לולב מיטן אתרוג צו רייכע מאדאמען און פארהארעוועטע דינסט-מיידלעך, און איז פון דעם אלעם געשטארבן דריי מאל א טאג מיט ווייב און קינדער פון הונגער. האט ער א ווארף געטון דאס שמשות און איז מיט מזל מגולגל געווארן קיין ווארשע.

„לאדזש" איז אינדערהיים געווען א דרדקי-מלמד. ער האט „געפאקערט" מיט א סטאדע יונגען אלף-בית, עברי און חומש-אנהייבן. אין דער פרייער צייט האט ער געפרווט צוהאנדלען מיט א ביסל שדכנות און ואחרי ככלות הכל איז ער אין א „שיינעם" טאג געבליבן מיט א האלב טוץ אייגענע קינדער, וואס האבן געשריגן: „טאטע, גיב ברויט!" און ס'איז נישט געווען מיט וואס צו פארשטאפן די זעקס מיילער (פון טאטע-מאמע רעדט מען נישט). האט ער א ווארף געטון דאס מלמדות, האט א שפיי געטון אויפן שדכנות און מיט מזל אראפגעקומען קיין ווארשע.

„לאדזש" און „ווילנע" האבן זיך פריער נישט געקענט, נישט געהאט קיין אנונג איינער פון אנדערן, ווי זיי וואלטן געלעבט אויף צוויי פארשידענע ערד-טיילן. די ערשטע באקאנטשאפט האבן זיי געמאכט אין ווארשע, ווו דער גורל האט זיי צונויפגעפירט.

„לאדזש" און „ווילנע", לויט זייער גאנצער אינערלעכער און אויסערלעכער סטרוקטור, זענען שוין משֵשת ימי בראשית באשטימט געווען, אז זיי זאלן זיך פיינט האבן. פונדעסטוועגן (און אפשר טאקע דערפאר) האט עס זיי געצויגן איינעם צום אנדערן, ווי מיט א מאגנעס, לויטן כלל, אז צוויי קעגנזאצן ציען זיך אן-

זייער ערשטער צוזאַמענטרעף (אייגנטלעך צוזאַמענשטויס) איז פאָרגעקומען אַזוי: „לאָדוש“ איז געשטאַנען אין אַ געוויס פרימאָרגן, אין ערשטן טאָג פון זיין אָנקומען קיין וואַרשע, אין סאָרדינערס בית־המדרש, אויף טוואַרדע נומער 4, און געדאַוונט. ער איז נאָר־וואָס געהאַט „אויסגעגאַנגען“ שמונה עשרה און האָט זיך צוריק אַ זעץ אַנידער געטון אויף זיין פלאַץ בײם שטענדער. פלוצלינג האָט ער דערפילט, אַז ער זעצט זיך אויף עפעס ווייכס, און באַלד האָט ער דערהערט אַ דערשראָקענעם קוויטש.

— אוי ווי מיר נישט, וואָס אי דאָש, וואָש? אַ ייד זאָל נישט קוקן, וואָס ער טוט! אַ ברייטעניש אָנאַנאָרע! אַ ייד, ווי איר, מוזש האָבן די אויגן אין... קאָפּ!

פון פלוצלינגדיקן קוויטש האָט „לאָדוש“ אַזש געטון אַ שפרונג אונטער.

— השם ישמרנו, געזען אַ ביסל, די נשמה איז דאָך מער שיער נישט אַרויסגעפלויגן, איז זי דאָך מער שיער נישט. אַזאַ קליין, דאָר יידעלע, ווי איר דאַרף מער אַכטונג צו געבן, ווו ער זיצט. מען קאָן דאָך אייך צעקוועטשן, קאָן מען דאָך אייך! איר ווייסט דאָך מסתמא, וואָס די גמרא זאָגט: „אדם מועד לעולם“... כע, כע.

דאָס קליינע, דאַרע יידעלע האָט דערשראָקן אָנגעקוקט דעם הויכן, ברייטן ייד, וואָס האָט זיך צעלאָזט מיט ניין מאָס רייד און וויל גאָרנישט אויפהערן, און ער האָט שטיל, מיט דער גרעסטער צוריקגעהאַלטנקייט און ווייכקייט אין קול, אַ זאָג געטון:

— וואָס, דעם ערשטן טאָג אין וואַרשע? פונקט ווי איך. אויך געקומען זוכן פּאַרנאָשע?

„לאָדוש“ האָט מיטפילנד אַ קוק געטון אויפן קליינעם יידעלע.

— יאָ, ליבער ייד, פּאַרנוסע. אויך געקומען קיין וואַרשע זוכן פּאַרנוסע. נישט געווען ביי אונז אין שטאָט ביי וואָס צו פאַר־דינען, לא עליכם.

— ביי אייך אין שטאָט? פונוואַנען־זשע איז אַ ייד?

— פונװאַנען זאָל מען זאָגן? פון לאָדזש. און פונװאַנען זענט איר, פונװאַנען?

— איך? מילא, איר זעט דאָך, אַ װילנער.

— אַ װילנער? שלום עליכם אַ ייִד, מה שמך?

— סראָל פּינקע.

— סראָל פּינקע? כע־כע. אַ נאָמען, װי אַפּגעמאָסטן. אַזאַ דאַר ייִדעלע, װי איר, און דערצו פון װילנע, די שטאָט פון די געבראָטענע ליטװאַקעס, די צלם־קעפּ, דאַרף טאַקע הײסן סראָל פּינקע, כי, כע, װי אַפּגעמאָסטן.

— און איר האָט דאָך מסתמא אױך אַ ייִדישן נאָמען?

— אװדאי, אװדאי, װאָס דען? כ'הײס ירחמיאל ישראל יצחק, הײס איך, נאָכן אַלטן צדיק זכרונו לברכה.

— ירחמיאל ישראל יצחק? המם, האָט נישט פאַראיבל, ר' ירחמיאל ישראל יצחק, נאָר כ'מוז אײך זאָגן, אַז כ'האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז איר הײסט אַזאַ שטײגער נאָמען: ירחמיאל ישראל יצחק, ברײט, צעשפּרײט. אַ ברײטער אָנגאַנאָרע — אַ ברײטער נאָמען.

— שױן, װילנע, ר'האָט זיך שױן צעלאָזט מיט אײַערע דראָבנע רײדעלעך? כ'האָב מיר אָבער באַלד געטראַכט, אַז ס'איז גלײַכער נישט צו האָבן צו טון מיט אַ ליטװאַק, מיט אַ צלם־קאָפּ, מיט װילנע.

— נו, זענט איר לאָדזש. אױב אַלע לאָדזשער זענען אַזױ, װי איר, איז נישקאַ די שטאָט װאָס מקנא צו זײַן...

אָט אַזױ האָט זיך אָנגעהױבן זײער באַקאַנטשאַפט.

באַלד נאָכן דאַװענען זענען בײדע אַרײַן אין אַ בּיליק רעסטאָראַנדל אױף גנױנע גאַס, האָבן זיך געהײסן דערלאַנגען טײ און האָבן געשלאָסן פרײַנטשאַפט.

— נו, ר' סרוּעל פּינקע, זאָל אײך דער אײבערשטער העלפן, ר'זאָלט מצליח זײַן.

— אמן, אײך, ר' ירחמיאל ישראל יצחק, זאָל גאָט אױך העלפן, װו איר װעט זיך נאָר קערן און װענדן.

אויסצומאָרגנס איז שוין „לאָדוש" געשטאַנען מיט אַ גאַנ... „קראָם" אין דער האַנט ביי די האָליעס פאַרן אייזערנעם טויער און האָט אַליאַרמירט די דורכגייער.

— יונגערמאַן, אַ קעמעלע אַ גוטס, 25 גראָשן, פ י נ ע ו ע צ וואָ נ צ י ק ג ר אָ ש ן !

ער האָט געשריגן מיט אַלע כוחות, ווי איינער, וואָס פילט, אַז ער מוז זיך ראַטעווען, אַנישט גייט ער נעבעך אונטער מיט ווייב און קינדער.

אין אָוונט האָט ער איינגעפאַקט די קראָם און איז אַריין אין רעסטאָראַנדל אויף גנוינע איבערכאַפּן דאָס האַרץ און אויסטרינקען אַ גלאָז טיי. ער האָט געזופּט די טיי הויך אויפן קול און אַזש צוגעקרעכצט פון גרויס הנאה. אין זיין „קרעמל" האָט ער אויך געהאַט ליגן אַ גרויס שטיק ברויט. ער האָט אַ שלעפּ געטון דאָס פּעקל סחורה און געוואָלט עס אויפבינדן. פּלוצלינג האָט אים ווער אַ שטופּ געטון ביי דער האַנט און אַ שלעפּ געטון דאָס פּעקל סחורה צו זיך.

— וואָס שלעפּט איר, וואָס, לאָדוש, ש'איז דאָך מיין סחורה!

פון גרויס א בעררעשונג איז „לאָרוש" געבליבן שטעקן מיט אַ מויל טיי, נישט אַהין, נישט אַהער

— ווועס, איר זענט אויך דאָ? סרועל פינקע? וואָס הייסט, ס'איז אייער סחורה, ס'איז דאָך מיין קראָם, איז עס דאָך.

— ר'האָט אַ טעות, ר' ירחמיאל ישראל יצחק, ס'איז מיינע. כ'האַנדל אויך מיט דער זעלבער סחורה. אייער קראָם ליגט דאָך אָט דאָ, לעבן אייך, און איר שלעפּט גאָר מיין קראָם.

— וואָס, איר האַנדלט אויך מיט...

מיט קעמעלעך, יאָ. וואָס דען, איר ווילט זיין איין זכר אין מאָסקווע

- סראָל פינקע, צלם-קאָפּ, איר האָט זיך שוין פאַרלייגט אויף מיין לעבן, האָט איר זיך שוין? געמיינט, איך ווער גליקלעך, ווער איך און וווּ האַנדלט איר, וווּ?

— ווּ זאָל איך האַנדלען ? בּיים אייזערנעם טויער

„לאָדוש" האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר האָט אַ כאַפּ געטאָן מיט גרויס כּעס זיין „קראַם", האָט אַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר און איז אַרויס.

עטלעכע וואָכן זענען בּיידע אַזוי געשטאַנען פאַר דער האָליע נישט ווייט איינער פון אַנדערן, האָבּן געהאַנדלט, געריסן די העלזער און זיך געשטאָכן בּסדר מיט גיפטיקע בּליקן.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז אָבּער געשען אַ קאַטאַסטראָפע. „לאָדוש" האָט זיך אַ ווײלע פאַרקוקט. ער האָט דערזען סראָל פּינקען מיט זיין קראַם, ווי ער שטייט און לייזט געלט. אפשר 4 מענטשן שטייען אַרום און רייסן אים ממש די סחורה פון די הענט אַרויס, און ער, ירחמיאל ישראל יצחק נעבּעך, שטייט און קוקט זיך אויס די אויגן נאָך אַ קונה און קיין הונט קומט נישט צו צו אים. פּלוצלינג האָט ער דערפילט אַ שווערע האַנט אויפן אַקסל. ער האָט זיך געוואָלט אַ ריס טון און אַנטלויפן, אָבּער עס איז שוין געווען צו שפּעט. אַ „מײלעץ" האָט אים שוין געהאַלטן.

ער האָט גענומען שטאַמלען די פּאָר ווערטער פּויליש, וואָס ער האָט אין זיין לעבּן זיך בּאַוויזן אויסצולערנען, אָבּער ס'האָט נישט געהאָלפן. דער פּאָליציאַנט האָט אַ נעם געטאָן די „קראַם", און אים, ירחמיאל ישראל יצחקן, האָט ער געהייסן מיטגיין. אין קאָמיסאַריאַט האָט מען אים אַריינגעבּעטן אין בּאַזונדער חדר און געהייסן וואַרטן. ער האָט זייער לאַנג געוואַרט. יעדע פּאָר שעה האָט זיך געעפנט די טיר און ס'איז אַריין אַ פרישער „סוחר". ס'איז שוין בּאַלד געווען אַ מנין מענטשן: גאַסן-הענדלער, יינגלעך מיט קוישן בּייגל, יידן פון אויבּסט-וועגעלעך וכדומה. „לאָדוש" האָט געהאַלטן אין איין קוקן צו דער טיר.

— ער איז נאָך אַלץ נישטאָ, — האָט ער געמורמלט צו זיך, — דער צלם-קאָפּ וועט דאָך מיר אוודאי דאָס גליק אויך נישט פאַרגינען.

אָבּער ער האָט אַ טעות געהאַט. אָהער איז גראָד סראָל

פינקע נישט געקומען. „לאָדוש" איז „אונטערגעזעסן" ביז אויס־צומאָרגנס און דאַן האָט מען אים געעפנט די טיר און גע־הייסן גיין. ער איז גלייך אַוועק אין סאָרדינערס שול אויף טוואַרדע, האָט זיך צעלייגט אויף אַ באַנק און איז אַנטשלאָפן גע־וואָרן.

מער איז „לאָדוש" שוין נישט געגאַנגען האַנדלען צום איי־זערנעם טויער. עטלעכע טעג האָט ער זיך אַרומגעדרייט אָן אַ גראָשן פאַרדינסט. דערנאָך איז אים פּלוצלינג איינגעפאַלן אַ גוי־טער געדאַנק אין קאָפּ אַריין, און פון גרויס צופרידנקייט האָט ער זיך גענומען רייבן די הענט.

— יאָ, גערעכט, ווי איעך בין אַ ייד, ס'אַ געשעפט. קיין געלט ברויך מען אין דעם עסק נישט אַריינצולייגן און כאַפּן אַ פּאָר גילדן קאָן מען. יאָ, גערעכט, ווי איעך בין אַ ייד.

אויפ־צומאָרגנס איז ער אַוועק אויף אָקאָפּאָווע, עק גענשע, אויפן יידישן בית־עולם, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין דער הויפּט־אַלעע און גענומען פאַרטשעפּען די פאַרשידענע דורכ־גייער.

— זאַאַטשע מוחל, פּעטער, האָבן זי נישט קאָן פּאַראיבל, וואַבעלע, אפשר דאַרפן זי, קאָן איעך איהן מאַכן אַ קייל מולע רחמים. נישט קיין סך, אַ פּאָר גראָשן.

אַ גאַנצן טאָג איז ער אַזוי אַרומגעלאָפן פון איין דורכגייער צום אַנדערן, געריסן די פּאָלעס אויף רעכטס און לינקס, אָבער קיין גרויסע גליקן האָט ער נישט געמאַכט. צו דעם אַלעם האָבן די אַלטע, איינגעפונדעוועטע „אל מלא רחמים"־מאַכער אים ממש פאַראומערט דאָס לעבן.

— אַ פרישע פּאָקראַקע! ברוך הבא. ווער האָט געשיקט נאָך אייך?... ווייניק „מאַכערס"? פּונקט איר האָט נאָך צוגע־פעלט.

ירחמיאל ישראל יצחק האָט הכנעהדיק אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און גאָרנישט געענטפערט. ער איז פייל־פון־בויגן נאָכגע־לאָפן די דורכגייער און געפּרוווט אַריינכאַפּן אַ פּאָר גראָשן פּרנסה.

פאַרנאַכט, ס׳איז שוין געווען טונקל, „לאָדוש" האָט שוין די פיס נישט געפילט פונם פּסדרדיקן אַרומלויפן און ער האָט ענדלעך באַשלאָסן אַהיימצוגיין. אין קעשענע האָבן אים געקלונגען עטלעכע מטבעות, און ער האָט זיך שוין געזען אין רעסטאָראַנדל אויף גנוינע גאַס ביי אַ וואַרעם גלעזל טיי. פּלוצלינג האָט ער באַמערקט אַ ייד שנעל גיין אין אַ זייטיק בית-עלמין-געסל.

— אַהאַ, אוודאי אַ שפּעטער גאַסט, — האָט ער זיך געטראַכט, — מ׳עט נאָך פּרוּוון, אפשר וועט מען כאַפּן אַ פּאָר גראָשן.

ער איז שנעל צוגעלאָפן און דעם ייד אַ ריר געטון ביים אַקסל.

— זייטשע מוחל, פּעטער, אפשר אַ קייל מולע ראַכמעם? נישט קאָן סך, אַ פּאָר גראָשן.

דער ייד האָט אויפגערעגט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— וואָסער זייטשע מוחל, וואָסער קייל מאָליי ראַכאַמים? איר מאַכט חוזק, צי וואָס? ר׳ ירחמיאל ישראל יצחק, געזונט זאָלט איר זיין! וואָס טוט זשיך מיט אייך?

„לאָדוש" האָט זיך אַ כאַפּ געטון פאַרן האַרץ. פון גרויס איבעראַשונג איז ער שיער נישט אומגעפאַלן.

— וועס, דאָ זענט איר שוין אויך דאָ? ווילנע, צלם-קאָפּ, געבראָטענער ליטוואַק, איר האַנדלט דאָך ביים אייזערנעם טויער! וואָס טוט איר דאָ?

— וואָסער אייזערנער טויער, ווער האַנדלט? אַ „מיילעך" האָט מיך געשנאַפּט, אָפּגעזעסן אַ מעת-לעת אין „חד-גדיא" און היינט לויף איך דאָ אַרום אין די הינטער-געסלעך און מאַך „מאָלעס". אסור, צי כ׳האָב שוין היינט פאַרדינט אויף אַ וויעטשערע. די אַלטע „מאַכערס" האָבן מיר שוין באַלד די לעבער אויפגעגעסן, זיי לאָזן נישט אויף די אויגן.

ירחמיאל ישראל יצחק האָט געוואָלט עפּעס זאָגן; די אויגן האָבן אים געשפּריצט מיט פייער און דאָס פּנים איז אים פאַר כּעס רויט געוואָרן, ווי בלוט. פּלוצלינג אָבער האָט ער זיך געטון אַ דריי אויס, האָט אַ שפּיי געטון מיט פאַראַכטונג און איז אַוועק.

דערווייל היטן ביידע דאָס בית-עלמין, ביידע שטייען צווישן

מצבות אין באַזונדערע אַלעען און לאָזן קיינעם נישט דורכגיין, יעדער אויף זיין אופן.

— פעטער, וואַבבלע, אפשר ווילן זע, קאָן איך מיט איהן מיטגיין, כ'קאָן איהן מאַכן אַ מולע. כ'פאַרלאַנג נישט קיין סך, אַ פאָר גראָשן...

— ווייבעלע, ר' קרוב, געזונט זאָלט איר זיין, שטייט אַ ווייליענקע. אפשר אַ קייל מאָלי ראַכאַמים, נישט קיין סך, חלילה, אַ קליינינקע פאָר גראָשן...

לעאָרזי

(דערציילונג)

ס'איז געווען איינמאָל אין די שפּעטע שעהן פון אַ פראָסטיקן ווינטער-אָוונט. כ'בין געזעסן ביי מיין ראַדיאָ-אַפּאַראַט, האָב געדרייט דעם קאָנדענסאַטאָר-קנאָפּ און בין אַרומגעפלויגן מיט מיינע עלעקטראָ-מאַגנעטישע ראַדיאָ-פליגל איבער דעם אייראָפּעישן קאָנטינענט. אין קאָפּ האָט מיר שוין גערוישט פון דעם שפּראַכן-מבול, רעדעס, קאָנצערטן, טעאַטער- און אָפּערן-טראַנסמיסיעס, און איך האָב באַשלאָסן אַ ביסל אויסצורוען מיינע צעשרויפטע נערוון. איך האָב שנעל צוגעשטעלט מיין קורץ-כוואַליקן „אַגרעמאַט" און האָב מיך אַ לאָז געטון אין קעניגרייך פון די קורצע כוואַליעס.

דאָרטן איז שטיל, ווי אין אַ וויסטער מדבר. מען קאָן דאָ פראַנק און פריי אַרומפליען און זיך כמעט מיט קיינעם נישט צונויפטרעפן, אַ חוץ מיט אַ געהיימנישפולן פייפן פון אַ מאָרזע-אַפּאַראַט ערגעץ אויף יענער זייט אָקעאַן. ערשט ביי דער כוואַליע-לענג פון 30 ביז 70 מעטער קאָן מען זיך אָפּשטעלן אין קאָנטאַקט מיט אַפריקע, מיט די פאַראייניקטע שטאַטן, יאַפּאַן און מאַנדזשוריען אָדער דרום-אַמעריקע.

איך האָב מיט אויפגעשפּיצטע אויערן זיך גענומען איינהערן אין יעדן געהיימנישפולן גערויש און כאַראַקטעריסטישן פייף, וועלכער איז אַזוי גוט באַקאַנט די ראַדיאָ-אַמאַטאָרן און ווערט פון זיי אַזוי פריידיק, מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ אויפגעפאַנגען, ווייל ער זאָגט אָן די גוטע בשורה, אַז מען איז ענדלעך אָנגעקומען צו אַ מענטשלעכן ישוב, אַז מען געפינט זיך אויף עפּעס אַ ראַדיאָ-סטאַציע.

איך האָב שנעל צוראַגולירט מיין אַפּאַראַט און באַלד האָב איך דייטלעך דערהערט אַ גרוס פון יענער זייט ערד־קוגל.

— האַלאָ, האַלאָ, ראַדיאָ־קלוב דע בראַזיל, ריאָ דע זשאַנעיראָ.

דער ספּיקער האָט אָנגעזאָגט אַ פערטל שעה מוזיק און באַלד האָט זיך איבער מיין צימער דייטלעך דערהערט אַן עקזאָ־טישער טאַנגאָ.

איך פאַר ווייטער — עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכע שפּראַך. מיין אויער קאָן קיין איין דייטלעכן קלאַנג נישט אויסכאַפּן. ווו שטעק איך דאָ ערגעץ? קיין שום ענלעכקייט צו עפּעס אַן אייראָ־פּעאישער שפּראַך! אפשר בין איך ביי די עשרת השבטים אָדער ביי אַ געהיימנישפולער ראַדיאָ־סטאַציע ערגעץ אויפן מאַרס? פּלוצלינג דערהער איך עטלעכע פאַרשטענדלעכע ווערטער און איך טאַנץ אַזש אונטער פאַר שמחה. אַ זאַנפטע פרויען־שטים רעדט מיט אַ מעלאָדישער ווייכקייט, ווי זי וואָלט געזונגען. זי חזרט איבער עטלעכע מאָל דאָס זעלבע וואָרט. זי איז געוויס די ספּיקערין.

— לאָו, לאָו, טאָקיאָ, לאָו, לאָו, טאָקיאָ!

זי זאָגט נאָך עפּעס אַ פּאָר אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, צווישן וועלכע עס מישן זיך אַריין אַזעלכע אויסדרוקן, ווי אַנ־דאַנטע, אַלעגראָ און ראָנדאָ, און באַלד צעטראָגט זיך אַ ווייכע, האַרציקע מוזיק פול מיט בענקשאַפט און השתפכות הנפש, אַז איך ווער מיטגעריסן. די פליגל פון מיין פאַנטאַזיע טראָגן מיך באַלד אַהין און איך זע די ספּיקערין, ווי זי שטייט ביים מיקראָ־פאָן און וואַרט אויף אַ צייכן, כדי ווייטער אָנצוזאָגן אירע הע־רער וועגן גאַנג פון פּראָגראַם. זי איז רויִק און אירע קרום־איינ־געזעצטע מאַנדל־אויגן קוקן מיט אַזוי פיל זאַנפטיקייט און שטילער ווירדע. איר הויכער גרעק אויפן סאַמעט מיטן קאָפּ זעט אויס, ווי אַ קרוין, און איר זוניקער שמייכל דערפרישט און מונטערט אויף. אָט רעדט זי שוין ווידער. די מוזיק האָט אויפגעהערט און זי זאָגט ווידער אָן אַ נייעם מוזיק־נומער. באַלד דערהערן זיך קלאַנ־גען פון פרעמדער און אייגנאַרטיקער מוזיק, אָבער איך בין שוין

אומגעדולדיק. איך בין שוין צו לאנג געשטאנען אויף איין אָרט. איך פלי שוין ווייטער. וווהין וועלן מיך מיינע עלעקטראָמאַגנעטישע פליגל ווייטער פאַרטראָגן ?

פלוצלינג — איך הער ווידער א פייף. באלד דערויף דערהערט זיך א שטיל קלאַפן, ווי פון א האַמער אויף א שווערער קאָוואַדלע, און דאַן — א האַמעטנע מענער־שטימע אין א דייטשלעכן ענגליש :

— העלאָו, העלאָו, דהער איס דהי פּריוועט־ראַדיאָ־סטיישן לע אַר ז, לע אַר זי (דאָ איז די פּריוואַטע ראַדיאָ־סטאַציע באַלטימאָר). ווער הערט מיך, ווער הערט מיך ? ביטע ענטפער, ביטע ענטפער !

די שטימע האָט מיך פאַראינטערעסירט, עפּעס איז אין איר טעמבער געלעגן אזא פריינטלעכקייט, אזא האַרציקע איינלאַדונג צום ענטפער, אז איך האָב תיכף באַשלאָסן מיך צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט דעם ווייטן אומבאַקאַנטן.

כ׳האָב באַלד געלאָזט אין באַוועגונג מיין קורץ־כוואַליקע שיק־סטאַציע. כ׳האָב זי אָנגעשטעלט אויף דער זעלבער כוואַליעסלענג, און אין עטלעכע סעקונדן אַרום האָט דער אומבאַקאַנטער שוין געהערט מיין ענטפער.

— העלאָו, העלאָו, דהער איז ספּיקינג עס עף וואָרסאָו (דאָ רעדט מ. פ. וואַרשע). איך הער אייך, איך הער אייך.

כ׳האָב באַלד ווידער געהערט זיין ענטפער און עס האָט זיך פאַרבונדן צווישן אונז א געמיטלעכער שמועס. מיר האָבן גערעדט וועגן פאַרשידענע ראַדיאָ־פאַך־ענינים און גלייך זענען מיר אַריבער אויף פּאָליטיק. ער האָט מיך געפרעגט וועגן דער לאַגע פון געוויסע בירגער אין א גאַנצער רייע מזרח־אייראָפּעישע מלוכות און וועגן די צרות, וואָס דידאָזיקע בירגער האָבן אויסצושטיין, ווייל זיי זענען „פרעמדע“. ער האָט גערעדט מיט אַזוי פיל מיטגעפיל פאַר די געפּלאָגטע, מיט אַזוי פיל אויפריכטיקייט, אַז כ׳האָב אַזש דערפילט טרערן אין די אויגן פון פרייד, אַז די גרויסע, ווייטע וועלט נעמט אָנטייל אין אונזערע לײדן.

מיר האָבן נאָך גערעדט וועגן פאַרשידענע אַנדערע

ענינים און ערשט נאָענט פאַרטאָג האָבן מיר זיך פריגעלייגט און האַרציק געזעגנט.

* *

*

אויפצומאָרגנס צו דער זעלבער צייט האָבן מיר זיך ווי־דער געטראָפן, כאָטש מיר האָבן זיך אבסאָלוט נישט אָפגעשמועסט. דאָס זעלבע איבערמאָרגן און אַזוי כמעט יעדן טאָג.

מיר זענען זייער באַפריינדעט געוואָרן. מיר האָבן זיך גע־קענט לויט אונזערע ראַדיאָ־נעמען: לע אַר זי און עם עף. אויף דער פראַגע, ווער ער איז, האָט ער מיר איינמאָל געענטפערט:

— איי עם ען עמעריקען־מען (כ׳בין אַן אַמעריקאַנער).

מער האָב איך אים שוין קיינמאָל די פראַגע נישט גע־שטעלט. אויך ער האָט מיך קיינמאָל נישט געפרעגט, ווער איך בין.

איינמאָל, דאָס איז געווען פסח, דעם ערשטן סדר־אָוונט, שפעט ביינאַכט, בין איך צו מיין אַפּאַראַט. איך בין געווען עבט־יום־טובדיק געשטימט און כ׳האָב מיך געוואָלט א ביסל דורכ־שמועסן מיט מיין ראַדיאָ־פריינט. כ׳האָב מיך שנעל א לאָז געטון אויף דער אָפגערעדטער כוואַליע־לענג. אָט בין איך שוין דאָרט. איך קלאַפּ, איך רוף אין דער ווייטער נאַכט־שטילקייט. איבער לענדער, מדבריות און ימען טראָגט זיך מיין ראַדיאָ־רוף: „העלאָו, העלאָו, פריינט לע אַר זי, העלאָו!" אָבער קיינער ענטפערט נישט. זיין שיק־סטאַציע איז שטום. וואָס קאָן עס זיין? איך בין אומרויִק. א פאַרביטערטער און אַנטוישטער לעש איך אויס מיין אַפּאַראַט און לייג מיך מיט א פאַרדאָרבענעם הומאָר שלאָפן.

אין דער צווייטער סדר־נאַכט האָב איך שנעל דערלייריקט די פיר כוסות מיט די איבעריקע זיבן זאַכן און בין גלייך צו צו מיין אַפּאַראַט, אָבער אויך דאָס מאָל איז מיין רופן געווען אומ־זיסט. מיין פריינט איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. נישטאָ. א שאָד. נאָך אַזא לאַנגער באַקאַנטשאַפט און אמתער פריינטשאַפט אַזוי פּלוצ־לינג פאַרשווינדן צו ווערן! ווו קאָן ער זיין? איז ער אפשר

קראַנק, אָדער אפשר איז מיט זיין כוואַליעס־רייט־וואָגן, מיט דעם אַפּאַראַט, געשען עפּעס אַ קאַטאַסטראָפע ? ווער קאָן וויסן ?

אויפצומאָרגנס, דעם ערשטן טאָג חול־המועד, בין איך שוין מער נישט צוגעגאַנגען צום אַפּאַראַט. ערשט דעם צווייטן חול־המועד־אָוונט האָב איך באַשלאָסן נאָכאַמאָל אַ פּרוּוו צו טאָן. כ'ווייס, אפשר וועל איך אים דאָך פּאַקן. אָט פלי איך שוין. איך קלאַפּ אין זיין טיר. האַ ? איז עס ריכטיק ? יאָ ! ער איז דאָ. אָט הער איך שוין זיין צייכן און ווייטן רוף. ער זוכט מיך : „העלאָו, העלאָו, פריינד עס עף !" מיר רעדן שוין. ער איז אויסערגעוויינלעך דערפרייט.

— ווו זענט איר נעכטן געווען, פריינט עס עף, כ'האָב דאָך אייך געזוכט אַ גאַנצן אָוונט.

— נעכטן, — זאָג איך — ריכטיק. נעכטן בין איך נישט געווען, אָבער ווו זענט איר געווען פרייטיק און שבת אָוונט ? כ'האָב געמיינט, אַז עס האָט מיט אייך פּאַסירט עפּעס אויסערגעוויינלעכס.

אַ ווײַלע איז ער שטיל געבליבן. זעט אויס, ער האָט עפּעס נאָכגעטראַכט, וואָס מיר צו זאָגן, דאַן האָט ער מיט אַ געענדערטער שטים שטיל אַ זאָג געטאָן :

— אויסערגעוויינלעכס ? יאָ, עס האָט פּאַסירט אויסערגעוויינלעכס... נישט בלויז מיט מיר, נאָר מיט אַ גאַנץ פאָלק... מיט מיין פאָלק... מיר האָבן אין די טעג געפייערט דעם יום־טוב פּסח... צוליב דער פייערלעכקייט פון דאָזיקן יום־טוב און זיין פרייהייטס־באַדייטונג פאַר אונזער פאָלק, האָב איך אין די טעג גערוט, ווי איך האָב עס געלערנט ביי מיין פאָטער און זיידן !...

— איר זענט אַ ייד ? — האָב איך איבערראַשט אויסגערופן, — טאָ נעמט אָן אַ פייערלעכע יום־טוב־באַגריסונג פון אייערס אַ שטאַם־ברודער. איך בין אויך אַ ייד, ליבער לע אַר זי.

— אויך אַ ייד, — אָ, ווי אָנגענעם, טאָ זייט־זשע הערצלעך און ברידערלעך געגריסט.

— אַ דאַנק, ליבער לע אַר זי, אָבער קאָן מען שוין אפשר וויסן אייער נאָמען ?

— מיין נאָמען ? אַן עכט ייִדישער, איר הערט אים יעדן

טאָג פון מיר. אַ וווּנדער, אַז איר האָט אים נאָך נישט דערשנאַפּט מיט דעם שאַרפן יידישן אינסטינקט.

— אַן עכט־יידישער ? ל׳ע אַר זי ? כ׳פאַרשטיי נישט.

— זייער איינפאַך, איזראַעל... אַזוי הייס איך, דייוו איזראַעל. אין ראַדיאָ בלויז זאָג איך מיין נאָמען אַרויס פאַרדרייט, פון סוף צום אָנהייב... ל׳ע אַר זי. שוין אַ געוווינהייט אַזאַ ביי מיר. עס ליגט מיר אין בלוט, אפשר איז עס אינסטינקט, אָדער אַ רוף פון בלוט, אַ ירושה פון מיינע עלטער־זיידעס, שפּאַנישע יידן... אַזוי איז עס שוין ביי מיר, ליבער פריינט עם עף. ווי זאָגט איר ? מרדכי פעדערגרין ? זייער אָנגענעם, סאַלווע ! שלום וברכה.

אַזוי האָב איך מיר דורכן ראַדיאָ דערוואָרבן אַ ווייטן, אָבער זייער נאָענטן פריינט.

אונטערוועגנס

(נאָוועלע)

ס'איז געווען אַ פּרעכטיקער ווינטער־נאָכמיטאָג. אין דער דורכזיכטיקער זילבערנער ווינטער־לופט האָט זיך געטראָגן אַ קאַלט דערפרישנדיק ווינטל, וואָס האָט שוין געטראָגן אין זיך דעם לייכטן, האַרץ־דערפרייענדיקן אָטעם פונם באַלד אָנקומענדיקן פרילינג. דער טיף־בלויער הימל האָט פון מינוט צו מינוט גענומען טונקעלער ווערן און האָט לאַנגזאַם איינגעהילט דעם שמאָלן לאַנגן שאָסיי און די ווייס־באַשנייטע סודותפולע וועלדער אַרום מיט אַ ווייס־גרויער טונקלקייט.

דער גרויסער פּאַסאַזשיר־אויטאָבוס, וואָס האָט יוסףן, נאָך לאַנגע יאָרן וואַנדערן אין פרעמדע לענדער, צוריקגעפירט אין זיין קליין חנעוודיק געבורטס־שטעטל ביים בוג, איז געווען האַלב־ליידיק און קאַרג באַלויכטן. די צוויי פאַרחושכטע יידלעך מיט די זעקלעך אויף די קני האָבן מיד געכראָפּעט, צושאָקלענדיק מיט די קעפּ.

יוסף איז געזעסן האַרט ביים פענסטערל, אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיטן עלנבויגן, און מיט התפעלות באַטראַכט די אים גוט באַקאַנטע וועלדער, וואָס זענען איבערגעפלויגן פאַר זיין בליק.

פון צייט־צו־צייט האָט ער אַ קוק געטון אויף זיין וויז־אַ־וי. אַ יונג באַחנט מיידל מיט העל־בלאָנדע האָר און שטאָל־בלויע אויגן האָט מיט עקשנות און פאַראינטערעסירונג געקוקט אויפן עלעגאַנטן פּאַסאַזשיר מיט די מענגעס וואַליזעס.

דער אויטאָבוס איז לאַנגזאַם געקראָכן איבערן האַרטן שניי,

צופּינדיק מיט אַ הייזעריקן געשריי פון די רעדער. דער שאָ־פער, אַ יונגער שייגעץ, האָט כּסדר געמרוקעט און געשאָלטן די גאַנצע וועלט אַרום. דאָס אַלטע יידל לעבן אים, דער באַלעבאָס פונם אויטאָ, האָט אים געהאַלטן אין איין באַרויקן.

— שריי נישט, פראַנטשישקו. ווער איז דיר שולדיק, אַז עס האָט אָנגעוואַליעט אַזאַ שניי? כעס דיך נישט אַזוי, גיב אַכטונג, ווו דו פאָרסט. אַלץ איז פאַרשיט!

— אָבער מ׳עס דאָך אָהיימקומען אינמיטן דער נאַכט!...

דער באַלעבאָס האָט טיף און שווער אַ זיפץ געטון.

— פאַרפאַלן! ס׳טרעפט מיך שוין נישט דאָס ערשטע מאָל אַזאַ וועג. דער אייבערשטער זאָל מיך שוין אָפּהיטן פון ערגערע צרות.

דער וואַלד אַרום האָט אָנגעהויבן ווערן געדיכטער און דער וועג — פינסטערער. אַ שווערע אומהיימלעכקייט האָט אָנגעהויבן אַריינקוקן דורך די קליינע, פאַרלאָפענע אויטאָמאָביל־שייבלעך. די פרײלין האָט מיט אַ האַלב־דערשראָקענעם בליק זיך גענומען אַרומקוקן איבערן אויטאָבוס און ענדלעך האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט און האַלב צו זיך, האַלב צו יוסף אַ זאָג געטון.

— דער וועג ווערט דאָ וואָס אַ מינוט שווערער... שוין נישט ווייט פון ליצענאָווע, באַלד פאָרן מיר דורך דעם שלאַבאַן און פון דאָרט בלייבט נאָך אַ פּופּצן וויאָרסט אין שטאָט אַריין.

יוסף האָט אויף איר אויפמערקזאַם אַ קוק געטון.

— אַזוי? איר מוזט דאָ אָפט פאָרן. איר קענט, זע איך, אויסגעצייכנט דעם וועג.

די פרײלין האָט פרײנטלעך אַ שמייכל געטון:

— יאָ, כ׳פאָר כמעט אַלע צוויי וואָכן.

— טאַקע אַזוי, — האָט יוסף געזאָגט. — איך בין שוין דאָ נישט געפאָרן אַ יאָר צוועלף.

— אַזוי לאַנג, — האָט זיך דאָס יונגע מיידל געחידושט. — כ בין נאָך דעמאָלט מסתּמא אַ קינד געווען... דער אַלטער איטשע־בער האָט נאָך דעמאָלט געמוזט פאָרן מיט זיין פערדל. היינט שלעפּט ער זיך מיטן אויטאָ און גיט אַכטונג אויפן שייגעץ; בײ

דער מאַשין איז ער נישט קיין גרויסער מאַכער. אַז מען קאָן זי נישט — זאָגט ער — „פאָסטראַשען" מיט דער בייטש...

— וואָס ? — האָט יוסף אַ ציטער געטון. — דאָס איז דער אַלטער איטשע-בער ? איטשע-בער „אומגליק" ? גאָט, ער שלעפּט זיך נאָך אַלץ אַרום איבער די וועגן ?

יוסף האָט מיט שרעק אַ קוק געטון אויפן אַלטן איינגע-הויקערטן איטשע-בער, וואָס איז געזעסן לעבן שאָפער און לייכט געדרימלט. ער האָט זיך שנעל צוגעזעצט צו דער פריילין און שטיל און געהיימנישפול אַ שעפּטשע געטון:

— מאַדנע, כ'האָב גאָרנישט געוווסט, אַז איך פאָר מיט איטשע-בערן... מיט זיין אויטאָ...

די פריילין האָט דערשראָקן אַ קוק געטון אויף יוספן און אים נערוועז אַ כאַפּ געטון פאַר דער האַנט.

— פאַרוואָס עפּעס ? וואָס ווייסט איר דען פון איטשע-בערן ?

אַן אָנגענומער ציטער איז אַדורך איבער יוספס קערפּער. ער האָט פעסט געדריקט איר ווייך הענטל אין זיין גרויסער מע-נערישער האַנט און האָט זיך נאָענט צו איר צוגעבויגן.

— וואָס ? איר האָט קיינמאָל נישט געהערט וועגן איטשע-בערס גרויס אומגליק אויפן אייז, בעת ער איז געפאָרן איבערן פאַרפרוירענעם בוג מיט אַ פולן שליטן חתונה-געסט ?

— נו ? און דאָס אייז האָט אוודאי גענומען פּלאַצן און...

— אַזוי איז עס. דאָס אייז האָט פּלוצלינג גענומען פּלאַצן אונטער די שווער-באַלאָדענע שליטנס און אַלע געסט, די מחותנים און דער חתן...

יוסף האָט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן. אין דער אָוונט-פינסטערניש האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ הויכער שניידיקער פייף און אַ סאָפּען פון אַ לאָקאָמאָטיוו. דער שאָפער האָט דער-שראָקן אַ געשריי געטון. איטשע-בער האָט גענומען מאַכן מיט די הענט און מיט אַלע כוחות אַ ריס געטון דאָס טירל, ווי ער וואָלט וועלן שנעל אַראָפּשפּרינגען. אָבער אין זעלב מאָמענט האָט עס אַ זעץ געטון אין אויטאָבוס מיט אַ שרעקלעכער קראַך. יוסף

האָט געוואָלט שרייען, אָבער ער האָט דערפילט, אַז ס'איז פּלוצלינג אַרום אים פינסטער געוואָרן און אַלץ האָט זיך געענדיקט.

— — — — — — — — —
— — — — — — — — —

ווען יוסף האָט געעפנט די אויגן איז ער געלעגן אין וואַלד. ער איז געווען שטאַרק צעמישט. אַ לאַנגע ווײַלע האָט ער געקוקט מיט מאַטע אויגן אין אַ טונקל-בלויען הימל מיט קאַלטע שטערן, וואָס האָבן זיך אַדורכגעריסן דורך געדיכטע, שניי-באַדעקטע צווייגן.

מיטאַמאָל האָט ער דערפילט אַ הייס, ווייך הענטל איבערן שטערן און האָט זיך שנעל אויפגעזעצט.

לעבן אים איז געזעסן דאָס בלאָנד-קעפּיקע מיידל און האָט רחמנותפול, מיט אַ פּאָר גרויסע בלויע אויגן פול ליבע אים געקוקט אין געזיכט. יוסף האָט זיך מיטאַמאָל אַלץ דערמאָנט און אַ דערשראָקענער האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון פאַרן קאָפּ. דאָס מיידל האָט אים אַ גלעט געטון איבערן שטערן און שטיל, מיט טרייקייט אין קול אַ פליסטער געטון:

— לענט זיך אָן אין מיין אַקסל... דער קאָפּ טוט אייך נישט וויי?

ווי מאָדנע בשותפותדיק גליק אָדער אומגליק דערנענטערט מענטשן.

יוסף האָט זי האַסטיק אַ צי געטון צו זיך און הייס-הייס געקושט אירע ברענענדע ליפּן.

— וווּ זענען מיר? — האָט ער נאָך אַ ווײַלע געפרעגט.

— אין וואַלד, — האָט דאָס מיידל געענטפערט. — פונם שטאַרקן צוזאַמענשטויס זענען מיר אַרויסגעפאַלן פון אויטאָבוס און האָבן זיך אַראָפּגעקײַקלט אין ראָוו אַריין... איך האָב אַלץ געפילט פון אָנהייב ביז איצט. דער שאָפער איז טויט... איטשע-בער האָט אַ צעבלוטיקטע האַנט. ער האַלט דעם צעבראָכענעם אויטאָ-לענקער מיטן רעדל אין דער האַנט, קלאַפּט זיך אין קאָפּ אַריין און וויינט... ביידע יידעלעך ליגן פאַרבלוטיקטע און קרעכצן...

יוסף האָט זיך לאַנגזאַם אויסגעשטעלט. ער האָט אַ נעם געטאָן דאָס פּרעמדע, נאָר איצט שוין אַזוי נאָענטע מיידעלע אונ־טערן אָרעם און איז אַרויף אויפן שאָסיי.

די באַן־שינעס האָבן געפינקלט אין דער אָוונט־דעמערונג מיט אַ קאַלטן גלאַנץ און האָבן זיך, ווי ריזיקע שטאָלענע שלאַנ־גען, געצויגן ערגעץ אין פרעמדע, אומבאַקאַנטע ווייטן... דער צוג איז שוין לאַנג געהאַט אַוועק, זיך צומאָל נישט אָפּגע־שטעלט, ווייל בלויז די הינטערשטע וואַגאָנעס האָבן אַ ריס גע־טאָן דעם אויטאָ.

יוסעס אַלע פּעקלעך זענען געלעגן צעשיט איבערן שאָסיי און איטשע־בער איז געזעסן אויף דער ערד מיטן אויטאָ־לענקער אין דער האַנט און האָט הויך געוויינט. יוסעפן האָט באַהערשט אַ מאָדנע כעס.

— איטשע־בער אומגליק, וואָס פּאַרט איר נאָך אויף די וועגן?... וואָס פירט איר נאָך מענטשן?... איטשע־בער!...

ער האָט פּלוצלינג דערזען דעם געהרגעטן שאָפער און די צוויי פאַרבלוטיקטע יידן.

— געוואַלט, זיי וועלן דאָך אויסגיין אין בלוט!...

איטשע־בער האָט אַ מרוקע געטאָן:

— שרייט נישט. דער „דראָזשניק" איז שוין געלאָפן טע־לעפאָנירן... באַלד וועט ער אָנקומען...

יוסף האָט פאַרמאַכט די אויגן, כדי נישט צו זען דאָס בלוט און דעם חורבן אַרום, און אַ נעם טועענדיק דאָס מיידל אונטערן אָרעם, איז ער מיט איר צוריק אַוועק אויפן פריערדיקן אָרט אין וואַלד.

— כ'האָב געמיינט, אַז איר זענט שוין טויט... — האָט דאָס מיידל געזאָגט צו יוסעפן. — גראָד ווען איר האָט מיר אָנגעהויבן דערציילן וועגן אומגליק אויפן אייז, איז דער צוג אַרויף אויף אונז... כ'האָב געמיינט, אַז שוין... טויט... כ'וועל אייך מער קיינ־מאָל נישט זען... נישט הערן... אָך, ווי כ'פריי מיך, וואָס איר זענט ווידער מיט מיר... דערציילט ווידער, דערציילט...

יוסף האָט אַ נעם געטאָן אירע קליינע, ווייכע הענטלעך

אין זיינע, האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און האָט שטיל, מיט אַ פאַרחלומטן בליק, אָנגעהויבן צו דערציילן:

„...דאָס איז געווען מיט יאָרן צוריק אין שטעטל. אַ שבת נאָכמיטאָג. חיים, אברהם־מאירס זון פון טאַרטאַק, איז געגאַנגען שפּאַצירן צום אײַזערנעם באַן־בריקל בײַם סענאַטאָרס סאָד.

אויפן גראָז בײַם שאָסיי, אַקעגנאיבער דעם סטאַוו, איז געזעסן משהלע, דעם פאַרבערס זון, געקוקט מיט איין אויג אין אַ ביכל און מיטן אַנדערן — אויסגעקוקט זײַן רחלען, וואָס איז אויף שבת געקומען צו־גאַסט אין שטעטל אַרײַן. חיים מיט משהלען האָבן זיך גוט געקענט און האָבן זיך דורכגעשמועסט.

ווען רחלע איז אָנגעקומען און חיים האָט אַ קוק־געטון אויף איר, איז אים אַ זיסער ציטער אַריבער איבערן גאַנצן קערפּער... ער האָט לאַנג און גיריק געקוקט אויף איר און זיך גאָרנישט געקאָנט פון איר שיידן...

אויך רחלע האָט אָפּגעענטפערט מיט הייסע און גיריקע בליקן... הערצער דערפילן זיך! רחלע איז געקומען בלויז אויף עטלעכע טעג אין שטעטל אַרײַן, אָבער זי איז שוין געבליבן עטלעכע וואָכן. משהלע האָט זיך נישט געכאַפּט פאַרוואָס... עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשיכטע מיט געהיימע זעאונגען, שבועות און ליבעס־דערקלערונגען...

פרויען זענען לײַכטזיניק און דעם רײַכן זונדל חיים איז שנעל געלונגען צו געווינען דאָס האַרץ פון דער שיינער, אָבער לײַכטזיניקער רחלע. זי איז אַוועק פון שטעטל און זיך נישט גע־זעגנט אפילו מיט „איר" משהלען...

חיים איז אַרומגעגאַנגען אַ שטראַלנדער, און משהלע — מיט אַ צעבראָכן האַרץ און פאַרטרויערטע אויגן...

ער האָט שוין געוווּסט, ווער ס'איז די סיבה פון זײַן אומ־גליק, און ער, אין זײַן גרויסער ליבע און נאַיִוויטעט, איז געגאַנ־גען צו חיימען ווײַנען און בעטן רחמים.

— מאַך מיך נישט אומגליקלעך... ביסט רײַכער, האָסט גרעסערע מעגלעכקייטן פאַר מיר, לאָז מיר מײַן רחלע... דו וועסט געפינען אַ שענערע... לאָז מיר...

אָבער חיים האָט זיך געמאַכט תמעוואַטע.

— וואָס ווילסטו פון מיר? גיי נעם זי דיר, ווער כאַפּט זי דיר צו?... אויב זי האָט דיך ליב, וועט זי דיך אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס...

ס׳איז געווען פאַרפאַלן. חיים איז דערנאָך אַוועק צו רחלען אין שטעטל אַריין און האָט דאָרט תנאים געשריבן. די חתונה איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף פורים-צייט. משהלע האָט אַלץ געהערט און געזען. ער פלעגט גאַנצע טעג ליגן אין שטוב און וויינען... צערונען זיין ערשטע יוגנט-ליבע... אַ סוף צו אַלע זיסע חלומות...

ענדלעך איז אָנגעקומען דער זמן החתונה. דער חתן, זיינע עלטערן און די גאַנצע משפחה האָבן זיך מיט גרויסע קוישן מלבושים און מאכלים באַזעצט אויף איטשע-בערס גרויסן שליטן און זיך איבערן פאַרפרוירענעם בוג געלאָזט צו דער כלה אין שטעטל אַריין. אַ סך מענטשן האָבן באַגלייט די מחותנים, משהלע איז אויך געקומען... ער איז געשטאַנען אַ טרויעריקער אויפן באַרג ביים טייך און לאַנג-לאַנג נאָכגעקוקט די אָפּפאָרנדיקע...

די זון האָט שוין עטלעכע טעג כסדר געהאַט געוואַרעמט און שטאַרק אָפּגעשוואַכט דאָס אייז. שוין נאָענט פון דער כלהס שטעטל, ווען מ׳האָט שוין אַרויסגעזען דעם הויכן גלאַנציקן קלויסטער-שפּיץ, האָט פּלוצלינג דאָס אייז גענומען פּלאַצן און צעפאַלן... איטשע-בער, אַ דערשראָקענער, האָט שנעל, ווי ער וואָלט געוואָלט אַנטלויפן פון דער סכנה, גענומען יאָגן מיט אַלע כוחות די פערד. אָבער מיטאָמאָל האָט עס געגעבן אַ הויכן טראַסק, דאָס אייז האָט זיך ברייט צעשפּאָלטן און אַלע געסט, מחותנים, חתן, פערד און וואָגן — זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן אונטערן וואַסער — — —

ווען די מחותנים פון כלהס צד זענען אַנטקעגנגעפאָרן מקבל-פנים זיין דעם חתן מיט זיין משפחה, איז זיי אַ נאַסער, אַן אָפּגעצוואָגענער, אַנטקעגנגעקומען איטשע-בער מיט דער לאַנגער בייטש אין האַנט — די איינציקע זאַך, וואָס ער האָט באַוויזן אָפּצוראַטעווען..."

יוסף האָט שטיל אָפּגעזיפצט און האָט פּלוצלינג דערפילט דעם מיידלס הייסע טרערן אויף זיין דורכגעפרוירענער האַנט...

פלוצלינג האָט זיך סונדערוויטנס אויפֿן שאָסיי באַוויזן אַ שטאַרקע שײַן פֿון אַן אויטאָ-רעפֿלעקטאָר. ער האָט זיך פלוצלינג דערמאָנט, ווו ער געפֿינט זיך איצט. דער אויטאָ האָט געברענגט הילף פֿאַר די פֿאַראומגליקטע. שפּעט בײַנאַכט זענען זיי אָנגעקומען אין שטעטל אַרײַן צעקלאַפּטע, האַלב-דערפֿרוירענע און אָן זאַכן.

איטשע-בער האָט אַלץ געלאָזט שטיין און ליגן אויפֿן וועג. בלויז דעם אויטאָ-לענקער, ווי דעמאָלט די בײַטש, האָט ער מיטגעבראַכט אין שטעטל אַרײַן. יוסף האָט אין יענעם אָוונט פֿאַרלוירן אַ סך זאַכן און געלט, דערפֿאַר אָבער האָט ער דאָרט געפֿונען זײַן גליק, זײַן בלאָנד-האָריק און בלוי-אויגיק גליק...

גיטעלעס מאַן

(סקיצע)

גיטעלעס מאַן איז אַ הויכער, ברייטבייניקער ייִד מיט אַ לאַנגער שוואַרצער באָרד און מיט אַן ענערגישן מאַנספּילישן חיתוך־הדבור. די ייִדענעס, וואָס קומען צו אים אין אייער־געוועלבל, קענען אים שוין. זיי ווייסן, אַז זיינס אַ וואָרט איז שטאָל און אייזן: ער וועט נישט בּיטן קיין גראָשן מער אויפן איי, נאָר ער וועט אויך נישט אַראָפּלאָזן אַ גראָשן.

— איך בּיט נישט און איך לאָז גאָרנישט אָפּ. ווילט עך — קויפט, ווילט עך נישט — גייט געזונטערהייט.

אָט אַזאַ מין שטייגער מענטש איז גיטעלעס מאַן. קיינעם פון זיינע ווייבערישע קונים פאַלט שוין גאָרנישט איין זיך מיט אים צו דינגען. גענומען, בּאַצאָלט און — אַ גוטן טאָג.

גיטעלעס מאַן, אָט דער שאַרפער, זיכערער ייִד מיטן חיתוך־הדיבור, לעבט אָבער איבער אין דער שטיל אַ טראַגעדיע, וואָס פאַרשטיין זי קאָנען נאָר יחידי־סגולה, מענטשן געוועזענע, מענטשן, וועלכע זענען געוואָרן יורדים. גיטעלעס מאַן איז אַ „געוועזענער". ער האָט אַמאָל, ווען ער איז נאָך געווען בּיי זיך אין שטעטל, געהייסן חיים־בּערל. פראָסט פּשוט: חיים־בּערל, ווייל אַזוי האָט מען אים אויפן בּרית אַ נאָמען געגעבן. היינט אָבער איז חיים־בּערל אַ מענטש אָן אַ נאָמען. היינט הייסט ער אין דער וועלט אַריין: גיטעלעס מאַן, דער אייער־סוחר.

דאָ, אין דער גרויסער שטאָט, ווייסט נאָר דער שול־שמש זיין אמתן נאָמען, ווייל ער רופט אים אויף פון צייט־צו־צייט לתורה. · גאָס אָבער און צווישן בּאַקאַנטע, שכנים און קונים,

קען מען נאָר „גיטעלעס מאַן". צום מיינוסן טאַקע צווישן קונים.

— זאָגט נאָר, גיטעלעס מאַן, פאַר דעם געלט מעגט איר מיר געבן גרעסערע אייער, — שאַדט נישט.

גיטעלעס מאַן ווערט צוליב דעם אַ ביסל אויפגערעגט.

— גרעסערע אייער? מוזן זי זיך מטריח זיין צו די הינער און זיי הייסן לייגן גרעסערע... איך האָב נישט קיין גרעסערע!

— אָבער גיטעלעס מאַן...

— גאָרנישט! געפעלט איהן איז גוט, אַ נישט — גייען זי מיר געזונטערהייט.

גיטעלעס מאַן איז אַן אלמן און איז שוין דער צווייטער ביי זיין גיטעלען, דער גרושה. גיטעלע האָט זיך געגט מיט איר ערשטן מאַן צוליב קינדער. אַ יאָר נאָך דער חתונה מיט חיים-בערלען איז גיטעלע געלעגן געוואָרן מיט אַ בן-זכר. שכנים האָבן געהאַט פון וואָס צו רעדן.

— וואָס זאָגן זי נישט צו גיטעלעס מאַן, דעם בעל-ברית? אַן אמתער מאַנספערשוין, הא?...

בעתן ברית האָט גיטעלעס מאַן זיך שטאַרק געפּאָרעט. איז אַרומגעלאָפן, אַ באַשמהטער, פון איינעם צום אַנדערן און מען האָט אים בשום-אופן נישט געקאָנט אַריינקריגן, ער זאָל אָנטון דעם טלית און מאַכן די ברכה. ס'איז געוואָרן אַ זובעריי, אַ גע-רויש פון ווייבער, שכנות.

— גיטעלעס מאַן, בעל-ברית, וו זענט איר? דער סנדק וואַרט דאָך. וואָס לויפט איר, וואָס? גייט, מען רופט דאָך איך, גיטעלעס מאַן!...

גיטעלעס מאַן איז בטבע נישט קיין שלעכטער. ער בייזערט זיך אפילו אַמאָל, אָבער גאַנץ ווייניק. ער טשעפּעט ממש נישט קיין פליג אויף דער וואַנט.

אָבער דאָ, בעתן ברית, איז געשען עפּעס אויסערגעוויינ-לעכס. ער האָט אַ מעסט-אָפּ-געטון די יידענע מיט אַ קרומען בליק און האָט זיך שטאַרק צעבייזערט.

— וואָס געוואַלטעוועט איר, יידענע? וואָס איז? כ'האָב,

בּרוך השם, אַ ײדישן נאָמען! גיטעלעס מאַן גאַר... כ'פאַרקויף דאָך נישט איצט קײן אײער, פאַרקויף איך דאָך נישט...

דער עולם האָט זיך מאָדנע איבערגעקוקט און גיטעלע אַלײן איז עפּעס געבליבן ליגן אַ שטילע און פאַרטרויערטע אין בעט. זי האָט שוין כמעט דעם גאַנצן טאָג נישט גערעדט צו קײנעם קײן וואָרט. זי אַלײן, זינט זי האָט מיט איר חיים-בערלען חתונה געהאַט, האָט זי אים כמעט קײנמאָל נישט גערופן בײם נאָמען, ווי עס פירט זיך צווישן מאַן און ווײב. נישט זי טוט עס בכיוון, נאָר עס קומט איר פּשוט נישט אויס. עס איז איר עפּעס נישט צו דער האַנט צו גײן איבערחזרן בײ יעדן וואָרט זײן נאָמען. אָן דעם נאָמען איז איר פיל באַקוועמער...

— זאָג נאָר, זאָלסט מיר געזונט זײן, דערלאַנג נאָר די אײער, נאָר שנעלער אַ ביסל, ריר זיך!

אָדער:

— הער נאָר, וואָס איז שוין ווידער פאַר אַ קאָך? אהאַ, די גוטע קונהטע. זאָג איר דאָרט, אַז אַזוי קאָסט עס און זאָל זי נישט אַזוי ליאַרמען, הערסט?

אויפן דריטן טאָג נאָכן ברית האָט זיך דער „רך הנימול" שטאַרק צעווײנט. אָן אויפהער. ס'איז שוין אַזש נישט מעגלעך געווען אויסצוהאַלטן און אויסצוהערן אָט דאָס כסדרדיקע ביטערע ווײנען פון דעם עופהלע. גיטעלע האָט זיך נישט געקאָנט קײן עצה געבן. זי האָט נישט געוווסט, וואָס מען הײבט אָן צו טון. חיים-בערל איז פּונקט אָנגעקומען פון געוועלב אַ קוק טון, וואָס עס הערט זיך, און גיטעלע, דערזעענדיק אים, האָט שוואַך אַ רוף געטון:

— חיים-בערלשי, וואָס טוט מען, וואָס? דאָס קינד האָט דאָך שוין נישט קײן כוח צו רײסן זיך. אפשר אַ דאָקטאָר, אָדער אפשר דאַרף מען עס איבערבינדן.

חיים-בערל האָט צום ערשטן מאָל דערהערט זײן נאָמען פון ווײבס מויל. איז ער געבליבן שטײן מיט אַ פּאָר אויפגעריסענע אויגן אויף זײן גיטעלען און אַ ווײלע זיך נישט גערירט פון אָרט. דערנאָך איז ער שנעל צו צום ווײנענדיקן קינד און מיט געוואַל-

טיקער טרײשאַפט און צאַרטקייט עס אַ גלעט געטון איבערן קליי־נעם קעפעלע. אין זײַנע אויגן איז געווען עפּעס אַזוי פיל גוטס־קייט, עפּעס אַזוי פיל געריכטקייט און דאַנקבאַרקייט, אַז גיטעלען האָבן זיך אַזש געשטעלט טרערן אין די אויגן און זי האָט אים מאָדנע אָנגעקוקט.

— — — — — — — — —

נישט שטענדיק אָבער מאַכט זיך אַ ברית. עס גייען דורך לאַנגע חדשים און ער, גיטעלעס מאַן, הערט נישט פון קיינעם זײַן נאָמען אויסרעדן. ליידט ער טאַקע שטילערהייט און דריקט כּסדר דעם צער אין זיך...

ער איז אַ יורד, גיטעלעס מאַן. ער איז געוואָרן אַ מענטש אָן אַ נאָמען.

ביי גיטעלען אין געוועלב איז דאָ אַ טעלעפאָן. אַז עס קלינגט ווער — גייט שטענדיק צו גיטעלע אַליין. גיטעלעס מאַן האָט זיך נאָך עד היום נישט צוגעוווינט צום טעלעפאָן. ער קאָן נישט גוט הערן, וואָס מען רעדט צו אים.

איצט איז שוין אָבער — גאָלד. באַלד נאָך דער חתונה איז געווען שרעקלעך. ער פלעגט צושטעקן דעם מיקראָפאָן צום אויער און דעם הערער — צום מויל... הײַנט קאָן ער שוין אפילו ריכטיק האַלטן דאָס רערל, אָבער קוים מיט צרות דערהערט ער אַ וואָרט.

— הע? וואָס? כ׳הער נישט, חאַ? ווער רעדט?...

אײַנמאָל אין אַ שבת־צו־נאַכטס איז אין געוועלב געווען אַ גרויס לײַזעניש. גיטעלע איז געווען פאַרטון מיט די ווײַבערישע קונדן און האָט זיך נישט געקאָנט פון זיי אַ מינוט אָפּרײַסן. מיט־אַמאָל האָט זיך דער טעלעפאָן צעקלונגען. גיטעלעס מאַן האָט דער־שראָקן אַ קוק געטון אויף זײַן ווײַב, און זעענדיק, אַז זי קאָן נישט אַוועקגיין, איז ער אַליין צו און אַראָפּגענומען דאָס רערל. אין טעלעפאָן האָט גערעדט אַ קונה, אַן אייגנטימערין פון אַ שפּײַז־געוועלבל. יענע האָט דווקא געוואָלט וויסן, ווער עס רעדט בײַם

טעלעפאָן. גיטעלעס מאַן האָט מאָדנע פּײַן געקוקט אויף זײַן ווײַב און די ווײַבער אַרום און האָט ווי נישט מיט זײַן קול אַ געשרײַ געטון אין טעלעפאָן אַרײַן:

— דאָ רעדט חיים־בערל... וואָס האָבן זי געוואָלט? הע, וואָס זאָגן זי? זי דאַרפן סחורה? נו, גוט... ווּע? כ'זאָג דאָך איהן, דאָ רעדט חיים־בערל!... זאָגן זי, וואָס זי ברויכן!... זי פרעגן: אַוואָסער חיים־בערל? נו, כ'זאָג דאָך איהן, חיים־בערל... זי ווייסן נישט? ווּע? נו, זאָגן זי שוין... אַ סוף! דאָ רעדט חיים־בערל!

חיים־בערל האָט געקריצט מיט די ציין און געשפּיזלט זײַן גיטעלען מיט די אויגן. דער קונה האָט שוין געוואָלט אַוועקלייגן דעם טעלעפאָן און — אויס מיט דער באַשטעלונג. חיים־בערל האָט זיך דערשראָקן, האָט אַ טופּ געטון מיטן פוס און אַ דערשלאָגענער, נישט מיט זײַן קול, האָט ער גענומען שרייען אין טעלעפאָן אַרײַן:

— נו, זאָגן זי שוין, וואָס ווילן זי? דאָ רעדט גיטעלעס מאַן — זי הערן? ג־י־ט־ע־ל־ע־ס מ־אַ־אַ־ן!...

נאָך ווידוי

(דערציילונג)

אין דער גרויסער שטוב האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. מענטשן ווי שאָטנס, מיט בלייכע, אויסגעצויגענע פּנימער און רויט-פאַרוויינטע אויגן, האָבן מיט שטילע טריט געשלייכט אַהין און אַהער, פון וואַנט צו וואַנט, פון טיר צו פענסטער און האָבן שטום, מיט בלויזע האַנט-און קאָפּ-באַוועגונגען, אויסגעדריקט זייער טיפן ווײ.

אין אַ ווינקל פון אַ צימער, אויף אַ צעבויגן אײַזערן בעטל, איז געלעגן אַרטשע שענקער מיטן פּנים אַרויף און האָט שטאַר, מיט גלעזערנע אויגן געקוקט ערגעץ אין אַ פּונקט אויפן פאַרגעלטן סופיט איבער אים. זיין באַוואַקסענע ברוסט האָט זיך שנעל געהויבן אַרויף און אַראָפּ, און איבער דער שטוב האָט זיך געטראָגן אַ הויך און טרוקן כאָרכלען.

פון צייט-צו-צייט האָט ער צוגעמאַכט די אויגן-לעדלעך און איבערן בלייכן פּנים האָט זיך צעלייגט אַ שאָטן, אַ הויך פון אָנקומענדיקן טויט. ער האָט אָבער באַלד מיט גרויס אָנשטרענגונג ווידער אָן עפן געטון די אויגן און זיך פאַרקוקט אויפן זעלבן פּונקט.

אַרום בעט זענען געשטאַנען צונויפגעפּרעסט עטלעכע יידן; זיי האָבן זיך פרום געשאָקלט און מיט אָנגעשטרענגטע בליקן פאַרפאָלגט יעדע באַוועגונג אויפן קראַנקנס געזיכט.

שלום ביילעס, דער בעל-בתעסק, אַ דאַר, נידעריק יידל מיט אַ קליין גרוי בערדל און אַ פּאָר גרויסע געלע, דראָטענע ברילן אויף דער שפּיץ נאָז, איז געזעסן מיט אַן אָפענעם סידור

האַרט לעבן קראַנקן און אָנגעשטרענגט געוואַרט אויף עפּעס.

פלוצלינג האָט זיך אַרטשע אַ ריר געטון, ווי ער וואָלט מיטאַמאָל דערשפּירט אַזוי פיל אָנגעשטרענגטע בליקן אויף זיך. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו די אַרומשטייענדיקע און אַ דערשראָקענער זיך מיט אַלע כּוחות גענומען אויפזעצן. ער איז אָבער באַלד צוריקגעפאַלן אויפן קישן.

— האַ ?... איר ?... ר׳ שלום ?... — האָט ער געשטאַמלט. — אַ מנין ייִדן ?... כ׳ווייס, כ׳זע... ס׳האַלט שוין...

— באַרויִקט אייך, ר׳ אַרטשע, — האָט שלום בײַלעס ווייך געזאָגט, — שרעקט אייך גאָרנישט. אַ מנין ייִדן איז אַ סגולה אויף אריכת־ימים... גאָט ברוך הוא וועט אייך אין די ייִדנס זכות שיקן אַ רפואה שלמה.

— יאָ, — האָט אַרטשע קוים געשטאַמלט, — ייִדנס זכות... אַ רפואה שלמה...

ער האָט לאַנגזאַם אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער וואַנט און פּלוצלינג דערזען הענגען די אַלטע אָפּגעבליאַקעוועטע פאָ־טאָגראַפיע פון זיין שוין לאַנג פאַרשטאָרבענעם פאָטער. די אויגן זענען אים פול געוואָרן און איבער די דאַרע פאַרוועלקטע באַקן האָבן זיך גענומען ציִען ריטשקעלעך טרערן. ער האָט זיך אין איין רגע פלוצלינג דערזען אַלס קינד ביי זיין טאַטן אין שטוב. די אָפּגעלעבטע יאָרן לויפן שנעל אַדורך פאַר זיין בליק. אָט האָט ער החתונה, ווערט אַ טאַטע פון קינדער, יאָגט, לויפט, אַרבעט, כּדי צו קאָנען פון די קינדער מאַכן אַ לייט, און פלוצלינג... ווי לאַנג איז עס דען אינגאַנצן ? ליגט ער אָט דאָ אויפן בעטל... גע־ענדיקט... דורכגעפלויגן אַ לעבן, ווי עפּעס אַ בייזער קאָשמאַר, און אויס...

ער האָט שוואַך אַ באַוועג געטון מיטן קאָפּ און מיט אַ קוים־הערבאַרער שטימע גענומען רופן די קינדער

— מאיר סענדער, לייבקע... ווו זענט איר ?... קומט אַהער.

איבער דער שטוב האָט זיך צעטראָגן אַ יאָמערלעך געוויין פון אַ פרוי. פון קליינעם קיך־שטיבל האָט זיך באַוויזן דאָס ווייב

עטקע און נאָך איר — דער עלטסטער זון, מאיר. זיי זענען לאַנג־זאַם, מיט פאַרוויינטע אויגן צוגעגאַנגען נאָענט צום בעט. דער עולם איז שטיל און לאַנגזאַם אַ ביסל צוריקגעטרעטן.

— אַרטשע, — האָט עטקע כליפּענדיק געזאָגט, — אויף וועמען לאָזסטו מיך איבער? די קינדער קריגן זיך שוין אַרום איבער דער ירושה... ווו וועל איך מיך אַהינטון? סענדער קריגט זיך שוין אַ גאַנצן טאָג אַרום מיט מאירן וועגן דער שענק... לייבקע איז נאָך נישטאָ, ער איז אונטערוועגנס, געפאָרן צו שימאַנסקין אין ברויערײ. ער וועט אוודאי אַ ליאַדע מינוט אָנקומען... מ׳האָט אים שוין צו וויסן געטון... אַרטשע, ווו לאָזסטו מיך איבער?...

עטקע האָט הויך און יאָמערלעך געוויינט. מאיר איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און נערוועז געריסן אַ קנעפּל פון זיין מאַרינאַרקע.

דער קראַנקער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, ער האָט נערוועז געגומען באַוועגן מיט די ליפּן, אָבער דאָס יאָמערלעכע געוויין פון זיין ווייב האָט אים געשטערט. ער האָט רעזיגנירט אַ הייב געטון אַ בלייכע, ביינערדיקע האַנט פון איבערבעט אַרויס און גלייך זי געלאָזט אומעכטיק צ׳ריקפאַלן.

ענדלעך האָט זיך שלום ביילעס אַ שטעל־אויף געטון.

— שטיל זאָל זיין, — האָט ער שטרענג אַ קאָמאַנדעווע געטון. — קיין שום שכל האָבן זיי נישט... איצט קומט מען מיט אַזעלכע מעשיות... יידענע, שטיל זאָל זיין.

אין שטוב איז ווידער שטיל געוואָרן. עס האָט זיך בלויז געהערט עטקעס שטילע העשען און דאָס שווערע עטעמען פון קראַנקן.

שלום ביילעס האָט זיך צורעכט געמאַכט דיברילן און האָט זיך נענטער צוגערוקט צום קראַנקן.

— אהרן, — האָט ער שטיל און ערנסט געזאָגט, — אַ מענטש דאַרף שטענדיק זיין גרייט — אַזוי ווי אונזערע חכמים האָבן געזאָגט: „ושוב יום אחד לפני מיתתך״... אַ ייד דאַרף זיך שטענדיק מתוודה זיין פאַר גאָט ברוך הוא. בזכות זה העלפט ער אים

גובר צו זײַן דעם יצר... און שיקט איר אַ רפואה שלמה... נאָט אײַך, נעמט אַ טראָפּעלע װאַסער אויף די הענט און זאָגט מיר נאָך...

— אשמנו... בגדנו... גזלנו...

אַרטשע האָט שטיל, נאָר דײַטלעך נאָכגעזאָגט יעדעס װאָרט, אָבער בײַ „דברנו דופי" איז ער פּלוצלינג שטיל געװאָרן. אַ װײַלע האָט ער עפּעס נאָכגעקלערט, דאַן האָט ער קוים געגומען שעפּשען.

— ר' שלום, צי מוז איך מיך מתודה זײַן אַזױ װי איר זאָגט מיר פאָר ?... על־פּי אלף־בית... כ'האָב נישט געזינדיקט לויטן אלף־בית... צום מײַנסטן איז מיר שװער אויפן האַרץ צו־ליבן „לצנו" און „כזבנו"... שטענדיק טומלדיק, לוסטיק, רױשיק... אַ שענק... שיכורע גוים... מען פאַרגעסט זיך... ר' שלום, כ'בעט אײַך, זאָגט מיר...

פּלוצלינג האָט זיך די טיר געגעבן אַ פּראַל אויף און ס'איז אַרײַן מיט שטורעם, מיט אַ פּאָר אויסגעריסן־צעשראָקענע אויגן, אַרקעס ייִנגסטער זון, לייבקע. ער האָט נאָך געטראָגן אויף זיך דאָס רײַזע־מאַנטל. ער איז שנעל צוגעלאָפן צום בעט, האָט אַ שטופּ אָפּ געטאָן דעם עולם אַרום און האָט עפּעס געװאָלט זאָגן, אָבער מאיר האָט אים שנעל געטאָן אַ כאַפּ אָן בײַם אַרבל.

— שטיל זאָל זײַן, — האָט ער אַ געשריי געטאָן. — דער טאַטע פּאַכעט מיט דער נשמה און דו װעסט מיר דאָ אָנהײבן אויפזינגען װעגן דער שענק און דער איבעריקער ירושה ? שטיל, דרך־ארץ. פאַרשעם נישט דעם טאַטן אין אַזאַ מעמד, פאַר אַן עולם ייִדן... זאָל מען נישט זען, װאָס פאַר אַ קינדער ער האָט...

לייבקע האָט עפּעס געװאָלט זײַן עלטסטן ברודער אָפּענט־פערן, נאָר פּלוצלינג האָט זיך זײַן בליק צונויפגעטראָפן מיטן טאַטנס אויגן. אַרטשע איז איצט שוין װידער געלעגן מיטן פּנים אַרויף. זײַן בליק איז געװען געװענדעט צו ערגעץ אַ פּונקט אויפן סופיט, אָבער מען האָט דערקענט, אַז ער זעט דאָ אַרום זיך גאָר־נישט, אַז זײַן בליק װאַנדערט ערגעץ װײַט פונדאַנען, אין אומ־באַקאַנטע, אומזעבאַרע װעלטן.

איבער לייבקעס לייב איז אריבער א קאלטער ציטער. זיין טאטע ליגט אויפן טויטן־בעט... דער גוטער טאטע... א לעבן לאנג האט ער זיך מקריב געווען פאר די קינדער... אלץ האט ער געטון פאר זיי. געלעגן גאנצע טעג מיט די שיכורע גוים אין שענק... געפראצעוועט מיט די לעצטע כוחות... געלאזט די קינדער לערנען, געוואלט מאכן פון זיי א לייט, דער אלטער בידנער טאטע נעבעך און... אט ליגט ער אויפן טויטן־בעט... דארף מען אים איצט פארשעמען מיט מחלוקת?...

ער האט שנעל אווארף געטון פון זיך דאס מאנטל און איז ארויסגעפאלן דער מאמען אויפן האלז.

— מאמע, איך וועל מיך אומקוקן אויף דיר, איך וועל דיך נישט לאזן אונטערגיין... מאמע, וויין נישט. גיי, מאיר, זוך־אויף סענדערן. ווו איז ער איצט, ווו? פארוואס איז ער נישטא ביים טאטנס בעט, פארוואס? גיי, מאיר...

מאיר האט זיך מיט אן אראפגעלאזטן קאפ ארויסגעשארט פון צווישן עולם און זיך געלאזט צו דער טיר, אבער פלוצלינג האט ער זיך עפעס דערמאנט און איז שטיין געבליבן.

— גוט, ביסט א ווילער זון, — האט ער שטיל און נישט דרייסט א זאג געטון, — אבער ווער וועט האלטן די מאמע?... איך האב א ווייב מיט קינדערלעך, האב איך... איך קאן נישט...

סענדער איז פלוצלינג אריינגעקומען. ער האט געהערט װעגן וואס מען רעדט. וואס, מען ווארפט זיך שוין מיט דער מאמען? ער וועט זיי דא באלד א פארציילטון א מעשה.

— מאיר, — האט ער אויפגערעגט א זאג געטון, — דו האסט שוין מורא פאר דיין מאיאנטעק? שרעק זיך נישט, זיי נישט אזוי צעיאכמערט. מיין נישט, אז דו ביסט דא אליין. די מאמע וועט מען נישט ארויסווארפן. איינער פון אונז וועט זי שוין מוזן נעמען צו זיך, פון דעם איז אפגערעדט. און דאס מוז נאך איצט, און טאקע נאר איצט, געטון ווערן. גלייכער א פאטש אין פנים, איידער א שטענדיקע ווייטיק אין הארץ... איר הערט, בראטשקעס?

די מאמע האט א פארברעך געטון מיט די הענט און אויסגעיי יאמערלעך זיך צעוויינט.

— עס הייבט זיך שוין ווידער אָן, — האָט זי געיאָמערט, — וואָכן לאַנג הרגעט מען זיך שוין אַרום איבער דער שענק און איבער מיר... ווי צו מײַנע יאָרן. עס לוינט געבוירן צו ווערן, קינדער צו האָבן, זיי אויפצוכאָוועץ און דערנאָך...

זי האָט נישט באַוויזן צו ענדיקן.

פּלוצלינג איז עפּעס געשען. דער גוסס האָט זיך האַסטיק אַ דריי געטון אויפן בעטל און האָט געעפנט די אויגן. ווי די גע־וואַלטן און דאָס יאָמערלעכע געוויין פון זיין ווייב וואָלטן אים אויפגעוועקט פון זיין טויט־דרימל.

ער האָט זיך פאַרווונדערט אומגעקוקט, דערנאָך האָט ער זיך פּלוצלינג אַ שפּאַר אונטער געטון מיט ביידע הענט, און ווי ער וואָלט מיטאַמאָל אַריינגעקריגן אַ קוואַל פון נייע כוחות, האָט ער זיך אויפגעזעצט אין בעט און זיך גענומען פאַרווונדערט אַרומ־קוקן.

— האַ? וואָס איז געשען? — האָט ער מיט אַ גענוג פאַרנעמבאַרער שטימע אַ זאָג געטון, — ווער קריגט זיך דאָ, ווער?... מען קריגט זיך שוין אַרום דער ירושה?... מען רייסט זיך שוין פאַר די קעפּ? מען וואַרט צומאָל נישט, ביז דער טאַטע וועט די נשמה אויסהויכן?... הם, נישטאָ וואָס צו רעדן, עס לוינט געבוירן צו ווערן און קינדער צו האָבן... אָבער יאָגט זיך נישט אַזוי, בנים מײַנע... אומזיסט די טרחה, איך שטאַרב נישט... עך הערט? איך שטאַרב נישט. ר׳ שלום, איר זענט עס? אַ, נאָך עט־לעכע יידן? זעצט אייך... ס׳האַרץ איז מיר שטאַרק אַוועק... איך דאַרף געניייטיק אַ קאַפּ בראָנפן... ר׳ שלום, איר מוזט דאָך וויסן, מעג מען נעמען אַ טרינק בראָנפן נאָך ווידוי?... האַ? ווו איז דער דין?... ר׳ שלום, שנעלער, כ׳האָב גרויס חולשת־הלב...

די ווײַנענדיקע עסקע איז איבעראַשט שטיל געבליבן, ווי עס וואָלט איר ווער מיט אַ מעסער געגעבן אַ שנייד־אָפּ דאָס געוויין. די זיך־קריגנדיקע זין האָבן מיט אויפגעריסענע אויגן געקוקט דאָ אויפן טאַטן, דאָ אויף די איבערגעשראָקענע יידן און האָבן נישט געוווסט, וואָס ווייטער צו טון. די יידן אַרום זענען דערשראָקן צוריקגעגאַנגען עטלעכע טריט פון קראַנקנס בעט.

— וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן ? — האָט שוין איצט אַר־טשע העכער געזעדט. — איך שטאַרב נישט... קינדער, רייסט זיך נישט איבער דער ירושה, וואַרפט זיך נישט מיט דער מאַמען... איך שטאַרב נישט... גאָט האָט אין מיר אַריינגעגעבן פרישע כּוחות... יידן, ר׳ שלום, גיט מיר שנעל אַ קאָפּ בראָנפן... איר וועט זיך עולם־הבא קויפן.

ר׳ שלום האָט אַ וואָרף געטון דעם סידור אויפן בעט.

— איך לויף, איך גיי, אָט ברענג איך בראָנפן.

— יידענע, קינדער, יידן, וואָס שטייט איר, וואָס לויפט איר נישט? אַ נס מן השמים... פּלאי פּלאים... ברענגט אַ קאָפּ בראָנפן, מען מעג, ר׳ אַרטשע... מען מעג טרינקען בראָנפן נאָך ווידוי... מען מעג — — —

* * *

אויף צומאָרגנס איז דעם קראַנקן געווען אַ ביסל בעסער. ער איז געלעגן אין בעט, פאַרזונקען אין אַ לייכטן דרימל. עטקע אַליין איז געזעסן ביים בעט, אַלעמאָל געוואָרפן אַ בליק אויף איר שלאָפנדיקן מאַן און געצערפּוועט אַ זאָק.

— ווי וווּנדערלעך גאָטס וועגן זענען, — האָט זי גע־טראַכט, — און ווי אומפאַרשטענדלעך עס זענען זיינע מעשים. די הילף שיקט ער אין איין אויגנבליק, ווען עס דאַכט זיך, אַז עס איז שוין גאָר קיין האָפענונג נישטאָ. וואָס וואָלט זי איצט געטון און וואָס וואָלט פון איר געוואָרן? די קינדער וואָלטן זי געשיקט פון איינעם צום אַנדערן און מען וואָלט זיך מיט איר כּסדר אַרומ־געוואָרפן... געלויבט איז גאָט, וואָס האָט זיך דערבאַרעמט אויף איר. זאָל ער ווייטער נישט אָפּטון זיין חסד פון איר און זאָל ער איר אַרטשען שיקן אַ רפואה שלמה. ער איז דאָך נאָך נישט אַזאַ אַלטער מאַן. זיין פאָטער, חיים־לייב, אים אויף צו לענגערע יאָר, האָט דאָך שוין געהאַט עטלעכע און ניינציק יאָר — ווען ער איז...

פלוצלינג האָט אָרטשע אַ צאַפּל געטון. ער האָט דערשראָקן געעפנט די אויגן און זיך גענומען שטאַרק איינקוקן אין איר.

– עטקע, – האָט ער גענומען שטאַמלען, – די שענק, דו הערסט ? די שענק זאָלסטו... הערסט, עטקע ?... די... שענק זאָלסטו מיט...

ער האָט אַ פאַרוואָרף געטון דעם קאָפּ, האָט אַ שווערן זיפץ געטון און איז געשטאָרבן. אַ נישט אויסגעדריקטער ווונטש און אַ נישט אויסגערעדטער לעצטער פאַרלאַנג איז געבליבן הענגען אין דער לופטן.

פײגע-יענטעס זאַלב

בײדע, סײ פײגע-יענטע, סײ פײגע-יענטעס זאַלב, זענען געװען אײנגעהילט אין אַ שלײער פון געהײמניש און האָבן געהערט צו די נישט טאָג-טעגלעכע דערשײנונגען. אַזוי, אויבנאויפיק, איז שווער געװען תּופס צו זײַן סײ די אַלטינקע, גוטמוטיקע און זײַדענע פײגע-יענטע מיט איר שטענדיקער פּאַרטראַגנקײט, סײ פײגע-יענטעס זאַלב מיט זײַן בלױלעך-װײסן קאָליר און געהײמנישפולער צוזאַמענשטעלונג, װאָס האָט געהאָלפן צו אַלע מכּות און חולאתן.

פײגע-יענטע איז געװען אַן אַלטיטשקע ײדענע פון קנאַפּע הונדערט יאָר. זי איז געװען נידעריק און אײנגעשרומפּן, װי אַ קלײן קינד. זי האָט איבערגעלעבט איר מאַן און אַ סך פון אירע קינדער, און האָט זיך אויף אירע אַלטע יאָרן אויפגעהאַלטן בײַ איר זון ר׳ אהרן קצב.

ער, זײַן פרוי, די הויכע פײגע-לאה, אַלע אײניקלעך, האָבן די אַלטיטשקע באַבע זײער ערלעך געהאַלטן און זי באַדינט טאַקע, װי אַ קלײן קינד ממש.

פײגע-יענטע האָט צוליב שװאַכקײט שוין נישט געקאָנט אַרומגײן. זי איז כּסדר געזעסן אין איר אײַזערן בעטל מיט דעם פאַרביקן טשופּעק-קופּקעלע אויפן קאָפּ, מיט די פאַרשידנפאַרביקע סטענגעלעך און בענדעלעך אַרום און האָט געמישט דאָס טעפּל „מאַשטש".

קײנער האָט נישט געװוּסט דעם סוד פון איר „מאַשטש". װען די אײניקלעך זענען אַװעק אויפן מאַרק קויפן אַ בהמהלע, אָדער אין אַ נאָענטן דאָרף זוכן בײַ אַ פּויער אַ פעט קאַלב, װען

דער זון ר׳ אהרן איז געשטאַנען אין יאַטקע און זיך געדונגען מיט די ווייבער און די הויכע פייגע־לאה איז געשטאַנען ביים קיכל און געקאַכט אַ גריץ מיט פעטע ביינער, האָט פייגע־יענטע זיך פאַמעלעך אַראָפּגעבויגן פון בעטל, האָט אַרויסגעשלעפּט דאָס טעפּל פון אונטערן בעט און די אומצייליקע געהיימנישפולע סלאָיִקלעך און פלעשעלעך און האָט אָנגעהויבן צונויפמישן מיט אַ גרויסן בלעכערנעם לעפל איר זאַלב. אַלע יידן פון שטעטל און אַלע פויערים פון די אַרומיקע דערפער האָבן געגלייבט אין פייגע־יענטעס „מאַשטש" און זענען געווען זיכער אין איר רפואה־ברענגענדיקער ווירקונג.

אין אַ מאַרק־טאָג איז אַרום אהרן קצבס שטוב — צווישן די אָפּלאָטקעס — געווען פול מיט פויערישע פורלעך. פויערטעס אין פאַרביקע גראָבע קליידער מיט רויטע טיכלעך אויף די קעפּ און טעפּלעך אין די הענט האָבן זיך געשטופּט צו פייגע־יענטען נאָך זאַלב.

— פאַני פייגאַ־יענטאַ, מאַשטש זאַ דזשעשאָנטקען.

— אַ דאָ צעגאָ ? — האָט פייגע־יענטע אַ פרעג געטון מיט איר קוויטשיק קולעכל.

— אַ דאָ וויסיפּקי ! צו אָן אויסשיט.

פייגע־יענטע האָט זיך אַראָפּגעבויגן, האָט אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן בעטל דאָס טעפּעלע מאַשטש און האָט מיטן לעפל אָנגעגאָסן אַ פּאָרציע.

אַן אַנדערער האָט געדאַרפט צו אַ געשוואָלן פנים, צו אַ צאָן־געשוויר, צו אַן אויסשיטעכץ אויפן קאָפּ, צו אַן אָפענער וווּנד, צו אַ וויטיק אין דער זייט, צו אַ פאַרקילונג, צו אַ צוג־ווינט און צו אַ שטעכונג אין די גלידער.

פייגע־יענטע האָט אויסגעהערט וועגן וואָס פאַר אַ חולאת עס האַנדלט זיך, האָט זיך אַ ווײַלינקע פאַרטראַכט, דאַן האָט זי אַ נעם געטון דאָס זעלבע טעפּל מאַשטש און האָט יעדן פאַרקויפט די זעלבע פּאָרציע, אָנזאָגנדיק דערביי גענוי, וויפיל מאָל אין טאָג מען דאַרף שמירן.

אין בעסערע יידישע שטיבער, אז ס׳האָט זיך אַ קינד גע־

מאַכט אַן אויסשיטעכץ אויפן פנים, האָט עפּעס נישט געפּאַסט צו גיין קויפן „פייגע־יענטעס מאַשטש״ און צוליגן סתם אַזוי. פלעגט מען אַ לויף טון צו יצחק מאַנדריס שענק, וווּ ס'האָט אַ טיר־ביי־אַ־טיר געוווינט קערנער פעלדשער, אַ הויכער ייִד מיט אַ האַרטן קאַפּעליוש, אַ געשוירן קמץ־בערדעלע און אַ קורצן ראָק מיט לאַנגע הויזן — און אים אַ רוף געטון.

צו אים פלעגט מען רעדן אינטעליגענטיש.

— פּאַניע קערנער קאָכאַני, עפּעס מיין אוישושן האָט זיך, ניע דיי באָזשע, געמאַכט אַ וויסיפּקע אויפן פּנימל. ניעך נאָ פּאַן זאָבאַטשי, דאָס קינד איז מיר אויס מענטש.

האָט קערנער געפלעגט טון דעם קליינעם יאַש אַ צי ביי דער נאָז, אַ קיצל אונטערן לעפעלע און אים געהייסן אַרויס־שטעקן די צונג.

דערנאָך האָט ער זיך פאַרטראַכט און שאַרף אָנגעקוקט די פאַרזאָרגטע מוטער.

— זי ווייסן, מאָיאַ פּאַני, אַ קאַפּיטשקע מאַשטש פּאַני פייגע־יענטי ווער גאָרנישט שאַדטן, סטאַנאָווטשאָ ניע!

דאָס זעלבע פלעגט טון מאַלאָוואַנטשיק פעלדשער און ד״ר סטעמפּניצקי, דער הויכער גוישער דאָקטאָר מיט די פענסנע אויף דער שאַרפער איידעלער נאָז און מיט די משוגענע קאַפּריזן.

— פּאָצאָ גלאָווען זאַוראַצאַש, ווען אַמבעסטן וועט דאָ זיין אַ קאַפּיטשקע פייגע־יענטעס מאַשטש!...

פייגע־יענטע האָט נישט עוסק געווען בלויז אין מאַשטש־פאַבריקאַציע. זי האָט זיך אויך באַשעפטיקט מיט אַ פיל איידע־לערער מלאכה: מיט פּותר זיין חלומות און... דוחק זיין דעם קץ. איר אידעע־פיקס איז געווען פעסטצושטעלן לויט צייכנס און סימנים, ווען משיח וועט ענדלעך אַ קום טון צו זיין געפּייניקט פאָלק ישראל. און אויב ער וועט זיך עפּעס נישט אַזוי שטאַרק צואיילן, וועט זי, פייגע־יענטע, אים אַ ביסל אונטעריאָגן...

ווען אַ ייִדענע פלעגט זיך אינדערפרי אויפכאַפּן, אַ באַגאַ־סענע מיט קאַלטן שווייס צוליב אַ בייזן חלום, וואָס האָט זי גע־

פייניקס, פלעגט זי באַלד אַוועקלויפן צו פייגע־יענטען, זי זאָל איר פותר־חלום זיין.

פייגע־יענטע פלעגט אויסהערן מיט קאָפּ און דערנאָך האָט זי באַזאָכט און מיט איבערלייגונג גענומען רעדן.

— ס׳האָט זיך דיר געדאַכט, אַז דו גייסט אויף דער בריק — און זי איז איינגעפאַלן און דו ביסט אַריינגעפאַלן אין בוג אַריין? אַ סימן, מיין קינד, אַז דו וועסט בעזרת השם יתברך אויפגעריכט ווערן מיט אַלעם גוטן.

— אָבער, פייגע־יענטעשי קרוין, כ׳האָב געשטעקט ביזן האַלז אין וואַסער און כ׳האָב געפילט, אַז אָט־אָט גייט מיר דאָס חיות אויס...

— נאַריש קינד, וואַסער איז אַ גוטער סימן. אין וואַסער זענען דאָ פיש און פיש מערן זיך און מערן זיך אין די טויזנטער, אין די מיליאָסן. אַזוי וועלן זיך, מיט גאָטס הילף, מערן דיינע זכותן און מצוות און דו וועסט מיט דעם אייבערשטנס הילף אויפגעריכט ווערן.

— אָבער, גילדענע פייגע־יענטעשי, אַ גרויסער פיש מיט אַ ברייט מויל האָט מיך געוואָלט איינשלינגען, — ווי איז מיר!

— המם, גילדן קינד, ס׳אַ טייערער חלום! אַ סימן, אַז דו וועסט איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר שוין נישט ליידן קיין חיבוט הקבר, אַזוי ווי דער רבנו בחיי זאָגט אין הייליקן צאינה וראינה... און גיי מיר געזונטערהייט און זאָל שוין אונזער משיח צדקנו זיך באַווייזן צו זיין פאָלק ישראל...

פייגע־יענטע פלעגט אַ מינוט נישט אָפּלאָזן דעם רעיון פון משיחן און ער איז מיט דער צייט געוואָרן דער הויפּט־געדאַנק, וואָס האָט זי באַהערשט סיי אויף דער וואָר, סיי אין חלום.

אַז אַ יידענע פלעגט אַריינקומען נאָך מאַשטש, האָט זי שוין פייגע־יענטע אַזוי שנעל נישט אָפּגעלאָזט.

— דו הערסט, גילדן קינד? כ׳האָב אים די נאַכט געזען מיט מיינע אייגענע אויגן, כ׳זאָל אַזוי זען דאָס גרויסע ליכט, וואָס שיינט פון ׳י צדיקים אין גן־עדן!

— עמען האָט עך געזען, פייגע־יענטע־לעבן?

— אים אַליין, — האָט פייגע־יענטע געזאָגט ווי אין חלום, קוקנדיק ערגעץ ווייט, ווייט, — אים אַליין, דעם הייליקן מלך המשיח... זיינע הענט זענען געווען געבונדן מיט גראָבע שטריק, אַז ער האָט זיך אַזש געקרומט פון ווייטיק... ער איז געשטאַנען אויף אַ הויכער לייטער, וואָס איר שפּיץ האָט דערגרייכט אין הימל אַריין, און איז געגאַנגען כסדר נידעריקער, נידעריקער... אָט איז ער שוין דאָ אויף דער ערד... אָבער מיטאַמאָל האָט ער זיך עפּעס ווי דערשראָקן. ער האָט דערזען, אַז יידן היטן נישט דעם הייליקן שבת... דער וואַלד אויף יענער זייט בריק אין יעדן שבת פול מיט מענטשן... זיי ברעכן די צווייגן, זיי רייסן דאָס גראָז אום שבת... ער איז שטאַרק טרויעריק געוואָרן און איז צוריק אַרויף העכער, העכער... כ'האָב אים שוין מער נישט געזען... נישטאָ. יאָ, יאָ, ליב קינד, ווען יידן זאָלן היטן כאָטש צוויי שבתים כסדר, וואָלט שוין די גאולה פון לאַנג געווען...

ס'איז געווען איינמאָל, אין אַ שיינעם ליכטיקן פרילינג־נאָכמיטאָג, אין שטוב איז קיינער נישט געווען. די פענסטער זענען געווען אָפן און פונדרויסן האָט אַריינגעבלאָזן אַ לייכט ווינטעלע, וואָס האָט געשמעקט מיט פריש־צעוואַרעמט בוג־וואַסער, מיט צעפּאַרעטן זאַפט פון די נאָדל־ביימער, וואָס זענען געוואַקסן אויף יענער זייט טייך און מיט פריש דופט פון די יונגע ווערבעס, וואָס האָבן זיך געצויגן לענג־אויס דעם סקיסעווער שאָסיי.

פייגע־יענטע איז געזעסן אין איר בעטל. אויף די איינגעבויגענע אַלטיטשקע קני האָט זי געהאַלטן דאָס טעפל און געמישט מיטן בלעכערנעם לעפל אַ נייע פּאָרציע מאַשטש, וואָס זי האָט צוגעגרייט אויפן מאָרגנדיקן יריד אין שטעטל.

פלוצלינג האָט זי אויפגעהאָרכט. אַ שטאַרקער ווינט האָט אַ יאָג געטון די אָפענע פענסטער־פורטקע און זי מיט אַ טראַסק געגעבן אַ קלאַפּ צו. זי האָט אַזש אַ ציטער געטון פון שרעק. זי האָט אַ קוק געטון צום פענסטער און פון איבערראַשונג איז איר אַזש דאָס טעפל זאַלב אַרויסגעפאַלן פון צווישן די איינגעבויגענע ציטערנדיקע קני.

אין פענסטער איז געשטאַנען ער אַליין: משיח בן דוד.
ער איז געשטאַנען אויף דער הויכער לייטער. די הענט האָט ער געהאַט פאַרבונדן אויף הינטן און זיין פנים האָט אויסגעדריקט אומענדלעכע ליידן. ער איז געשטאַנען שוין אויפן לעצטן טר עפּל, אָט־אָט גיט ער אַ שטעל דעם פוס אויף דער ערד און דאָס פאָלק ישראל איז אויסגעלייזט פון זיינע אומענדלעכע ליידן. מיטאַמאָל האָט ער דערזען זי, פייגע־יענטען, און זיין געזיכט האָט זיך צע־שמייכלט. ער האָט געוואָלט אויסציִען צו איר די הענט, אָבער זיי זענען געווען פעסט געבונדן מיט שטריק...

פייגע־יענטע האָט אַזש אַ קרעכץ געטון פון מיטגעפיל און צער.

— הייליקער מלך המשיח, פאַרוואָס שטייסטו נאָך אַלץ אויף דער לייטער? קום אַראָפּ. שטעל דיין הייליקן פוס אויף דער ערד און מאַך אַ סוף צו די יידישע צרות.

— כ'קאָן נישט... כ'בין אַ געבונדענער... כ'טאָר נאָך נישט שטעלן מיינע פיס אויף דער ערד, ווייל די מענטשן זענען פאַר־דאָרבן און די ערד איז פול מיט רויב. יידן זענען זינדיק און טוען נישט קיין תשובה...

— אָבער, הייליקער משיח צדקנו, קום אַראָפּ. די יידישע ליידן זענען שוין נישט איבערצוטראָגן!...

— ניין, קום דו צו מיר... מיין לייטער איז זייער הויך און איר שפּיץ גרייכט אין הימל אַריין... לאָז איבער די זינדיקע ערד און די פאַרדאָרבענע מענטשן און קום מיט מיר אין הימל, וווּ עס זענען נישטאָ קיין מענטשן און קיין זינד... צו אַזאַ זינדיקער וועלט קאָן איך נאָך דערווייל נישט קומען...

— שוין, הייליקער משיח, כ'גיי צו דיר... ביסט גערעכט, נעם מיך מיט אויף דיין לייטער...

זי האָט אַ שאַר־אָפּ געטון דאָס איבערבעט מיט דעם טעפּל זאַלב פון זיך און האָט זיך אַ לאָז־אַראָפּ געטון פון בעטל. דאָס טעפּל איז אַ פאַל געטון מיט אַ הויכן טראַסק אויף דער פּאָדלאָגע און זיך צעבראָכן אויף שערבעלעך.

אַז ר׳ אהרן קצב איז שפּעטער אַהיימגעקומען פֿון יאַטקע עסן וואַרעמעס און ער האָט אָן עפֿן געטון די טיר פֿון זיין שטוב, איז ער פֿון איבערראַשונג און שרעק אַוש אומגעפֿאַלן. פֿון זיין האַלז האָט זיך אַרויסגעריסן אַ יאָמערלעך געוויין. זיין מאַמע, די אַלטיטשקע פֿייגע־יענטע, איז געלעגן טויט אויף דער פּאָדלאָגע, האַלב צוגעדעקט מיטן איבערבעטל און אַרום איז געווען פֿול מיט ערדענע שערבלעך און צעגאָסענעם זאַלץ.

פארגאנגענע צייטן

ס׳איז ווינטער. פינף פארטאג. דאס שטעטעלע איז איינגעהילט אין א געדיכטער פינסטערניש. אלע לאדנס זענען צוגעמאכט און דורך די שמאלע לאדן־שפאלטן רייסט זיך אדורך א דין, מאגער ליכט פון קליינע נאפט־לעמפעלעך. דער גרויסער מארק איז ליידיק און פארלאזן. פון טייך אונטער דער בריק יאגט א שטעכעדיקער, פראסטיקער ווינט און א היימלאזער הונט וואיעט מיט א וויינענדיק, הארצרייסנד קול. פון יאטקע־געסל הערט זיך פלוצלינג א געטראסקעריי פון שווערע אייזערנע רעדער אויף א צעפארענעם און קרומען שטיינערנעם ברוק און באלד באווייזט זיך אין דער דיקער פינסטערניש די געשטאלט פון אן אויסגעמאכטער דראזשקע, א ווייס געפלעקט פערד און א ייד מיט א פליושענער „טשופע" אויפן קאפ. דאס איז פוטקע מיט דער „קאטש". ער זיצט אויפן קאזשאל, קנאקט מיט דער בייטש און שעלט דאס פערדל אויף יידיש.

— פאר, פגירה, הא דיר אכצן בראכן מיט א צולאג! וואס וויערזשגעסטו מיט די פיס, וואס? אנגעפרעסן, אויסגערוט, וו־י־י־א!

ער פארפארט מיט א פייף און א קנאק פארן רבס הויז, די באלעגאלישע סטאציע, און טאנצט אראפ פון „קאזשאל". ער לויפט שנעל אריין אין לאה־דינהס הויף, שטעלט זיך אפ פאר א פענסטער און נעמט קלאפן אין לאדן אריין.

— ר׳ שמעון, צ׳פארט? טא שוין אויפשטיין, שוין שפעט, דער „פאטשאנג" קומט באלד אן.

דאס בלישטשענדע לעמפעלע ווערט פלוצלינג העלער, א לאדן עפנט זיך און אין שטוב ווערט א גערודער.

די נאַכט-רו פון שטעטעלע ווערט אין איין מינוט צעשטערט. פון פאַרשידענע געסעלעך הייבן אָן אָנצוקומען די באַלעגאָלעס מיט זייערע קנאַקנדע בריטשקעס. פון אַלע ווינקלען קומען אָן יידן מיט פעקלעך צו דער באַן און פון משהלעס בעקעריי קומט אַרויס שיע דער יונג, איינגאַנצן אַ ווייסער, און צעזינגט זיך שטיל און טרויעריק אין דער נאַכט-פינסטערניש אַריין.

— אוי, שוועסטער און ברידער פון אַרבעט און נויט...

פון טייך, איבער דער אייזערנער באַן-בריק, הערט זיך פלוצלינג אַ הויכער פייף און אַ סיקען פון אַ לאָקאָמאָטיוו איבער אייזערנע שינעס.

יידן און ווייבער שפרינגען שנעל אַרויף אויף די בריטשקעס און יעקב-שיע שפּיליטער שטייט באַהאָנגען מיט זעקלעך אין דער מיט פון אַ גאַנצער עדה יידן און יידענעס און ווייסט נישט וועמען פריער צו ענטפערן.

— גוט, גוט, כ'על אייך שוין אַלץ באַזאָרגן, כ'על געדענקען.

— אָבער למען השם, יעקב-שיעשי, צ'זאָלט מיר נאָר נישט פאַרגעסן דאָס זעקל ציבעלעס.

— און מיר די קאַלאָשן, נאָר פערעוואָדניקס, אַנדערש נישט.

— און מיינע לייכטערס, זיי מוזן שוין זיין אָפּגעווילבערט, כ'האָב נישט אין וואָס צו בענטשן קיין ליכט.

פוטקע גיט אַ שמיץ זיין געפלעקלטע פּנירה, זי גיט אַ ריס פון אָרט און „פּיטקע מיט דער קאַטש" פליט ווי אַ פייל פון בויגן מיט פּאַסאַזשירן צו דער באַן קיין וואַרשע...

אויפן וואָקזאַל איז אָן ענגשאַפט, אַ געשטופּעריי, יידן און יידענעס שטופּן זיך מיט די קיישלעך צו דער קאַסע נאָך בילעטן און לייזער פון דער באַן נעמט אָן סחורות צו עקספּעדירן. ס'האָט שוין געגעבן דער ערשטער קלונג; דאָס געשטופּעריי ווערט נאָך גרעסער. אַ פּאַרסאַפּעטער, באַגאָסן מיט שוייס, קומט אין דער לעצטער מינוט צו לויפן שיע ליצענאָווער, אַ באַלאָדענער מיט כלערליי זעקלעך און פּעקלעך.

שיע ליצענאָווער יאָגט זיך נישט, ער גייט זיך זאַכט אַרויס

אויפן פעראָן, וואַרט אַ ווײַלע, ביז דער קאָנדוקטאָר פאַרקוקט זיך ערגעץ און שפּרינגט שנעל אַרײַן אין וואַגאָן. שיע פאַרט שטענ־דיק אויף „בלאַט", אַ מזיק אַ ייִד. קומט דער קאָנדוקטאָר אַרײַן אין דעם וואַגאָן, איז ער מיט אײן שפּרונג שוין אין צווייטן וואַ־גאָן און גאָרנישט, ער קומט שטענדיק בשלום אַריבער.

נאָר אָט דערהערט זיך דער דריטער קלונג, עס ווערט אַ שרעקלעכער טומל און געפּילדער. מען זאָגט זיך אָן אין דער לעצטער מינוט אַזוי פיל זאַכן און למען השם און נישט צו פאַר־געסן, ביז דער לאָקאָמאָטיוו גיט אַ הילכיקן פײַף, אַ סאַפּע מיט זײַנע אײַזערנע לונגען, און באַלד ווערט דער טומל אַרום שטיל. דער צוג גיט אַ ריס פון אָרט און אָט זעט מען נאָך בלויז דאָס קלײנע רויטע לאַמטערנע פון דער ווײַטנס. אַלץ פאַרשווונדן. דאָס שטעטעלע פאַרט קײן וואַרשע.

הכשרה

(דערציילונג)

1

ס'איז געווען אַ ליכטיקער זומער־נאָכמיטאָג. דורך די קליינע בלאַנקע שייבלעך פון רחלס צימער האָבן זיך אַריינגעריסן העלע פאַסן זון. זיי האָבן זיך צעלייגט אין גרויסע גאָלדענע פלעקן אויף רחלס ציכטיק בעטל מיט דער ווייסער קאָפּע און די פאַרביקע קישעלעך.

רחל איז געשטאַנען ביי אַ קיילעכיקן וואַנט־שפּיגל און האָט אויפמערקזאַם געקוקט אין אירע גרויסע, טרויעריקע, ווי דערשראָקענע אויגן. זי האָט צורעכט געמאַכט אירע האָר. מיט ווייסע שלאַנקע פינגער האָט זי חנדלדיק צעלייגט איבערן שטערן און הינטער די אויערן אירע ווי פליטערלעך געקרייזלטע שוואַרצע לאָקן.

זי האָט מיט אַ מיידלשער דיסקרעציע שנעל און באַהנט אַ פּיר געטון מיט דער האַנט איבער איר קערנדיק־רונדן און שפּראָצנדיקן בוזעם, וואָס האָט זיך ווי געריסן פון אונטער אַ ווייס, אָוואַל־אויסגעשניטן בלוזקעלע אַרויס, און איבער איר שיין געזיכט האָט זיך צעלייגט ווי אַ הויך פון אַ זאָרגלאָז שמייכעלע. עס האָבן אַ שימער געטון צוויי רייען ווייסע ציין, אַרומגעזוימט פון רויטע, זאַפטיקע ליפּן.

רחל האָט שנעל אַ כאַפּ געטון איר רייזע־מאַנטעלע, האָט אַן עפן געטון די טיר פון איר צימער און איז אַריין צום טאַטן אין דער גרויסער שטוב.

— טאַטע, איך בין שוין גרייט, — האָט זי שטיל געזאָגט און אים דערלאַנגט די האַנט, — דער וואָגן שטייט שוין. זיי גע־

זונט. וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק? זאָרג זיך גאָרנישט וועגן מיר. כ'בין שוין אַ דערוואַקסענער מענטש. כ'וועל נישט פֿאַרפֿאַלן ווערן.

דער טאַטע, נחמן־דוד שניט־סוחר, האָט טרויעריק און לאַנגזאַם דערלאַנגט זיין האַנט. רחל האָט דערפֿילט, ווי דער טאַטע ציטערט אַזש פֿון גערירטקייט.

— רחלע, טייער קינד, — האָט ער געזאָגט, — כ'בעט דיך, באַזין זיך נאָך, פֿאַר נישט; איז דאָס פֿאַר דיר אַ תּכלית?... הכשרה?... יאָרן־לאַנג זיך אַרומוואַלגערן אָן אַ היים אין דער פֿרעמד... איידער דו וועסט שוין קריגן דעם סערטיפֿיקאַט. גאַנצע טעג אַרבעטן, זיך פּייניקן, נישט דערשלאָפֿן, נישט דערעסן... וואָס טויג עס דיר?... ביסט עפּעס אַן אַרבעטס־מויד?... באַרעכן זיך, רחלע, האָסט אַזאַ גליק פֿאַר דיר.

רחל האָט פֿאַרזאָרגט אויפֿגעהויבן אירע גרויסע, טרויעריקע אויגן און אַ קוק געטון דעם טאַטן גלייך אין פּנים אַריין.

— טאַטע, רעד מיר נישט וועגן דעם גליק. כ'וועל מאָשקעלע טאַנדייטניק נישט נעמען פֿאַר קיין מאַן... און צווייטנס, טאַטע, כ'וויל נאָך נישט חתונה האָבן, כ'האָב נאָך צייט.

— האָסט נאָך צייט, — האָט נחמן־דוד פֿאַרזאָרגט איבערגעחזרט, דו פֿאַרגעסט, אַז דו ביסט שוין אַ דערוואַקסענער מענטש, אַ מיידל פֿון קנאַפּע צוואָנציק יאָר... דער יונג גייט אויס נאָך דיין בליק. דו קומסט אַריין אין אַ גרייט גליק. פֿאַרוואָס שטופּסטו אים אַוועק פֿון זיך, פֿאַרוואָס? האַ, רחלע?

— טאַטע, — האָט רחל זיך פּלוצלינג גענומען בעטן, — פּייניק מיך נישט, איך בעט דיך. כ'וויל נאָך נישט חתונה האָבן. מיין האַרץ איז דאָך נישט קיין שטיק סחורה, וואָס מען פֿאַרקויפֿט, אַז עס לוינט זיך. דו קאַלקולירסט סוחריש, אָבער איך קאָן נישט, מאָשקעלע איז נישט פֿאַר מיר. זיי געזונט, טאַטע...

פֿון טאַטנס אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ ים מיט צער.

— ווילסטו מיר אַלזאָ נישט צוליב טון, רחלע?

— טאַטע, וואָס רעדסטו וועגן צוליב טון, — האָט רחל מיטפֿילנד געזאָגט, — ווען מיין האַרץ און מיינע געדאַנקען זענען שוין

נישט אינדערהיים. נאָך די פּאָר יאָר הכשרה וועל איך עולה זיין קיין ארץ־ישראל און קאָנסט זיכער זיין, טאַטע, כ׳וועל דאָרט נישט פאַרזיצן אין גרויען צאַפּ אַריין. מיין אמתער זיווג וועט זיך גע־פינען.

דער טאַטע האָט זיך צעוויינט פון גערירטקייט.

— רחלע, טייער קינד, פאַרגעס כאָטש נישט פונוואַנען דו שטאַמסט — געדענק, אַז די טייערע נשמה פון דיין יונג־פאַרשטאָר־בענער מאַמען איז שטענדיק...

— טאַטע, — האָט רחל טרויעריק און גערירט איבערגע־ריסן, — דו טוסט מיר בלויז אָן אומנייטיקע עגמת־נפש. איך וועל מיין ליבע, טייערע מאַמע קיינמאָל נישט פאַרגעסן און דער עיקר — קאָנסט רויִק זיין וועגן דיין טאָכטער. דער מאַמעס טויט האָט מיך גענוג פרי רייף געמאַכט און איך אַליין בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מיינע טאַטן... דאַרפסט דיר נישט צו מאַכן קיין שום זאָרג צו־ליב מיר...

זי האָט אומגעדולדיק אַ קוש געטון דעם טאַטן, אַ פּאָל גע־טון דער אַלטער באָבען אויפן האַלז, און אַ נעם טוענדיק איר גרויסן רייזע־פּאַק, איז זי שנעל אַרויס אויף דער גאַס.

* *

*

ביים גרויסן פלומפּ אויפן מאַרק איז שוין געשטאַנען שיע גראַבליעס לאַנגער לייטער־וואָגן, אויסגעבעט מיט שמעקעדיק היי, און געוואַרט אויף די דריי חלוצות, וואָס די שטאַטישע ציוניסטי־שע אָרגאַניזאַציע האָט באַשטימט אויף הכשרה. אַלע חברים זענען געקומען זיך געזעגענען מיט די אָפּפאָרנדיקע. דער מאַרק איז אַזש געווען שוואַרץ פון מענטשן.

שיע גראַבליע, אָנגעטון אין אַ גראָבער בורקע, ווי אין אַ ברענענדיקער פראָסט, איז געשטאַנען מיט דער לאַנגער בייטש אין דער האַנט, האָט אַלע מאָל כוואַצקע אַ קנאַל געטון דעם ברוינעם אומרויִקן אָגער אונטערן אויער און איז אַליין אַזש אונ־טערגעשפרונגען פון גרויס אומגעדולדיקייט.

— ביסט אַ מבין אויף דעם וואַרטעניש דאָ? ווי לאַנג וועט מען שטיין? אַ סוף, חברטעס, אַריין אין וואַגן, וואָס עט מען באַלעמוטשען, וואָס? בין איך קיין ייד נישט, אויב איך וואַרט אַ רגע לענגער. אַקערשט מען זעט, זעצט זיך מיר די זון... יעך על נישט פאַרן היינטיקע צייטן ביינאַכט. נאָך דאָס פעלט מיר...

אַרום וואָגן איז געשטאַנען כמעט דאָס גאַנצע שטעטל, אַלט און יונג, און יעדער האָט דערציילט אַנדערע נסים וועגן דעם פּריצישן גוט לאַטאַשעק, 17 קילאָמעטער פון שטאָט, ווו די חלוצות וועלן זיין אויף הכשרה.

— זי הערן, חנה־ביילע, — האָט אַ קיילעכדיקע יידענע געזאָגט, — אַ פּריץ אַ דימענט, ער האָט ליב יידן ס׳לעבן.

— אַזוי? או־וואַ, או־וואַ, היינטיקע צייטן איז עס דאָך פּשוט אַ שטיקל טרייסט פאַרן הארץ.

— ער זאָגט, אַז פון די יידישע חלוצים איז ער בעסער צופרידן, ווי פון די פּאַראָבקעס, די ערלים, — האָט לעמל טרעגער דערציילט אַ נייעס. — די יידן, זאָגט ער, אַרבעטן מיט קאָפּ, נישט בלויז מיט די לאַפּעס. אַ מבין, וואָס אַ פּריץ איז.

— נו, אוודאי, — האָט איטר קלעזמער פּ...קעוועט, — יעדע אַרבעט מוז האָבן מוח, פאַרשטייט איר מיך, נישט בלויז הענט מיט פינגער, ווייל, מוזט איר וויסן...

— אָהאָ, מ׳עט הערן אַ לעקציע וועגן מוזיק, האָט חיים־שמעון, אַן אַלטער בחור, דער פאַרזיצנדער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, חוזקדיק געזאָגט. — רויִקער אַ ביסל, חברים און חברות צוליב דער ערנסקייט פון דאָזיקן מאָמענט, ווען יונגע מענטשן פאַרלאָזן די היים און די נאָענטע און זיי גייען מקריב זיין זייער...

— ס׳האָט מיך גוט באַטראַסקעט — אַ רעדע אינמיטן מאַרק, — האָט שיע גראַבליע אַ קנאַל געטון מיט דער בייטש, — צערוקט זיך אַ קאַפּ, כ׳קאָן דאָך שוין דעם אָטעם נישט כאַפּן.

דער געדראַנג אַרום וואָגן איז וואָס אַמאָל גרעסער געוואָרן. שיע גראַבליע איז געשטאַנען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן.

ער האָט שוין פשוט נישט געקאָנט אויסציען קיין האַנט, כּדי אַ קנאַל צו טון מיט דער בייטש.

— וואָס פאַר אַן אויפלויפעניש עס איז אויף אייערע קעפ, — האָט ער רוגזהדיק אַ ריטש געטון. — לאָמיר שוין פאָרן, לאָמיר שוין. אַלע זיך אַרומגעשטעלט. געזען דאָס געלויף. חלוצים פאָרן אויף הכשרה... אַלץ האָט צייט. גייטס, צעלייגערס, פּוסט־און־פאַסטניקעס אין אייער רו אַריין. טוטס עפּעס, ליידיקגייערס, וואָס דרעפּטשעט עך מיר אויף די פיס, וואָס?

— אָ, זי גייט שוין, — האָט עמעצער אַ געשריי געטון. — שיע, איר קאָנט שוין אויפזיצן. רחל נחמן־דודס גייט שוין מיט איר וואַליזקעלע.

אַלע האָבן זיך ווי אויף אַ קאָמאַנדע אַ דריי אויס געטון צום טאַרטאַק־געסל, פונוואַנען עס איז איילנדיק אָנגעקומען רחל.

זי האָט אַליין געטראָגן איר גרויסע, שווערע וואַליזע, און זי האָט איצט אין איר רייזע־פיבערדיקייט, באַלויכטן פון אַ ליכטיקער, גאָלדענער זון, אויסגעזען נאָך שענער ווי שטענדיק. עס האָט געווייעט פון איר מיט עפּעס אַזאַ באַצווינגענדיקן פרויען־צויבער, וועלכן קיין שום מאַן קאָן זיך נישט קעגנשטעלן.

— לאָזטס אַדורך, — האָט עפּעס אַ גערירט מענער־שטימעלע אַ געשריי געטון, — זי טראָגט אַ שווערן פּאַק.

— לאָזטס אַדורך, — האָט שיע גראַבליע אונטערגעהאָלפן, — דאָס מיידלטשינע פאַלט פון די פיס.

ער האָט אַ כאַפּ געטון ביי רחלען דעם פּאַק, האָט אים אַ וואָרף געטון אין וואָגן אַריין, נאָכדעם איז ער שנעל צוגעשפרונגען און מיט אַ פעסטער, אייזערנער האַנט זי אַ הייב געטון ווי אַ לייכט פעדערל גלייך אין וואָגן אַריין.

— באַהיט זאָל איך ווערן, — האָט ער שטיפעריש זיך אַ וויצל געטון, — ס'אַ אַ משא כּבדה. כ'האָב מיר דאָס האַרץ שיער נישט גערירט...

דער עולם אַרום האָט אַ שאָס אַרויס געטון מיט אַ געלעכטער און מיט הנאה און טיילווייז מיט קנאה געקוקט אויף די צוויי

מיידלעך, וואָס שטייען שוין מיט איין פוס אין ארץ־ישראל. שיע גראָבליע האָט אַ כאַפּ געטון די לייצעס, האָט אַ קנאַק געטון מיט דער בייטש און דער שווערער אָגער האָט אַ ריס געטון דעם וואָגן.

פונדערווייטנס איז געשטאַנען אַ טרויעריקער נחמן־דוד שניט־זוחר און מיט אַ פייכטן בליק נאָכגעקוקט, ווי זיין איינציקע רחלע פאַרלאָזט אים און פאָרט אויף „הכשרה".

2

דער טאָג האָט לאַנגזאַם אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן. די זון, אַ פאַררויטלטע, אַ פייערדיק־צעפלאַמטע, האָט זיך געגומען צינדן אין צענדליקער פאַנטאַסטישע קאָלירן און זיך אָנגעהויבן אַראָפּ־לאָזן צו מערב־צו.

רחל האָט צוגעוואָרפן עטלעכע חנדלדיקע בליקן אירע נייע חברטעס, די חלוצות, וואָס זענען געזעסן ווי דערשראָקענע אין וואָגן און ווי מורא געהאַט זיך אָנצורופן מיט אַ וואָרט.

זיי האָבן זיך געפילט קעגן איר נישט דרייסט. רחל איז גע־ווען אַ נגידישע טאָכטער, זי האָט געלערנט אין שטאָטישן פוילישן גימנאַזיום, כמעט קיינמאָל נישט גערעדט קיין יידיש און זיך גע־חברט מיט אַנדערע נגידישע טעכטער, אירס גלייכן. ביידע אַנדע־רע חלוצות, קינדער פון אָרימע עלטערן, נעבעכדיקע און נידער־געשלאָגענע, האָבן געקוקט אויף רחלען ווי אויף עפּעס אַ העכער וועזן און זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז זיי וועלן איצט מוזן מיט איר צוזאַמען אַרבעטן.

רחל איז צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע געקומען דורך אַ צופאַל. זי איז געהאַט אַמאָל צופעליק מיטגעגאַנגען מיט אירס אַ חברטע אויף אַ פאַרזאַמלונג, וואָס די שטאָטישע אָרגאַניזאַציע האָט איינגעאָר נט. עס איז דעמאָלט ספּעציעל אַראָפּגעקומען אַ רעדנער פ ער גרויסער שטאָט. ער האָט מיט אַ וואַרעמער און אָנגענעמער שטימע גערעדט וועגן די גרויסע געפאַרן, וואָס לויערן

אויפן ישוב און מיט ציטערנדע און האַרציקע ווערטער גערופן צו שטאַרקן די פאָנדן און צו פאַרגרעסערן דעם יידישן באַזיץ אין ארץ.

דעמאָלט איז איר טאַקע דער ענין ארץ־ישראל צום ערשטן מאָל נאָענט געוואָרן. צי דאָס איז געווען דער סימפּאַטישער, ברו־נעטער יונגערמאַן, וואָס האָט אַזוי האַרציק און איבערצייגנד גע־רעדט וועגן די גרויסע דערגרייכונגען אין ארץ, צי דאָס איז גע־ווען די שילדערונג פון די יידישע ליידן אין דער גרויסער וועלט. דאָס קאָן זיך רחל ביז היינט נישט געניי דערקלערן. זי האָט אָבער פון דעמאָלט אָן זיך שטאַרק איבערגענומען מיט די געדאַנ־קען וועגן אַ יידיש לאַנד פאַרן יידישן פאָלק, וואָס שטייט אַרום־גערינגלט פון שונאים אין דער גאַנצער וועלט.

זי דערמאָנט זיך פּלוצלינג, אַז אייגנטלעך מאַכט זי שוין איצט דעם ערשטן שריט אויפן וועג קיין ארץ און זי גיט אַ שמייכל צו ביידע נישט־דרייסטע חברטעס.

— אָט פאָרן מיר שוין ענדלעך אויף הכשרה, איר זעט, חברות, ביסלעכווייז דערנענטערן מיר זיך צו אונזער ציל. די הכשרה־צייט וועט אַריבער און מיר וועלן ווערן באַשטימט צו דער עליה.

ביידע מיידלעך, שרהטשע, הערש־נאָטע דעם גלעזערס, און די גראָבע ביילע, זעליג־מרדכי מלמדס טאָכטער, שמייכלען גליק־לעך און צופרידן, וואָס רחל רעדט מיט זיי ווי מיט אירס גלייכן.

— אוודאי וועט די צייט אַריבער, — ענטפערט די גראָ־בע ביילע און זי דערמאָנט זיך איר טאַטנס אַ ווערטל. — גאָט זאָל נאָר שענקען יאָרן; אַז מען לעבט, דערלעבט מען אַלץ.

שרהטשע הערש־נאָטעס גיט אַ צופרידענעם שמייכל און וואַרפט אויך אַריין אַ וואָרט.

— וואָס דען, צו ליגן ביים טאַטן און האָבן אויסגעריסענע יאָרן, נישט קיין ברויט צו דער זעט, נישט קיין ריכטיק שטיקל מלבוש, נישט גאָרנישט... אַזוי האָט מען כאָטש אַ שטיקל האָפענונג אין לעבן...

רחלען ווערט פון דידאָזיקע רייד זייער טרויעריק אויפֿן האַרץ. איר דאַכט זיך פֿלוצלינג, אַז זי, וואָס האָט אין לעבן קיינמאָל נישט געפֿילט קיין נויט און האָט געהאַט פֿון אַלעם גרייטן, איז אַ סך שולדיק אין דעם, וואָס שרהטשע, איר איצטיקע חברטע, האָט אַזוי נעבעכדיק און אין אַזאַ אָרימקייט דורכגעלעבט אירע יונגע יאָרן ביים אָרימען טאַטן אין שטוב.

עס נעמט זי אַרום עפּעס אַזאַ רחמנות צו שרהטשען, אַז אָט־אָט, פֿילט זי, וועט זי געבן אַ פֿאַל־צו צו איר און פֿון גרויס מיטלייד און געריירטקייט אויסקושן איר יעדעס אבר. אָבער עס פֿאַרפֿעלט איר פֿלוצלינג מוט און, אַ שווייגנדיקע, מיט אַ שווער געמיט, לאָזט זי אַראָפּ דעם קאָפּ און בלייבט זיצן שטיל.

די זון איז שוין דערווייל נידעריק ביים האָריזאָנט. פֿון איין זייט וועג צעשפּרייט זיך אַ ברייט, גרויס פֿעלד, וואָס ציט זיך ווייט, ווייט ביז צום הימל־ראַנד. דער גאַנצער מערב־הימל איז באַפֿאַרבט מיט אַ שלל פֿון פּרעכטיקע קאָלירן. עס איז אַ געמיש פֿון פֿאַרביקע ניואַנסן, וואָס דערפֿרייען דאָס אויג און הייטערן אויף דאָס געמיט. דאָס געשניטענע היי, וואָס ליגט צעלייגט אין גרויסע בינטן איבערן פֿעלד, פֿאַרשפּרייט אַ מחיהדיקן ריח, וואָס פֿרישט אויף און טראָגט אַריבער עפּעס אין אַנדערע, בעסערע, איבערערדישע וועלטן.

רחלען ווערט מיטאַמאָל אַזוי פֿריילעך, עס פֿאַרשווינדט פֿון איר יעדער טרויער. זי דערמאָנט זיך, אַז זי פֿאָרט איצט אויף הכשרה — — — זי וועט אַרבעטן אונטערן פֿרייען הימל, אויף אַ ברייט שמעקעדיק פֿעלד... זי וועט אַקערן, זייען, שניידן תבואה... דער פּריץ פֿון גוט איז אַזאַ איידעלער מענטש. ער וועט זיי אַלץ אויסלערנען... דערנאָך וועט זי פֿאָרן קיין ארץ־ישראל און זיך צוזאַמענוואַקסן מיט דער דאָרטיקער ערד... זי וועט האָבן אַ פֿעסטן באָדן אונטער די פֿיס, ניש אַזוי ווי איר טאַטע — אַ קראָם, לופֿט, וואָס אָט איז עס דאָ און אָט גיט עס עמעצער אַ בלאָז אַוועק, לאָזט נישט אַריין קיין קונים, און שוין, אויס קראָם, נישטאָ... אַ פֿעסטן באָדן אונטער די פֿיס! דאָס איז דער עיקר. צו דעם דאַרף דאָס יידישע פֿאָלק שטרעבן...

זי גיט אַ דיסקרעטן שמייכל. דאָס זענען נישט אירע ווער־טער. זי האָט וועגן אַזעלכע הויכע זאַכן קיינמאָל נישט געטראַכט. דאָס האָט זי געהערט טאָקע פון יענעם יונגנמאַן, דעם רעדנער, וואָס איז אַראָפּגעקומען פון דער גרויסער שטאָט. זי דערמאָנט זיך נאָך, אַז ער האָט די גאַנצע צייט פון איר קיין אויג נישט אַראָפּ־גענומען און מער גערעדט צו איר, ווי צו די איבעריקע פאַר־זאַמלטע. נאָך דער פאַרזאַמלונג איז ער צוגעגאַנגען צו איר און דרייסט, ווי אַן אמתער גרויסשטאָטישער, פאַרפירט מיט איר אַ געשפּרעך און איר באַלד אַ זאָג געטון, אַז אַזעלכע שיינע בלויע אויגן ווי אירע, האָט ער נאָך קיינמאָלט נישט געזען.

— בלויע אויגן און שוואַרצע האָר, איינע צווישן טויזנט, ממש אַן אוניקום, — האָט ער געזאָגט מיט אויסגעזוכטע ווער־טער. — אַזעלכעס האָב איך נאָך כּמעט אין מיין לעבן נישט גע־זען. פאָרט קיין ארץ־ישראל, חברטע, איר זענט אַן אמת ארץ־ישראל־קינד, כ׳וואָלט געזאָגט, אַן אמת סאַברעלע.

איר ווייבערישער נייגיר, די שוין־אויפגעוואַכטע פרוי אין איר, האָט פלוצלינג באַהערשט איר גאַנץ וועזן.

— פאַרוואָס זענט איר עפּעס אַזוי פאַראינטערעסירט, אַז איך זאָל פאָרן קיין ארץ־ישראל?

— ווייל איך וואָלט זיך געוואָלט מיט אייך דאָרט טרעפן. איך פאָר קיין...

— איר זענט נאָך אַ בחור? — האָט זי פלוצלינג אַ פרעג געטון און זיך אַזש פאַרשעמט צוליב איר מאָדנער דרייסטקייט.

— המ, אַ, אַ בחור. אַ שאָד, איר זאָלט דאָ פאַרשווענדן אייער יוגנט...

איר האַרץ האָט וואַרעם אַ צאַפּל געטון... זיי האָבן זיך אויף צומאָרגנס ווידער געטראָפן. ער האָט איר דערציילט וועגן דער פערמע, וואָס ווערט דאָ נישט ווייט געשאַפן און זי האָט זיך גע־נומען גרייטן אין געדאַנק צו דער הכשרה.

אין אָוונט איז ער אַוועקגעפאָרן און זינט דעמאָלט איז איר אין לעבן עפּעס צוגעקומען: אַ נייע פרייד, עפּעס אַ זיסער גע־דאַנק, אַ צאַפּלדיקע האָפענונג וועגן אַ נייעם מענטש, וואָס זי האָט

באַקענט. זי האָט זיך מיט דעם געדאַנק אַרומגעטראָגן, ווי מיט עפּעס אַ ליבן און טייערן סוד. אפשר וועט זי אים דאָרט טרעפן... ער איז אַ רעדנער, אַ טעטיקער חבר אין דער אָרגאַניזאַציע, מסתּם וועט ער אויך אַמאָל באַזוכן די קבוצה... רחל האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין מודה צו זיין, אַז דאָס פאָרן אין דער קבוצה איז אויך אַ שטיק צוליב עפּעס אַ באַהאַלטענער האָפע־נונג און צוליב דעם ליבן, אָנגענומען געדאַנק וועגן דעם נייעם מענטש...

די זון איז שוין אינגאַנצן געווען פאַרשוווּנדן פון הימל־ראַנד. די גאַנצע לענג פון האָריזאָנט איז געווען באַזייעט מיט כּסדר בלאַסער־ווערנדיקע פאַרביקע שטיקער וואָלקנס, וואָס האָבן לאַנגזאַם און טרויעריק געבלאַנזשעט ווי עפּעס אַ ווייטער אָפּ־גלאַנץ פון אַ פּלוצלינג־פאַרשווּנדענער ליכטיקער וועלט. דער מזרח־הימל איז שוין אינגאַנצן געווען איינגעטונקט אין אַ גרויער טונקלקייט, וואָס איז מיט יעדער מינוט געוואָרן גרעסער און גרעסער. אויפן מזרח־צפון־הימל האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן אַ גרופּע העל־פינקלענדיקע שטערנס, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן דורך די שפּיצן פון די הויכע סאָסנע־ביימער און געהיימניספול געבלינצלט מיט זייער בלוילעכן זילבער־גלאַנץ צו די פאָרנדיקע חלוצות.

שיע גראַבליע האָט פּלוצלינג אַ קנאַל געטון מיט דער לאַנ־גער בייטש און ענערגיש אַ יאָג געטון דאָס פערד.

— חברטעס, — האָט ער זיך אַ דריי אויס געטון צו די דריי מיידלעך, — עך זעט, כ'האָב אָבער באַלד געזאָגט, אַז ע וועט אַזוי זיין. אָט איז מיר די נאַכט געגעבן אַ פּאַל צו א איצט וועט מען זיך מוזן שלעפן נאָך אַ 7 וויאָרסט ביי אַ פינ ערן וואַלד פון ביידע זייטן שאָסיי. דער אָגער איז מיר אַ פּאַו מאַטערטער פון דער נעכטיקער רייזע. ער דרעפּטשעט מיר קו מיט די רגליים. הלוואַי זאָלן מיר אין אַ שעה אַרום זיין א לאַטאָשעק... פונדעסטוועגן דאַרפט עך נישט זיין אַזוי טרויער און מלא באַטראַסקעט...

די ד. יי מיידלעך זענען פון גראַבליעס רייד אַזש אויפג שפּרונגען.

— ר׳ שיע, — האָט רחל געזאָגט, — איר וואַרפט דאָך אויף אונז אָן אַ מורא. נאָך 7 וויאָרסט פינסטערער וואַלד?

— יאָ, יאָ, טייער קינד, — האָט שיע גראַבליע באַפּעס־טיקט זיינע רייד און אַ קנאַל געטון מיט דער בייטש. — 7 וויאָרסט פינסטערער וואַלד! אָבער באַלד דערנאָך, נישט ווייט פון וועג, לינקס איבערן שמאָלן סטאַוו, ליגט לאַטאָשעק.

— אוי, ס׳גייען מיר אַזש אַדורך טשאַרקעס איבערן לייב, — האָט שרהטשע אַ זאָג געטון, — אַזאַ פינסטערער וואַלד, אַז דאָס האַרץ שפּרינגט מיר אַזש אַרויס פאַר שרעק.

די גראָבע ביילע האָט זיך צעלאַכט.

— גיי, ביסט אַ נאַר, — האָט זי געזאָגט, — יאָגסט גלאַט אָן אומזיסטע שרעק און רחלע וועט נישט קאָנען איינזיצן פאַר מורא. ר׳ שיע, נאָכוואָס האָט איר אונז פאַרציילט אַ מעשה מיט אַ וואַלד. הערט אויס, חברות, כ׳וועל אייך בעסער דערציילן אַ מעשה מיט אַ ייד, וואָס איז פאַרבלאָנזשעט געוואָרן ערב שבת אין אַ פינסטערן וואַלד. כ׳האָב די מעשה געהערט פון מיין טאַטן, ווען ער האָט זי דערציילט די יינגלעך.

— דערצייל, דערצייל, — האָט שיע געזאָגט און אויסגע־דרייט דעם קאָפּ צו די מיידלעך, — אַזאַ יאָר אויף מיר, וואָס פאַר אַ ייד דיין טאַטע איז. זיינס אַ מעשה איז גאָלד און ברי־ליאַנטן. אַ קליינינקייט — זעליג־מרדכי מלמד.

— דערצייל, ביילעשי, — האָט רחל אַזש אַ פלאַטער געטון און איז אונטערגעשפּרונגען פון איר זיץ־פּלאַץ.

ביילע האָט טיף אַ ציי געטון דעם אָטעם, האָט אַ קורצע ווײַלע נאָכגעטראַכט און דאַן האָט זי אָנגעהויבן:

— ...ס׳איז אַמאָל געווען אַ גרויסער גוטער ייד, האָט ער געהייסן „מקדש מלך״. אַז איינער האָט געבראָכט געהאָלפן צו ווערן פון אַ קראַנקהייט אָדער פון אַן אַנדערער צרה, חס ושלום, האָט מען נישט געוווסט ווו צו גיין, נאָר צום „מקדש מלך״, און ער האָט זיך געפירט אַזוי: ווו ער איז געווען דאָנערשטיק מי־טאָג, דאָרט איז ער שוין געבליבן שבת, כדי ער זאָל נישט מוזן בלייבן שבת אונטערוועגנס. איינמאָל האָט זיך געטראָפן, אַז ער

האָט געמוזט דאָנערשטיק אוועקפאָרן פון אַ שטאָט, ווייל אין זעלבן לאַנד זענען דעמאָלט געווען גרויסע מלחמות. ער איז נאָכמיטאָג אַרויס פון דער שטאָט און איז געגאַנגען, געגאַנגען, ביז ער איז געקומען אין אַ גרויסן וואַלד אַריין. ער איז שוין געווען זייער מיד און דאָ זעט ער, ער איז אַליין און דער וואַלד איז גרויס אָן אַן עק. דאָ פאַלט ביסלעכווייז צו די נאַכט. ס׳איז שוין באַלד שבת און מען זעט נישט קיין שטאָט, נאָר בלויז וואַלד מיט גרויסע ווילדע גרעזער. בקיצור, ער האָט זיך געשטעלט דאַווענען מנחה און ער האָט שטאַרק געוויינט. ווען ער האָט אָפּגעדאַווענט, האָט ער אויפגעהויבן די הענט צום הימל און געזאָגט: רבונו־של־עולם, טו מיר אַ נס! ער האָט אַלץ אַנידערגעלייגט ביי אַ בוים, ווייל שבת טאָר מען דאָך נישט טראָגן, און איז ווייטער געגאַנגען. אין דעם גיט ער אַ קוק, עס לייכט זיך עפּעס אַ פייערל אינמיטן וואַלד. ער איז שטאַרק דערשראָ...

ביילע האָט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן דעם זאַץ, ווי פון דער לינקער זייט וואַלד האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ פאַרדעכטיק גערויש. די מיידלעך האָבן אַזש אַ ציטער געטון. עפּעס אַ טונקעלע געשטאַלט האָט זיך פאַרזיכטיק און שטיל געשאַרט ביי דער זייט פון וועג, נאָענט פון טיפן ראָוו, און פּלוצלינג האָט אַ בליץ געטון אַ בלענדנד־ציטעריקע ליכט פון אַן עלעקטריש לעמפּעלע, וואָס איז פאַרעקשנט געקראָכן איבער די פּנימער פון די דריי דערשראָקענע מיידלעך און זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט אויף רחלעס שיין און דערשראָקן געזיכט.

— ווער איז דאָרט? — האָט שיע גראַבליע אַ דערציטערטער, אָבער ענערגיש אַ געשריי געטון און פּאָר שרעק אַזש אַ קנאַל געטון מיט דער בייטש.

דאָס טונקעלע געשטאַלט האָט אָבער גאָרנישט געענטפערט, נאָר ווייטער פאַרעקשנט באַלויכטן רחלעס געזיכט און ווי באַטראַכט איר יעדן שטריך.

רחלע האָט ציטערנדיק פאַר שרעק אַ פאַרשטעל געטון איר געזיכט מיטביידע הענט און זיך היסטעריש צעשריגן.

— ר׳ שיע, ווער איז דאָרט, קטאָ טאַם...

די מיידלעך האָבן זיך פאַרשטעלט די פּנימער מיט די הענט, ווי זיך צו שיצן פון עפּעס אַ בייזער געפאַר. שיען האָט באַהערשט אַ שרעקלעכער כעס. די שרעק איז פון אים פאַרשוווּנדן. ער האָט זיך, אַ ציטערנדיקער פון אויפרעגונג, אַ שטעל אויף געטון אין וואָגן און מיט אַן אייזערנער גבורה געגעבן אַ צי צו זיך די גראָבע לייצן און אָפּגעשטעלט דעם צעשראָקענעם אָגער. דערנאָך האָט ער אַ שפּרונג אַראָפּ געטון פון וואָגן מיט אַן אויסגעצויגענער בייטש אין דער געביילטער פויסט.

— ווער איז דאָרט, וואָרים איך הרגע!...

די דריי מיידלעך זענען געבליבן זיצן אין ציטערנדער דער־וואַרטונג און געפּרוּווט אַ קלער טון מיט שרעק, וואָס איצט וועט דאָ זיין.

אָנשטאָט אַן ענטפער, האָט די געהיימנישפולע געשטאַלט האַסטיק אַ לעש אויס געטון דאָס עלעקטרישע לעמפּעלע און איי־דער שיע גראַבליע האָט נאָך באַוויזן אַ טראַכט צו טון, איז זי פאַרשוווּנדן אין דער געדיכטער וואַלד־פינסטערניש.

שיע גראַבליע און די דריי מיידלעך האָבן זיך אַ לאַנגע ווייַ־לע געריבן די אויגן צוליב דער פאַרבלענדעניש פון ווייסן ליכט. די מיידלעך זענען געבליבן שטיל און מורא געהאַט אפילו דאָס מויל צו עפענען.

— אַט האָסטו דיר אַן אַנשיקעניש אינמיטן דרינען, — האָט שיע גראַבליע ענדלעך אַ וואָרטשע געטון, — אַ משולחת אויפן גלייכן וועג. כ'האָב מיך אָבער געבעטן ווי ביי אַ גזלן, מען זאָל נישט באַלעמוטשען. אַלץ איבער אייך, נחמן דודס טאָכטער.

רחלע איז אַזש אונטערגעשפּרונגען פון אויפרעגונג.

— ר' שיע, — האָט זי ציטערנדיק געזאָגט, — מאַכט מיר איצט נישט קיין פאָרווורפן, כ'בעט אייך. אַלץ איינס איבער וועמען, פאָרט שנעלער. לאָמיר שוין אָנקומען אין גוט.

די איבעריקע צוויי מיידלעך האָבן צוריקגעקריגן דאָס לשון און גענומען באַרויקן רחלען.

— עס לוינט זיך נישט אויפצורעגן, — האָט ביילע גע־

זאָגט, — אוודאי עפּעס אַ שיכּורער גוי, וואָס קריכט צופוס אי[n]
גוט אַריין...

— טאָ פונוואַנען האָט ער אַן עלעקטריש לעמפּל? — האָט
רחלע שטיל געפרעגט.

קיינער האָט נישט געענטפערט. יעדער האָט געטראַכט מי[ט]
שרעק, אַז עס זענען גלאַט ווערטער.

— און ווי ער האָט מיר געשטאָכן מיטן ליכט גלייך אי[ן]
די אויגן אַריין, — האָט רחלע ווייטער גערעדט, — כ'קאָן נאָ[ך]
ביז איצט נישט זען, — האָט זי אַזש אַ זיפץ געטון.

— ער האָט זי באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, — האָ[ט]
זעליג־מרדכי מלמדס טאָכטער טרויעריק געזאָגט. — ער האָט גע[...]
פירט דאָס ליכט פון אונטן אַרויף און פון אויבן — אַראָפּ, איבע[ר]
איר גאַנצן קערפּער. ער האָט...

— וואָס פּאַר אַן „ער", — האָט שיע גראַבליע פּלוצלי[נג]
איבערגעריסן, — וואָס רעדסטו נאַרישקייטן, האָסט דען געז[ען]
עמעצן?

ביילע האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— יאָ, כ'האָב געזען. אַ בלייכע, איידעלע מאַנסביליש[ע]
האַנט, אַרומגענומען מיט אַ ווייכן מאַנקעט פון אַ טונקל זומ[ע]
העמד און אַ גראָבן רינג מיט אַ שוואַרצן שטיין. ער האָט צופ[ע]
ליק באַלויכטן זיין אייגענע האַנט און כ'האָב אַלץ געזען...

— זע נאָר, זאָלסט אַזוי לעבן, וואָס זי האָט שוין דאָ אַ[ל]
געזען, — האָט שיע גראַבליע געזאָגט מיט אַ פּרעטענסיע. —
מענסקע האַנט מיט אַ שוואַרצן מאַנקעט און אַ גאָלדענעם שט[ין]
מיט אַ ווייכן רינג. האָסט זיך אוודאי דערמאַנט דיין טאַטנס
מעשה. הע, בנאמנות קינדער, מיר זענען דאָ וואַזשנע פּאַרפּאָרן.
נו, זיצט שוין, זיצט שוין, מיידלעך, ס'וועט אייך דאָ גאָרני[ט]
געשען. לאָמיך נאָר זען, עס זאָל דאָ עמעצער נאָכאַמאָל צוקומ[ע]
און מיר אָנהייבן צו מאַכן משוגענע פּאַקטן, איז מיין נאָמען ניש[ט]
שיע, צי איך צעמאָרשטשע אים נישט ווי אַ בידנע פלוי, ווי ע[ר]
זעט מיך אַ לעבעדיקן... וויאָ!

ער האָט אַ צי געטון די לייצן, אַ קנאַל געטון מיט דע[ר]

בייטש און דאָס פערד האָט אַ ריס געטון פון אָרט. די דריי מיידלעך האָבן זיך שטיל און דערשראָקן צוגעטוליעט איינע צו דער אַנדערער און מיט האַרץ־קלאַפעניש געשוויגן.

8

ס'איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט. אַ שטיל ווינטל האָט גערוישט צווישן די הויכע, דינע צווייגן פון די שלאַנקע, געוויקסיקע טאָפּאָליעס, וואָס זענען געשטאַנען ביים אַריינפאָר אין גוט לאַטאַשעק, און געמורמלט עפּעס אַ שטיל ביימער־געבעט. פון פריצישן הויף האָט זיך געטראָגן אַ וואָיענדיק געבילערײ פון אַ הונט און אַ העלע ליכטיקייט פון פריצישן בנין, וואָס איז געשטאַנען טיף אין הויף.

אין דער חלוצים־היים, אַן אַלטער בנין, וואָס דער פּריץ האָט אָפּגעגעבן פאַר די חלוצים, איז היינט געווען ספּעציעל טומלדיק. מען האָט אָפּגעוואַרט די דריי אָנקומענדיקע מיידלעך פון שטאָט. אין דער גרויסער שטוב, ווו עס זענען געשטאַנען די מיידלישע בעטלעך, איז געווען אויפגערוימט און דריי בעטלעך, פול אָנגעשטאָפּט מיט שמעקעדיק היי, זענען געשטאַנען גרייט פאַר די פרישע חלוצות. פאַר דער פערמע איז באַשטימט געווען אַ גלייכע צאָל חלוצים און חלוצות. עס האָבן בלויז נאָך געפעלט די דריי חברות, וועלכע זענען טאַקע אָפּגעוואַרט געוואָרן מיט גרויס נייגיר. אין דער גרויסער שטוב איז געווען ליכטיק און טומלדיק. לכבוד די געסט האָט היינט געברענט דער גרויסער בליץ־לאָמפּ, וואָס ווערט דאָ אָנגעצונדן נאָר פרייטיק אָוונט.

יאָסל שעכטער, דער מנהל פון קבוץ, אַ הויכער בחור מיט אַ שוואַרצער טשופּרינע און שיינע ווייסע ציין, האָט זיך היינט ספּעציעל צוגעקעמט די האָר אויף נאַס, כדי זיין ווילדע צעפלאַשעטע גריווע זאָל ליגן גוט. נאָך דער אַרבעט אין פעלד איז ער שנעל צו צום פּלומפּ, האָט אַ גאָס געטון אויפן קאָפּ אַ שטראָם

וואַסער און איז דאָן צו צום צעבראָכענעם שפּיגל אויף דער וואַנט און מיט גרויס כּוונה אַ לאַנגע ווײַלע געאַרבעט אַרום די האָר.

— העי, חבר שעכטער, דו פּוצסט זיך מיר עפּעס צו פֿיל, — האָט די חברטע פֿעלדמאַן, אַ שלאַנק, בלאָנד מיידל מיט אַ פּאָר־ריסן נעזל און קלוגע, דורכדרינגענדע אויגן, אַ זאָג געטון, — דו ריכטסט זיך דאָ אוודאי אויף עפּעס אַ שיין ליאַלקעלע...

חבר שלום קאַגאַן, אַ ליטוואַק מיט אַ בראָדאַווקע אויף דער נאָז, אַ פּאָר ברייטע אַקסלען און צוויי געזונטע הענט, האָט זיך אַרײַנגעמישט.

— העי, חברטע פֿעלדמאַן, ער ווייסט, וואָס ער טוט. ס׳דאַרף קומען יענץ סחורהלע. אַ שוואַרצינקע, אַ שיינינקע, אַ... ווייס איך וואָס, מיט בלויע אויגן און מיט — פֿאַרשטייסטו מיך.

פֿלוצלינג איז ער שטיל געבליבן. די טיר האָט זיך האַסטיק געגעבן אַן עפֿן אויף, ס׳איז אַרײַן חבר יאַשקע, אַ ברייטער, אַ געזונטער, מיט אַ פּאָר פּעסטע, אייזערנע הענט און אַ העלדישן שטעל.

— העי, חברים, — האָט ער סאַפּענדיק אַ געשריי געטון. — די מיידלעך זענען דאָ... די מינוט אָנגעקומען... כ׳בין אַרויס אַ שטיק וועג זיי אַקעגן... קומטס, חברים, מען מוז זיי העלפֿן אַראָפּ־נעמען די זאַכן... זיי זענען עפּעס אַזוי טרויעריק און דערשראָקן. געהאַט עפּעס אַ צווישנפֿאַל אויפֿן וועג.

אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטון צום שאָסיי. דער הונט איז שוין געשטאַנען פֿאַרן גרויסן אָפֿענעם טויער, האָט הויך געבילט און גלײַכצײַטיק פֿריידיק געוואָרפֿן מיטן עק. ער האָט געקוקט מיס־טרויאיש אויף די פֿריש־אָנגעקומענע און נישט געוווּסט, צי ער זאָל אויף זיי בילן, אָדער זיך פֿרייען. חברה איז אַרויס מיט שטו־רעם און אַ פֿאַל צו געטון צום וואָגן.

די נאַכט איז געווען אַ פֿינסטערע. די שטערן אַרום האָבן עפּעס אַזוי געהיימניספֿול געפֿינקלט און ווי זיך איבערגעוווּנקען וועגן אַ גרויסן סוד, וואָס זיי ווייסן.

שיע גראַבליע האָט דער ערשטער געגעבן אַ שפּרונג אַראָפּ פֿון וואָגן און אַ קנאַל געטון מיט דער בייטש.

— העי, חברים, ווו זענט עץ. קוים מען זעט שוין אַ לעבעדיקן מענטש פאַר די אויגן. זינט איך לעב, בין איך נאָך נישט געשטאָרבן... אַזאַ יאַזדע! זאָל איך באַהיט ווערן, צי כ׳פאָר נאָכאַמאָל ביינאַכט. ווען מען גילט מיך אָפּ, צ׳הערט?... וואַליי, העלפט צו די מיידלעכטשינעס אַראָפּקראָשקעווען פון וואָגן. קוים וואָס זיי דעכען. אַזאַ משולחת אויף צדה לדרך. צ׳הערט? ווי עץ זעט מיך אַ לעבעדיקן, ווען ער ציט נישט אָפּ, דער יאָלד מיטן לעמפל, מאַך איך פון אים מייערן-צימעס...

די חברים האָבן גענומען אַראָפּטראָגן די פעקלעך און געהאָלפן די מיידלעך אַראָפּקריכן פון שיע גראַבליעס הויכן וואָגן.

— חברות, קומטס אַריין, — האָט יאָסל שעכטער הויך אַ זאָג געטון צו די ניי-אָנגעקומענע. — עץ וועט זיך דערוואַרעמען. ס׳שטייט שוין הייסע טיי. די זאַכן וועט מען אייך שוין אַריינברענגען. קומטס! נאָר נישט זיין טרויעריק, חברות, שמחה, בלויז שמחה. — האָט ער פריילעך פאַרענדיקט, קוקנדיק אין רחלעס זייט.

ער האָט אַליין אַ כאַפּ געטון רחלעס פעקל, עס אַ הייב געטון ביז אויפן אַקסל אַרויף און פאָרזיכטיק, מיט גרויס כוונה געגאַנגען מיט די גרויסע שטיוול פאַמעלעך נאָך רחלעס דראָבנע טריטעלעך. די איבעריקע חברים האָבן זינגענדיק און מיט ליאַרעם געשלעפּט די צוויי גרויסע קישן און קעסטלעך, ווו עס האָבן פאַרפּאַקט זייער נעבעכדיק ביסל בעבעכעס די גראָבע ביילע, זעליג-מרדכי מלמדס, און שרהטשע, הערש-נאָטע דעם גלעזערס.

דעם פריצס הונט נעלסאָן איז געשפּרונגען אַ באַשמחהטער אינדערמיט. ער האָט שוין אַרויסגעפילט, אַז אייגענע זענען געקומען. ער האָט זיך מיטגעפרייט אויף דער שמחה, איז פריילעך אונטערגעשפּרונגען און פריינטלעך געבילט. שיע גראַבליע האָט אויסגעשפּאַנט דעם אָגער און אים אַריינגעפירט אין שטאַל צו די חלוצישע פערד.

— נאַ, פּרעס, גוטער-ברודער, און ווייס פון אַ לעבן צו זאָגן, — האָט ער אים אַ גלעט געטון איבערן רוקן.

דעם וואָגן האָבן אים די בחורים אַריינגעשטעלט אין חויף און אַליין איז גראַפּליע אַריין צו די חלוצים טרינקען אַ הייס גלעזל טיי.

• •

*

שפּעט אין אָוונט האָט זיך דער טומל איינגעשטילט. לכּבוד דעם אָנקומען פון די נייע חברות האָבן זיך די חלוצים היינטיקן אָוונט דערלויבט אַ ביסל לענגער אויפצוזיין, אַנדערש ווי אַלע מאָל, ווען נאָכן אָפּעסן אָוונטברויט לייגן זיך אַלע פרי שלאָפן, כּדי צו קאָנען אויפשטיין צו די פעלד־אַרבעטן.

דער זומער איז שוין געשטאַנען אין זיין פולער רייפקייט. די פעלדער האָבן זיך געבאָדן אין גאָלדענעם גלאַנץ פון די שווערע צייטיקע זאַנגען און אויף מאָרגן איז געווען באַשטימט דער ערשטער שניט־טאָג.

נאָך מיט אַ טאָג פריער האָט שוין יעדער פון די חברים געהאַט אָנגעגרייט זיין לאַנגע גלאַנצעדיקע קאָסע, וואָס דער פּריץ האָט געשענקט דער פערמע. פאַר די מיידלעך זענען געווען גרייט לאַנגע גראַבּליעס, מיט וועלכע זיי וועלן דאַרפן צונויפשאַרן די אָפּגעשניטענע זאַנגען און מאַכן פון זיי בינטן.

ווען די ניי־אָנגעקומענע חברות האָבן זיך שוין געהאַט אַ ביסל אָפּגערוט פון וועג און יעדע האָט זיך שוין געהאַט געבראַכט אין אָרדענונג דאָס בעטל און די זאַכן, האָט חבר שעכטער אַ קאָמאַנדעווע געטון:

— חברים און חברות. גענוג פאַר היינט. אויס יום־טוב, לעבודה! שלאָפן! און מאָרגן באַגינען — אין פעלד אַריין!

יעדער איז געהאָרכזאַם אַוועק אויף זיין אָרט. שיע גראַבּליע איז אַריין אין גרויסן שייער און זיך געלייגט אויפן שמעקעדיקן היי.

— איך וועל מיך שוין איבערשלאָפן אויפן שמעקעדיקן היי, חברים. הלוואי לעב איך אַזוי, ווי מיין אָגער וואָלט זיך אויך נישט

אָפּגעזאָגט פון אַזאַ פאַרגעניגן. הײ איז בײ אים ס׳חיות, װי עך זעט מיך אַ לעבעדיקן...

רחל האָט נאָך געװאָלט װאַשן אירע פיס פאַרן שלאָפן גײן. זי איז אַ ביסל נישט דרײסט צו צו דער חברה פעלד־שטײן.

— חברה, װוּ איז דאָ װאַסער צום װאַשן ?

חיהלע פעלדשטײן האָט זיך אַ ביסעל פאַרװוּנדערט.

— איצט? װאָס װילט איר דען װאַשן ?

— די פיס.

— די פיס ? אָהאַ, חברה, איר האָט מיט זיך מיטגעבראַכט גרױסשטאָטישע מאַניערן. בײ אונז פאַרגעסט מען אָן דעם. נישטאָ קײן צײט אויף אַזעלכע זאַכן. דאָס פעלד און דער ברײטער זאַמ־דיקער הויף קענען נישט קײן צו אָפּט געװאַשענע פיס.

— איר זענט גערעכט, אָבער איצט מוז איך נאָך, חברה. כ׳בעט אײך, כ׳בין געװױנט דערצו. מאָרגן װעל איך מיך באַמיען צו זײן מיט אַלע גלײך, איר װעט זען.

די הויכע, בלאָנדע חיהלע פעלדשטײן האָט זי אַרײנגעפירט אין דער גרױסער זײטיקער קאַמער, אין פאָדערהױז, און איר נאָך געהאָלפן אַרױפציען אַן עמער װאַסער פון ברונעם.

רחלע איז געבליבן אַלײן. זי האָט אַראָפּגעצױגן פון זיך די שמאָלע גרױסשטאָטישע שיכעלעך מיט די לאַנגע, גלאַנציקע זאָקן, װאָס האָבן אַרומגענומען אירע רונדע, שלאַנקע פיס, ביז װײט איבער די קני אַריבער. עס האָבן זיך אַנטפּלעקט אירע שײנע, װײסע קני, װאָס האָבן פון אונטערן שמאָלן קורצן קלײדל אַרױס־געקוקט װי צװײ דערשראָקענע פײגל, װאָס האָבן צום ערשטן מאָל דערזען גאָטס װעלט.

רחלע האָט אױסגעטון איר שטאָטיש בלוזקעלע, מיט װעל־זי האָט זיך איצט געדאַרפט אױף לאַנגע צײטן שײדן און עס . . ר טוישן אױף דער חלוצישער גראָבער פעלד־בלוזע. אין דער טוב־קעלער קאַמער האָט אַ שימער געטון יונג־מײדלש לײב און אַ שטײפער יונגפרײלעכער בוזעם. די קאַמער איז פול געװאָרן מיט

עפּעס אַזאַ רייצנדיקן ריח פון פרויען-לייב, וואָס פאַרשיכורט און מאַכט ווילד.

רחלע האָט אַ גאַנץ געטון אויף זיך קאַלט וואַסער און האָט אַריינגעשטעקט די פיס אין פולן עמער. זי האָט פּונקט ווי ביי זיך אין שטוב געוואַשן די פיס ביז איבער די קניען און איר ברוסט ביז אונטער די אָרעמס.

זי האָט זיך פּלוצלינג דערמאַנט אָן טאַטן. ער זיצט אוודאי אין שטוב, דער אַלטער, און טראַכט וועגן איר, צי זי איז שוין אָנגעקומען אין דער פערמע און וואָס זי טוט איצט דאָרט... עס האָט זי אַרומגענומען אַזאַ רחמנות צום טאַטן. ער איז איצט נעבעך איינזאַם און פאַרלאָזן .. זינט די מאַמע איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן, פאַרברענגט ער זיינע טעג אין טרויער און איינזאַמקייט... די דינסט מיט דער אַלטער באָבען פירן דאָס באַלעבאַטישקייט, און ער מיט שלום וואַרשעווער און שרהלע די סקלעפּאָווע, ביידע אָנגעשטעלטע, — פירן די קראָם. הע, זי האָט נישט גוט געטון... אַזאַ דערוואַקסענע טאָכטער פאַרטרעט שוין ביי לייטן פרעמדע, געצאָלטע מענטשן און פירט שוין אַליין דאָס געשעפט. פאַרוואָס איז זי אַוועק? צי האָט דער טאַטע, וואָס האָט אַזוי פיל געלט, לעבן און מי פאַר איר אַוועקגעגעבן, ט קיין רעכט אויף איר? פאַרוואָס האָט זי אים פאַרלאָזט? ווי אומדאַנקבאַר קינדער זענען...

עס איז איר געוואָרן אַזוי טרויעריק אויפן האַרץ, עפּעס אַזאַ שווערקייט האָט איר גענומען דריקן אויפן געמיט, אָט-אָט וועט זי זיך צעוויינען. אָבער באַלד האָט זי זיך פולשטענדיק באַהערשט. וואָס? זי, דער דערוואַקסענער מענטש, האָט נישט קיין רעכט צו באַשטימען איר אייגענעם גורל? זי איז דאָך נישט קיין טויטע זאַך, מיט וועלכער מען מאַכט, וואָס מען וויל. זי איז דאָך אַ לעבעדיקער מענטש מיט פאַרלאַנגען, געפילן און אַלע אַנדערע מענטשלעכע שוואַכקייטן. זי איז אַ יונג מיידל, וואָס איז שוין שיינע עטלעכע יאָר אַ רייפע פרוי און פול מיט בענקשאַפט נאָך גליק און ליבע. זי בענקט נאָך עמעצן, וועמען זי זאָל מיט אַלע אירע חושים באַגערן און וועלכער זאָל זי מיט זיין מענערישקייט און

דרייסטקייט באַצווינגען און מאַכן פאַר זיינער... וואָס? זי האָט נישט קיין רעכט אויף זיך אַליין?

זי דערמאָנט זיך פּלוצלינג אָן דעם יונגן ציוניסטישן רעדנער, וואָס האָט זי צום ערשטן מאָל אין לעבן פאַרטשעפּעט אַלס פרוי און האָט זיך מיט בלויז עטלעכע ווערטער שוין דערגרונטעוועט צו אירע אינטימע מיידלשע געדאַנקען. ער וועט אוודאי אַמאָל קומען אַהער... אָדער אפשר וועט זי דאָ אין דער פּערמע צווישן די עטלעכע יונגע חלוצים געפינען איר אויסגעטרוימטן באַשערטן?... יאָ, ווי אומאַנגענעם עס זאָל איר נישט זיין, מוז זי זיך אַליין אין געדאַנק מודה זיין צו עפּעס: דאָס גאַנצע שטרעבן אירס קיין ארץ־ישראל, דאָס גיין אויף הכשרה, דאָס פאַרלאָזן די קליינשטעטלדיקע היים מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן האָט, אַ חוץ אַלע אַנדערע, — נאָך אַ סיבה. זי ווייסט עס שוין איצט גענוי: דאָס איז דער דראַנג נאָך ליבע, נאָך אַ טייערן, אויסגעבענקטן מענטש, וואָס זאָל זיך בלויז איר ווידמען און זי ליב האָבן, ליב האָבן אָן אַ גרענעץ, אָן אויפהער און זאָל זי פאַרשלינגען אין זיך...

פּלוצלינג איז זי עפּעס אַזוי אומרויִק געוואָרן. ס'איז איר מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי פיינלעך, וואָס זי זיצט דאָ אַליין אין דער טונקל־באַלויכטענער קאַמער; אַליין און כמעט נאַקעט. זי האָט זיך פּלוצלינג דערפילט אַזוי אומהיימלעך און עס האָט זי באַהערשט עפּעס אַזאַ אומגעאַנטע שרעק, ווי עס וואָלטן הונדערטער אומזעבאַרע ווענזס געמוסטערט איר נאַקעט לייב מיט טיפע, דורכדרינגלעכע אויגן.

זי האָט זיך דערמאַנט, וואָס זי האָט אַמאָל געהאַט געלייענט וועכן געדאַנקען־איבערטראָגונג אָדער פּלוצלינגדיקער אַנונג וועגן עפּעס אַן אומבאַקאַנטן מענטש אָדער זאַך, און עס איז איר געוואָרן זייער אומהיימלעך און שווער אויפן געמיט. זי האָט אַזש גענומען ציטערן פאַר שרעק און האָט אינסטינקטיוו אַ פאַרשטעל געטון מיט די הענט איר רונדע, נאַקעטע ברוסט, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט שיצן פאַר עמעצנס נאָענטער צודרינגלעכקייט. זי האָט זיך שנעל גענומען אַרומווישן דאָס נאַסע לייב און די פיס

און האָט זיך אָנגעהויבן צוריק אָנטון. דאַן האָט זי זיך אויפגעשטעלט און אַ וואָרף געטון דאָס האַנטוך אויפן הויכן האָק פֿײַם פענסטער. דאָס האַנטוך האָט זיך נישט ריכטיק פאַרטשעפּעט און איז צוריקגעפאַלן. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, כּדי גוט צו צילן, אָבער פּלוצלינג איז זי אַזש אומגעפאַלן פאַר שרעק. אינסטינקטיוו האָט זי אַ וואָרף געטון אירע בײדע שלאַנקע הענט, ווי צוגויפגעלייגט אין אַ קרייץ, אויף אירע נאַקעטע, שפּראָצנדיקע ברוסטן און אַ ספּאַזמאַטישער קוויטש, פול שרעק און איבעראַשונג, האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר האַלז.

אין רונדן אויסשניט פון הויכן קאַמער-פענסטערל האָט זי פּלוצלינג דערבליקט אַ פּאָר גרויסע, דורכדרינגענדיקע אויגן פון אַ מאַן. זיי האָבן געקוקט מיט איבעראַשונג און פאַרגאַפטקייט, ווי זיי וואָלטן דאָ דערזען אַ ניי, אומגעאַנטע וועלט, ווי זיי וואָלטן דערבליקט עפּעס אַ גרויס, אויסגעבענקט גליק. זיי האָבן געקוקט מיט אַזאַ ווייכקייט און שטיל געבעט, ווי זיי וואָלטן אויסגעגאַנגען אין אַ גרויסן ווייטיקלעכן עקסטאַז און אין זיסער פאַרגעסנקייט. זיי זענען געבליבן אַזוי הענגען אין ברייטן קאַמער-אויסשניט, אפילו ווען רחלע איז שוין געלעגן כּמעט אַ האַלב-פאַרחלשטע פון שרעק און ציטערנדיק אויפן גאַנצן קערפּער — ספּאַזמירט. ערשט ווען די אויפגעוועקטע חלוצים און חלוצות און שיִע גראַבליע מיט דער בייטש זענען פאַרשלאָפענע און צום טויט-דערשראָקענע געקומען צו לויפן אין קאַמער אַרײַן — זענען די אויגן פאַרשוווּנדן.

— וואָס איז דאָ געשען, רחלע? — האָט שרהטשע, הערשנאָטע דעם געלעזערס, די ערשטע אַ שפּרונג אַרײַן געטון צו רחלען. — באַרוּיקט אייך, כ'בעט אייך.

זי האָט שנעל אַ פאַרהיל געטון איר נאַקעט לייב און זי אַ הייב אויף געטון פון דער ערד.

— אָרים קינד, — האָט שיִע גראַבליע, אַ געריטער, געזאָגט. — וואָס איז אייך, זאָגט, כ'בעט אייך. ס'האָט אייך עמעצער עפּעס געטון, זאָגט, וועל איך אים אַ פּוס אונטערהאַקן...

— ס׳איז גאָרנישט, — האָט רחלע קוים געשעפּטשעט, — כ׳האָב מיך עפּעס אַזוי איבערגעשראָקן. ס׳האָט זיך מיר אפשר אויסגעדאַכט...

— וואָס האָט זיך אייך געדאַכט? — האָט חבר יאָסל שעכ־טער, מעשה־מנהל, הויך אַ פרעג געטון.

רחל האָט אַראָפּגעלאָזט דעם בליק.

— גאָרנישט. נאַרישקייטן... כ׳האָב מיך געוואַשן, און דאָ גיב איך פּלוצלינג אַ קוק צום דאָזיקן אָפענעם פענסטערל, זע איך אַ פּאָר אויגן... מען קוקט אויף מיר... ס׳האָט זיך מיר אוודאי בלויז אויסגעדאַכט. כ׳בין אַזאַ דערשראָקענע...

חבר שעכטער האָט אַ וואָרף געטון אַ פאָרשנדיקן און דורכדרינגענדיקן בליק אויף די פאַרזאַמלטע בחורים.

— חברה, אַלע זענען דאָ?

אַלע זענען געווען. אַלע האַלב־נאַקעטע און פאַרשלאָפענע. קיינער פון זיי האָט נישט געקאָנט איצט זיין אין פינסטערן דרויסן און קוקן דורכן פענסטער צו רחלען אין קאַמער.

— ס׳האָט זיך איר פאַרגלוסט צו וואַשן די פיס — האָט די חברה פעלדשטיין אומצופרידן געברומט.

— ס׳זאָל מיר שוין געהערן צו יענעם יאָר, — האָט שיע גראַבליע אַ זאָג געטון, — ס׳אַ נאַכט היינט פון יענע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר. עפּעס האָט מיר דער שטן די נאַכט דאָ געקריגן דעם קאַטער. אַפּשיק!... ס׳זאָל מיר שוין זיין אַן אָפּקומעניש פאַר מיינע זינד. כ׳האָב שוין, ווי צ׳זעט מיך אַ לעבעדיקן, מורא צו גיין אין שייער אַריין. כ׳קאָן נאָך דאָרט ווערן אַ סלופּ זאַלץ, אַזוי ווי לוטס ווייב, און ואיננו, נישטאָ שיע גראַבליע. מיין יידע־נע וואָלט מיך דערהרגעט, ווען איך טו איר אָפּ אַזאַ גראַנדע... אַ גוטע־נאַכט, חברה־לייט. לאָז שוין פון איצט אָן זיין דאָס גוטע.

די גראָבע ביילע און שרהטשע הירש־נאָטעס האָבן אַ נעם געטון רחלען, איר געהאָלפן זיך איינהילן און זי אַריינגעפירט אין דער גרויסער שלאָף־שטוב.

יאָסל שעכטער האָט אַ יאָג געטון די חברה צוריק אויף די געלעגערס און באַלד איז אַלץ ווידער געלעגן אין טיפן שלאָף. בלויז רחלע איז נישט געשלאָפן. זי האָט געהערט ווי דער הונט האָט שטיל און טרויעריק געבילט, ווי ער וואָלט געוואָלט אָפּיאָגן פון זיך עפּעס אַ גרויסע שרעק. און זי האָט מיט אויפגעריסענע אויגן געקוקט אין דער שוואַרצער טונקלקייט אַרום.

4

אויף צומאָרגנס האָט זיך געשטעלט אַ הייסער, ליכטיקער טאָג. די זון האָט זיך מיט עפּעס אַ מין באַזונדערער פייערלעכקייט באַוויזן אויפן מזרח־האָריזאָנט, ווי זי וואָלט איצט געקומען פון ערגעץ אַ ווייט אויסגעחלומט לאַנד, אַ פרישע, אַן אויסגערוטע, ברענגענדיק מיט זיך אַ פרייד און אַ ליכטיק גליק פאַר די נאַר־וואָס אויפגעוואַכטע מענטשן, וואָס וועלן באַלד אָנהייבן זייער טעגלעך געיעג נאָך ברויט, גליק און פרידן.

די חלוצים זענען היינט ספּעציעל פרי אויפגעשטאַנען. דער ערשטער שניט־טאָג האָט געוועקט. זיי האָבן באַגינען שוין געהאַט פאַרגעסן אין אַלץ, וואָס ס׳איז נעכטן געשען. רחלע איז אויך געווען צווישן זיי. זי האָט געטראָגן אַ פּראָסטע גראָבע בלוזע, מיט שוואַרצע שיך און אַ לאַנגער גראַביע אין די שמאָלע, איידעלע הענט.

שיע גראַבליע איז שוין אַ שטיק פאַרטאָג געהאַט אָפּגעפאָרן אין שטאָט אַריין. רחלע האָט מיט ווייטיק אַ טראַכט געטון, אַז שיע וועט אוודאי פאַרציילן איר פאָטער וועגן אַלץ, וואָס עס האָט פּאַסירט, און אים פאַרשאַפן אומזיסטע עגמת־נפש.

יאָסל שעכטער האָט פאַרגעלייגט רחלען, זי זאָל היינט נישט מיטגיין אין פעלד אַריין. מען גייט שניידן די תבואה, ס׳איז אַ שווערע אַרבעט. רחלע האָט אָבער בשום אופן נישט געוואָלט מסכים זיין.

— איך וויל נישט זיין קיין אויסנאַם, חבר שעכטער, — האָט זי פריילעך געזאָגט, — איך וויל זיין מיט אַלע גלייך.

— איר זענט אָבער דאָ דעם ערשטן טאָג און עס וועט אייך שווער זיין.

— דאָס איז גאָרנישט, חבר. וועט מיר מאָרגן, דעם צווייטן טאָג, שוין זיין גרינגער.

זי איז געגאַנגען מיט אַלע אין דער רייע און מיטגעזונגען דאָס פריילעכע חלוצים-ליד:

תּן, תּן כּתף עצום העניים
ברקודנו ננצח את הכּל
פּתח את פּיך בשיר ובקול...

זי האָט אַלעמאָל געמוזט טוישן דעם פוס, כּדי נאָכצוהאַלטן שריט, אָבער זי איז נישט געבליבן הינטערשטעליק.

דאָס גרויסע חלוצישע פעלד, וואָס דער פריץ האָט דער קבוצה אָפּגעגעבן, איז געלעגן איינגעטונקט אין גאָלד פון דער העלער אויפגייענדיקער זון. אַ קיל פרימאָרגן-ווינטעלע איז שנעל, שנעל געלאָפן איבער די רייפע, פולע קעפ פון די גאָלדענע זאַנגען און זיי שטיפעריש געבויגן אין אַלע זייטן. די מיט ברויט און זעט באַלאָדענע זאַנגען האָבן זיך הכנעהדיק און פול מיט חן געבויגן און געבוקט פאַר דער גאָלדענער אויפגייענדיקער זון, ווי זיי וואָלטן אָפּגעגעבן אַ לויב צו גאָט פאַר דער רייפקייט און פולקייט, מיט וועלכער ער האָט זיי באַשענקט.

חבר שעכטער האָט יעדן צעשטעלט אויף זיין אָרט. צו יעדע צוויי חברים-שניטערס, — צוויי חברות-אויפקלויבערינס, און די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן.

רחלע מיט דער חברטע ביילע זענען צוגעטיילט געוואָרן צו שעכטערן מיט יאַשקען.

די יונגען האָבן אַ פאָר געטון מיט די לאַנגע, גלאַנצעדיקע קאָסעס און די זאַנגען האָבן אָנגעהויבן פאַלן אין הויכע, פולע קו-

פּעס. בּערגעלעך, בּערגעלעך, ווי טויטע אויף עפּעס אַ ליכט
און פריידיק שלאַכט־פּעלד.

בּיילע מיט רחלען זענען נאָכגעגאַנגען שריטווייז, שריי
ווייז און מיט לאַנגע גראַביעס צונויפגעשאַרט די געפאַלע
זאַנגען און זיי צוזאַמענגעבונדן אין ברייטע, הויכע בּינטן. בּיי
איז געגאַנגען מיט איר געזונטן, פעסטן גאַנג, געהויבן און גו
בּונדן די בּינטן. זי האָט נישט געפילט קיין שום מידקייט. דאָ
קילע ווינטעלע האָט איר געגלעט דאָס פּנים און אָפּגעקילט דע
שווייס, וואָס האָט זיך געפּערלט אויף איר בּרייטן שטערן.

רחלע איז לאַנגזאַם און שווער סאָפּענדיק נאָכגעגאַנגען א
בּערן בּרייטן געשניטענעם פעלד, וואָס האָט אונטער די געפאַל
נע זאַנגען אויסגעזען, ווי אַ טויטע גאַנז, וואָס מען האָט אויסג
צופּט די פּעדערן. זי איז געווען מיד שוין בּיי די ערשטע פּ
בּינטן, וואָס זי האָט צונויפגעזאַמלט. די פּלייצעס האָבן איר ווי
געטון פון כסדרדיקן בּייגן זיך צו דער ערד און דער שווייס א
פון איר גערונען טראָפּנווייז, טראָפּנווייז. זי האָט אַלע מאָל
וויש געטון דאָס פּנים מיט דער האַנט, אַ היץ האָט אַרומגענומ
איר גאַנצן קערפּער און זי האָט מיט אַלע כוחות דאָך ווייטע
געאַרבּעט. זי האָט שוין עטלעכע מאָל זיך געוואָלט אָפּשטעלן, כ
זיך אָפּצורוען, אָבּער זי האָט זיך געשעמט פאַר די איבּעריק
חברים און חברות, וועלכע האָבּן אינטענסיוו געשניטן און גע
קליבּן די זאַנגען.

פלוצלינג האָט חבר שעכטער אַ וואָרף געטון די קאָסע א
אַ הייב געטון די הענט.

— אָ, מיר בּאַגריסן, מיר בּאַגריסן! אַ גוט־מאָרגן איין
פּאַניע דזשעדזשיצו.

פונדערווייטנס איז אָנגעקומען דער פּריץ. ער איז געגאַ
גען מיט פעסטע, מענערישע טריט און בּיי זיין זייט איז נאָכגג
גאַנגען עפּעס אַ הויכער יונגערמאַן מיט געדיכטע, בּלאָנדע האָ
וואָס האָבּן כסדר געפלאַטערט אין ווינט און געפלויגן אויף אַלי
זייטן.

— חברים, — האָט שעכטער שטיל אַ זאָג געטון, — דע

פריץ קומט אָן מיט עמעצן. שטעלט אַ ווײַלע אָפּ די אַרבעט. ער וויל אוודאי מיט אונז רעדן.

די גלאַנציקע קאָסעס האָבן מיט איין מאָל אַ גיי געטון אין דער ערד און די מיט שוויס־באַגאָסענע און אַראָפּגעבויגענע מיידלעך האָבן אַ וואָרף געטון די גראַביעס און אויסגעגלייכט די רוקנס.

דער פריץ האָט זיך באַגריסט מיט די חלוצים און פאָרגעשטעלט דעם בלאָנדן יונגמאַן.

— מיין זון, — האָט ער שמייכלענדיק געזאָגט, — אַ סטודענט־אַגראָנאָם. ערשט נעכטן צוריקגעקומען פון דער גרויסער שטאָט. ער וועט דאָ פאַרברענגען דעם אורלויב. אַ גאַנץ יאָר ווייער שווער געאַרבעט. כ׳האָב אים דערציילט וועגן די יידישע חלוצים, וואָס אַרבעטן ביי מיר, איידער זיי גייען קיין פאַלעסטינע, און ער — דווקא ער וויל זען, ווי יידן אַרבעטן אויפן פעלד. באַקענט אייך.

דער יונגער דזשעדזשיץ האָט האַסטיק געמאַכט אַ שריט פאָראויס און אָנגעהויבן איטלעכן דערלאַנגען די האַנט.

ווען ער איז צוגעקומען צו רחלען האָט ער איר עפּעס אַזוי נערוועז און ציטערנדיק אַ דריק געטון די האַנט און אַראָפּגעלאָזט דעם בליק. רחלע האָט אים אַ קוק געטון אין געזיכט און אַ ווייטיקלעכער און זיסער ציטער איז איר אַריבער איבערן לייב...

גאָט, די אויגן. דאָס זענען דאָך די אויגן... זי האָט דאָך זיי שוין געזען...

זי האָט דורכדרינגענדיק אַ קוק געטון אויף אים. אַ קאָפּ לאַנגע פלאַקסענע האָר און צוויי גרויסע העלע אויגן, וואָס קוקן דרייסט, אָבער דאָך אַ ביסל אומזיכער. ער האָט פעסט געהאַלטן רחלעס האַנט און זיין העפלעך שמייכעלע איז פלוצלינג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ווייטיקלעכער גרימאַסע. ער האָט איינגעגראָבן זיין בליק אין אירן און עטלעכע לאַנגע סעקונדעס געקוקט אויף איר פול מיט ווייזמוט און שטילן טרויער.

דאָס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט. ער האָט זיך פלוצ־

לינג דערמאַנט, ווו ער געפינט זיך, און ער האָט ווייטער גענו־מען זיך פאַרשטעלן פאַר די איבעריקע חלוצים.

— רחלע, — האָט פּלוצלינג ביילע געגעבן אַ שטאַרקן גע־שריי און אַ שטויס געטון רחלען, — זע נאַר, רחלע, די האַנט. ואָס איז זי דאָך... די זעלבע האַנט מיטן טונקעלן ווייכן מאַנקעט און דעם רינג מיטן שוואַרצן שטיין... רחלע, דאָס איז ער דאָך, וואָס האָט אונז באַלויכטן מיטן לעמפּעלע אויפן וועג און אונז אַזוי איבערגעשראָקן...

— יאָ, — האָט רחלע טרויעריק געזאָגט, — דאָס איז ער... דידאָזיקע אויגן האָבן מיך אַזוי פאַרעקשנט געמוסטערט דורכן פענסטערל אין דער קאַמער. גאָט, ווי דורכדרינגענדיק און טרויע־ריק זיי זענען...

זי האָט אַ קוק געטון אויף אים. ער איז איצט געשטאַנען מיט זיין פעטער, דעם פריץ, און חבר שעכטער אַ ביסל אָפּגע־רוקט פון אַלע און געשמועסט.

— יאָ, — האָט דער פריץ שמייכלענדיק געזאָגט צום זון, — כ׳האָב מיך אַבסאָלוט נישט גענאַרט, סטעפאַניע. שכנים און באַ־קאַנטע האָבן מיך אָנגעשראָקן, אַז ייִדן ויגן נישט צו ערד־אַר־בעט, אָבער איצט קאָן איך וועגן אָט די יידישע כלאָפּצעס און מיידלעך זאָגן בלויז גוטס. זיי זענען פעיקע און מוסטערהאַפטע אַרבעטער. זיי אַרבעטן נישט בלויז מיט די הענט, נאָר אויך מיט קאָפּ. און יעדע אַרבעט, זון מיינער, מעג עס זיין פעלד־אַרבעט אפילו, מוז אויך האָבן קאָפּ, נישט בלויז פיזישן כוח. פאַר־שטייסט?

— יאָ, כ׳פאַרשטיי, — האָט סטעפאַן געזאָגט אַ פאַרטראַכ־טער און געפּרוּווט בגנבה אַ בליק טון אויף רחלען.

חבר שעכטער איז געווען זייער צופרידן.

— אָ, מיר דאַנקען אייך זייער פאַר דער אָנערקענונג, הער פריץ, — האָט ער אַ דערפרייטער געזאָגט. — מיר אַרבעטן, ווי עס וואָלט באמת געווען אונזער פעלד, ווייל מיר ווילן אַזוי אַרום היימיש ווערן מיט דער מאַמע־ערד און זיך צוגרייטן פאַר אונזער צוקונפטיק לעבן אין ארץ־ישראל.

— אין ארץ־ישראל? — האָט סטעפאַן ווי סתם אַזוי אַ פרעג געטון.

— יאָ — אין ארץ־ישראל, זון מײַנער, — האָט דער פריץ באַשטעטיקט. — כ׳האָב פיל פאַרשטענדעניש פאַר דידאַזיקע מענטשן. אָרימע, זיי ווערן לעצטנס אומעטום אַזוי שטאַרק געפּײַניקט און פאַרפאָלגט ווי ווילדע חיות... פאַרוואָס? מען וואַרפט זיי פאַר שנאה צו אַרבעט. אַדרבה, זע, ווי זיי אַרבעטן.

— עס פעלט זיי אָבער פעסטער באָדן אונטער די פיס, — האָט סטעפאַן שטיל געזאָגט.

— דער עיקר — פעסטער באָדן אונטער די פיס, — האָט שעכטער טרויעריק איבערגעחזרט.

פלוצלינג האָט זיך סטעפאַן עפּעס דערמאָנט.

— פאָטער, קום, לאָמיר גיין, — האָט ער לעבהאַפט געזאָגט, — איך מוז נאָך הײַנט זײַן אין שטאָט בײַ די שאַניאַווסקיס און פאַרנאַכט וויל איך נאָך זײַן צוריק, קום, פאָטער.

ער האָט פרײַנטלעך אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ צו די אַרבעטנדיקע יונגעלײַט און ביידע, דער טאַטע מיטן זון, האָבן זיך געלאָזט צוריק אין גוט אַרײַן.

רחלע האָט אַ פאַרטראַכטע און טרויעריקע אויסגעדרייט דעם קאָפּ און נאָכגעקוקט די אַוועקגייענדיקע. זי האָט זיך פלוצלינג ווידער צונויפגעטראָפן מיט סטעפאַנס גלעטנדיקן און טרויעריקן בליק. אַ פאַרשעמטע, ווי עס וואָלט זי עמעצער געכאַפּט בײַ אַ פאַרברעכן, האָט זי שנעל אַ דריי אַוועק געטון דעם קאָפּ און מיט ברען גענומען זאַמלען די געפאַלענע זאַנגען.

— זע, בײַלעשי, — האָט זי פריידיק אַ געשריי געטון, — דו גראַבלסט זיך נאָך, און איך האָב שוין אין די עטלעכע מינוט געמאַכט אַזאַ ריזיקן בינט. זעסט, ווי כ׳קאָן שוין אַרבעטן אין פעלד?

זי האָט אַ צעשטראַלטע, ווי באַהערשט פון עפּעס אַ פלוצלינגדיקער פרייד, אַ פאַל־צו געטון צו דער גראַבער בײַ־

לען, זי שטורמיש געטון אַ נעם אַרום און זי הייס און לאַנג געקושט...

ביילע איז געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפטע. אויף אַזעלכעס האָט זי זיך קיינמאָל נישט גערעכנט. זי האָט אַ פאַרוווּנדערטע אַ קוק געטון רחלען אין צעשטראַלטן געזיכט, אַ ווײַלע האָט זי זיך פאַרקלערט, נאָכדעם האָט זי זיך האַסטיק אויסגעדרייט און אַ פאַרטראַכטע לאַנגזאַם גענומען הייבן די געפאַלענע זאַנגען.

די זון, אַ צעשטראַלטע, אַ ליכטיקע, איז שוין געשטאַנען הויך אויפן הימל און שפּעדיק, ווי מיט פולע הויפנס געשיט העל און פריידיק גליק אויף די קעפּ פון די צעזונגענע, אַרבעטנדיקע יונגע מענטשן.

5

פאַרנאַכט, נאָכן ערשטן טאָג אַרבעט, איז רחלע אַהיימגע־קומען אַ מידע און צעבראָכענע. זי איז אַ פאַל געטון אויפן בעטל און געבליבן ליגן ווי געליימט אויף אַלע גלידער. יעדעס אבר האָט איר וויי געטון. פון כסדרדיקן בייגן זיך צו דער ערד נאָך די געפאַלענע זאַנגען, האָט איר דער רוקן געשטאָכן ווי מיט נאָד־לען. זי האָט זיך נישט געקאָנט אויסגלײַכן און איז נישט גע־ווען אימשטאַנד צו באַוועגן מיט אַ גליד. די שלייפן האָבן איר געהאַקט ווי מיט האַמערס און דער קאָפּ האָט איר שטאַרק וויי געטון.

יאָסל שעכטער האָט תיכּף באַפוילן דער חברטע דינה, וואָס האָט דער עיקר געפירט די קיך און די באַלעבאַטישקייט אין קבוץ, זי זאָל דערלאַנגען רחלען הייסע מילך און איר צולייגן אַ נאַס טיכל צום קאָפּ.

— חברה רחל, — האָט ער געזאָגט, — איר מוזט היינט גיין פרי שלאָפן און מאָרגן וועט איר נישט גיין אין פעלד אַריין אַרבעטן, ביז איר וועט קומען צו זיך נאָך דער ערשטער אָנשטרענגונג.

אַ גאַנצע נאַכט האָט רחלע שטאַרק געקרעכצט און נישט געקאָנט איינשלאָפן, און אויף צו מאָרגנס באַגינען, ווען אַלע זענען אויפגעשטאַנען מיט געזאַנג און זיך פריידיק געלאָזט מיט קאָסע און גראַביע אין פעלד אַריין צו דער אַרבעט, איז רחלע געלעגן אַ טרויעריקע און פאַרזאָרגטע און נישט געקאָנט באַוועגן מיט קיין גליד.

— חברטע דינה, — האָט רחלע טרויעריק געזאָגט, — עס גלוסט זיך מיר נישט צו בלייבן דאָ ליגן איינע אַליין אין שטוב. כ׳וועל מיך פילן איינזאַם און פאַרלאָזט.

— וועסט זיך נישט פילן פאַרלאָזט, רחלע, — האָט דינה מיטפילנדיק געענטפערט. — אַרום צוועלף בייטאָג וועל איך קומען צו דיר אַ קוק טון און דיר עפּעס דערלאַנגען.

רחלע איז געווען איינגעדעקט מיט אַ גראָבער קאָלדרע און זי האָט פונדעסטוועגן אַזש געציטערט פון קעלט. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי שפירט נישט קיין שום אבר, נישט קיין פוס, נישט קיין האַנט, ווי זיי וואָלטן איר געווען אָפּגענומען. זי האָט געפרוווט שלאָפן, אָבער אויך דער שלאָף האָט זי נישט גענומען פון מידקייט און צעבראָכנקייט.

זי איז פון צייט־צו־צייט אַריינגעפאַלן ווי אין עפּעס אַ האַלב־שלאָף, האַלב־דרימל און ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז אָט פליט זי ערגעץ הויך, אונטער בלויע הימלען. עס וויגן זיך גאָלדענע זאַנגען אויף ברייט־צעוואַקסענע פעלדער. די זאַנגען בוקן זיך מיט אַ געמורמל צו דער זון און אָט קומט עמעצער מיט אַ בלויען מאַנקעט ביים אַרבל און אַ גאָלדענעם רינג מיט אַ שוואַרצן שטיין אויף דער האַנט און ער שניידט די רייפע זאַנגען פון פעלד. ער טרינקט זיך אָן מיט זייער פרישן דופט און זעטיקט זיך מיט זייער רייפער אויסגעשטאַנענקייט. פּלוצלינג דערזעט זי אַ פּאָר אויגן, העלע אויגן, וואָס קוקן אַזוי טרויעריק און פאַרחלומט און דרינגען דורך אַזש ביז צו די טיפענישן פון האַרץ... ווער זענען די אויגן? אָ, זי קען זיי דאָך שוין. זיי זענען אַזוי האַרציק און ליב און דאָך אַזוי פרעמד און ווייט...

עס גייט איר אַזש אַדורך אַ ציטער איבערן גאַנצן לייב און זי כאַפּט זיך אויף אַ באַגאַסענע מיט שווייס.

אָבער וואָס איז דאָס? חלומט זי נאָך, אָדער איז זי שוין טאַקע וואַך? זי קוקט מיט ברייט-געעפנטע אויגן פאַר איבערראַשונג. זאָל זי שרייען? ניין. עס דראָט איר נישט קיין שום שלעכטס. זי ועט עס שוין באַשיינפּערלעך און זי פילט עס מיט איר איינגעבוירענעם פרויען-אינסטיקט. סטעפאַן... אַ טרויעריקער מיט אַזוי פיל ליבשאַפט אין זיינע העלע, גרויסע אויגן, שטייט פאַר איר בעט און קוקט אויף איר.

ער האָט שוין געוווּסט, אַז זי איז קראַנק, ווייל ער האָט זי נישט געזען אין פעלד און ער איז, אַ צעצאַפּלטער פון פרייד און דערוואַרטונג, געקומען צו לויפן אין קבוץ אַריין, כדי אַ קוק צו טון אויף איר.

— ראַכעלאַ, — זאָגט ער אַ פאַרשעמטער, ווי עס וואָלט אים עמעצער געכאַפּט ביי אַ גנבה, — זייט נישט בייז, וואָס איך בין געקומען אַהער. איך בין נישט שולדיק.... איר האָט מיך פאַרכישופט מיטן טרויעריקן גלאַנץ פון אייערע בלויע אויגן און מיך פאַרפלאָנטערט אין געדיכטן וואַלד פון אייערע שוואַרצע האָר... זייט נישט בייז, קינד פון דער ווייטער, גרויסער שטאָט און פון דער פרעמדער סביבה...

רחלען האַקט דאָס האַרץ ווי מיט טויזנטער האַמערס, אָבער זי איז רויִק און באַהערשט. זי פּרוּווט זיך אויפזעצן אין בעטל, אָבער עס איז איר שווער. זי פּרוּווט זיך אונטערלענען מיט אַ האַנט, אָבער זי קאָן מיט איר נישט באַוועגן. סטעפאַן לויפט שנעל צו. ער דערלאַנגט איר זיין האַנט. עס לויפט אים אַדורך אַן עלעקטרישער שטראָם צווישן די פינגער און דאָס האַרץ קלאַפּט אים האַסטיק. רחלע איז כמעט מאַכטלאָז פון זיסן תענוג.

— דאָס האָט איר מיך אַזוי באַלויכטן אויפן שאָסיי מיט אייער עלעקטריש לעמפּל און מיך אַזוי געמוסטערט פון קאָפּ ביז די פיס אין דער קאַמער? — זאָגט זי מיט פאַרשעמט-אַראָפּגעלאָזטע בליקן און אירע הענט ציטערן.

— יאָ, טייער קינד, — זאָגט סטעפאַן פלוצלינג אַזוי מענע־ריש־דרייסט, — איך בין עס געווען. דידאָזיקע פינסטערע נאַכט אויפן שאַסיי איז פאַר מיר געווען דער ערשטער ליכטיקער שטראַל אין מיין לעבן, ווייל כ'האָב אייך דערזען...

— אָבער וואָס האָט איר עפּעס געטון אין אַ פינסטערן אָוונט אויף אַ מיטן שאַסיי אין אַ פינסטערן וואַלד? — ווערט שוין רחלע מונטערער און זי פאַרגעסט אויף אַ ווײַלע אירע ווייטיקן.

— עפּעס אַ העכערע קראַפט, וואָס איך קאָן מיר אַליין נישט דערקלערן, — זאָגט סטעפאַן שטיל, — האָט מיך אַהינגע־פירט. מיין פאָטער, וואָס באַציט זיך פשוט מיט ברידערלעכער לי־בע צו אייערע חלוצים, האָט מיר נעכטן, גלייך נאָך מיין קומען אַהער, דערציילט, אַז אין אָוונט וועלן קומען דריי פרישע מייד־לעך אין אייער קבוץ אַריין און מיין האַרץ האָט מיר באַלד גע־זאָגט, אַז אין דערדאָזיקער נאַכט וועט קומען מיין גליק...

רחלע ווערט טרויעריק.

— אייער גליק? און מיר זענען דאָך אַזוי ווייט און פרעמד איינס פון אַנדערן.

— פרעמד, ווייט — זאָגט איר? איך האָב אויך אַזוי גע־מיינט. מיין גאַנץ ביז־איצטיק לעבן איז געווען אויסגעפילט מיט אַט דעמדאָזיקן געדאַנק. און ווען איך טראַכט איצט דערפון, נאָכ־דעם ווי איך האָב אייך דערזען, מוז איך אַראָפּלאָזן די אויגן פאַר חרפה און כעס צוליב מיין ביז־איצטיק דענקען און באַציִונג צו יידן און כעס אויף די מענטשן און דער סביבה, וואָס האָבן מיך דערצו דערפירט.

— אַהאַ, — זאָגט רחלע טיף באַוועגט, — איר האָט יידן געמוזט אָנטון נישט ווייניק צרות... איצט האָט איר דערזע אַ שיין פנימל פון אַ יידישקע און איר ווילט שוין ווערן אַ בעל־תשובה...

רחלע פילט, אַז זי האָט זיך צו שאַרף אַרויסגעזאָגט, אַז סטעפאַן איז שטאַרק געטראָפן, אָבער זי קאָן שוין נישט צוריקציִע אירע ווערטער.

סטעפאַן פּאַרלירט מיטאַמאָל זיין גאַנצע דרייסטקייט. ער ווערט בלאַס און לאָזט אַראָפּ די אויגן. אַ ווײַלע זענען ביידע שטיל. קיינער געפינט נישט קיין ווערטער, מיט וואָס איבערצוּ רייסן די פּיינלעכע שטילקייט. ביידע פילן דאָס האַסטיקע קלאַפּן פון זייערע הערצער.

ענדלעך קומט סטעפאַן אַ ביסל צו זיך. ער באַהערשט זיך. ער כאַפּט אָן רחלעס האַנט און גיט זי נערוועז אַ צי־צו צו זיינע ליפּן.

— זייט נישט בייז — זאָגט ער — פאַר מיין געוואַגטקייט. איר באַצווינגט מיט אַ חוץ מיט אייער שיינקייט — אויך נאָך מיט אייערע דרייסטע רייד... איר זענט מיר איצט געוואָרן אַזוי נאָענט, ווי אַ מוטער, פון וועלכער איך האָב קיינמאָל נישט גע האַט דאָס גליק צו הערן אַ האַרציק מוטערלעך וואָרט.

— איר האָט נישט קיין מוטער? — פרעגט רחלע גערירט און זי לאָזט גלעטן איר האַנט דורך זיינע. — אָרימער...

זי פילט, ווי די אויגן פאַרלויפן איר מיט אַ נאַסן טוי, אָט ווערט זי אַרויס מיט אַ האַרציק און שטיל געוויין...

— ניין, איך האָב נישט קיין מוטער, — זאָגט סטעפאַן. זי איז געשטאָרבן נאָך אַ שווערער קראַנקהייט. איך געדענק קוים פון מיינע פריע קינדער־יאָרן. עס האָט מיר שטענדיק, מיין פריסטער יוגנט אָן, געפעלט די מוטערלעכע ליבע און האַ ציקע וואַרעמקייט. אָ, ווען מיין מוטער וואָלט געלעבט, וואָלט אפשר מיין לעבן געהאַט אַן אַנדערן פאַרלויף.

רחלע באַפרייט זיך פון סטעפאַנס האַנט. זי איז ערנסט אַ פאַרטראַכט.

— מיין מוטער לעבט אויך נישט, — זאָגט זי טרויעריק. מיר איז ערגער פון אייך. איך האָב יאָ געפילט מיין מוטערס וו. רעמקייט און ליבע, און זי איז פּלוצלינג פון מיר אַוועקגעריסן געוואָרן... מיין פאָטער איז צאַרט און גוט. אָבער עס איז דאָך נישט קיין מוטער.

סטעפאַנען פאַלט מיטאַמאָל עפּעס איין. ער שטעלט זיך האַסטיק אויף און בייגט זיך צו נאָענט צו רחלען.

— הערט, ליבע און חשובע פרייליין...

פלוצלינג בלייבט ער שטיל. ער דערזעט עפעס דורכן פענסטער.

— אוי, — זאָגט ער, — אַ מיידל גייט אַהער. צו אייך גייט זי?

רחלע דרייט שנעל אויס דעם קאָפּ און זי ווערט אַזש בלאַס פאַר שרעק.

— גייט שוין אַוועק! מיין חברטע דינה קומט. זי גייט צו מיר. גייט שוין אַרויס!

— אָבער ווען און ווו וועל איך אייך ווידער זען?

— כ'ווייס נישט, — זאָגט רחלע אויפגערעגט, — מען וועט זיך שוין טרעפן... שנעלער, גייט שוין אַרויס, מיין חברטע זאָל אייך דאָ נישט טרעפן ביי מיר...

סטעפאַן וויל נאָך עפּעס זאָגן, אָבער דער אומגעדולדיקער בליק פון רחלעס אויגן זאָגט אים קלאָר, אַז ער מוז איצט שוין רויס. ער גיט אַ פלינקן שפרונג צו דער טיר און פאַרשווינדט שנעל.

רחלע פאַלט צוריק אויפן קישן. זי דעקט זיך אַרום און בלייבט ליגן מיט פאַרמאַכטע אויגן. איר האַרץ קלאַפּט האַסטיק און נערוועז. זי אָטעמט שנעל.

דינה קומט אַריין אַ פאַררויטלטע און לוסטיקע.

— אָ, רחל, — זאָגט זי פריילעך, — דו שלאָפסט? ס'איז דיר שוין אוודאי בעסער? ווען קומסטו אין פעלד אַריין אַרבעטן?

רחל עפנט פאַמעלעך די אויגן. זי שטרענגט זיך אָן צו זיין רויִק.

— מאָרגן.

— מאָרגן? זייער גוט. ווילסט אפשר עפּעס טרינקען אָדער עסן?

— ניין, אַ דאַנק. כ'וויל עסן צוזאַמען מיט אַלע. ס'איז מיר שוין בעסער. מאָרגן אַרבעט איך ווידער.

— מאָרגן? אוי, ווי גוט, רחלע, וועסט זיין צופרידן.

— פאַרוואָס ?

— מיר האָבן צוגעקריגן אַ פרישן חבר, אַ חלוץ. ער וועט אַרבעטן מיט אונז צוזאַמען אויפן פעלד.

— אַ פרישן חבר ? — זאָגט רחלע פאַרוואונדערט. — וועט דאָך זיין איין בחור מער ווי מיידלעך.

— איז פאַרפאַלן, — זאָגט דינה פריילעך. — איין בחור וועט שוין כסדר מוזן זיין אייפערזיכטיק און נישט צופרידן. דער־ראָזיקער איבעריקער וועט מוזן זיין דרייסטער, שטאַרקער און מוטיקער פון אַלע, כדי נישט צו בלייבן איינזאַם...

— טאַקע, דינהלע, — ביסט גערעכט. ווער איז דער בחור ?

— דער בחור ? וועסט נישט טרעפן, רחלע.

— טאָ ווער־זשע ?

— שטעל דיר פאָר — דעם פריצס זון, דער סטודענט. סטעפאַן הייסט ער. ער איז געקומען אויף אַ קורצער צייט, אָבער ער וועט שוין דערווייל דאָ בלייבן... זיין פאָטער, דער דזשעדזשיץ, איז איצט ווידער געווען אין פעלד און אונז וועגן דעם געזאָגט. חבר יאָסל איז שטאַרק צופרידן. ער האָט אַזש גע־דריקט דעם פריצס האַנט פאַר פרייד.

— דעם פריצס זון ? סטעפאַן ? — זאָגט רחלע פאַר־טראַכט. — אַרבעטן אין פעלד מיט אַלע... אַהאַ, איז דאָס אמת ?

— יאָ, יאָ, רחלע.

— חבר שעכטער איז צופרידן ?

— אוודאי.

— ס׳וועט זיין אינטערעסאַנט, — זאָגט רחלע און אירע אויגן גלאַנצן מיט עפעס אַזאַ פלאַטערנדיקן שימער. — אַ ברייט פעלד, מענטשן אַרבעטן, שניידן די זאַנגען. אַלע זענען גלייך... יידן, קריסטן... אַרבעט פאַראייניקט... דער ווינט אין פעלד גלעט אַלעמען גלייך און די אַרבעט וואַרפט אַרויס אויף יעטווערנס שטערן דעם זעלבן פערלדיקן, געזאַלצענעם שווייס. אונזער קבוצה וועט זיין אַ מוסטער פון ברידערלעכקייט. אוי, דינהלע, ווי גוט...

— אַהאַ, ביסט צופרידן, רחלע, האַ?

— יאָ. כ'וויל מיך אָנטון. כ'וועל נאָך היינט קומען אין פעלד!

זי שפירט שוין מער נישט קיין ווייטיק אין די גלידער. זי שפרינגט שנעל אַראָפּ פון בעט און נעמט זיך אָנטון.

דינה וויל פּראָטעסטירן, אָבער זי דערמאַנט זיך, אַז די קאַרטאָפל מוזן באַלד זיין פאַרטיק צום מיטאָג פאַר די חברים. זי לויפט שנעל אַריין אין קיך, גיט אַ פאַרשאַרץ אַרבל און נעמט זיך צו דער אַרבעט.

רחלע שטייט אויף אירע מידע, ווי צעבראָכענע פיס, און קוקט אַרויס מיט אַ פלאַטער אין האַרץ אין ליכטיקן, גרינעם דרויסן.

6

די טעג זענען געווען ענלעך צו זיך ווי טראָפּנס וואַסער. טעג פרייליכע, אָבער איינטאָניקע, אָן ספּעציעלער אָפּוועקסלונג דאָס לעבן אין דער קבוצה איז זיך געגאַנגען מיט אַ שוין-אויס-געטרעטענעם וועג. די טעג אין פעלד. די אָוונטן — אויף קור-צע שפּאַצירן און מנוחה. דער שניט האָט אַלעמען זייער אָנגע-שטרענגט. די תבואה האָט תיכף געמוזט געבראַכט ווערן אין שייער צוליב דער מורא פאַר רעגנס.

רחלע האָט שוין ווידער געאַרבעט אין פעלד. אירע גלי-דער, געברוינטע פון דער זון און געשטאַרקטע פון ווינט און פעלד, זענען געוואָרן טונקל און קערנדיק. יעדע ווייטיק איז איר פאַרשוווּנדן. זי האָט אָבער אַ ביסל געליטן פון דער דאָרפי-שער איינטאָניקייט און האָט שוין אין האַרץ געוואַרט אויפן ערשטן פרייטיק אָוונט און דעם שבתדיקן טאָג, ווען די אַר-בעט רוט.

זי האָט יעדן טאָג געזען סטעפאַנען אין פעלד און זי האָט געשלונגען זיין בליק. ער האָט געאַרבעט מיט אַן אַנדערער גרופּע

און זייער אויגן פלעגן זיך כסדר זוכן פונדערווייטנס. ביידע זענען געווען עפּעס אַזוי טרויעריק און פאַרקלערט.

— וואָס איז אייך, חברטע רחל? — פלעגט טײַלמאָל יאָסל שעכטער זאָגן, — עפּעס זענט איר שטענדיק אַזוי פאַרקלערט, ווי איר וואָלט געפלויגן אין די עולמות העליונים... ביי פעלד־אַרבעט דאַרף מען נישט אַזוי פיל אַריינצוקלערן קיין קאָפּ.

ער האָט איר פאַרשנד געקוקט אין די אויגן.

— אַ, ס׳איז גאָרנישט, חבר מנהל, ס׳בענקט זיך אַ ביסל אַהיים... אָבער עס וועט איבערגיין.

— ס׳וועט איבערגיין, ס׳מוז איבערגיין, — האָט יאָסל שעכטער באַשטעטיקט. — ס׳איז כמעט ביי אַלעמען אַזוי אין די ערשטע טעג. נישקשה, ס׳וועט איבערגיין.

ענדלעך איז אָנגעקומען דער ערשטער פרייטיק־צו־נאַכט. שוין אַ שטיק פאַרנאַכט זענען די חלוצים אַהיימגעקומען פון פעלד. יעדער האָט שנעל אָפּגעטון זיין אַרבעט אין קבוץ. די מיידלעך האָבן אויסגעמאָלקן די קי און די בחורים האָבן געמאַכט אָרדענונג אין שייער און אַרומגעפּוצט די פערד.

רחלע האָט זיך געגרייט צום שבת. זי האָט אַרויסגענומען פון איר גרויסן טשעמאָדאַן די שיינע קליידלעך, די געפּאַסטע בלוזקעלעך און די שטאָטישע שיך מיט די דינע, גלאַנציקע זאָקן צו דער פרייטיק־צו־נאַכטיקער וויעטשערע — האָט זי געטראַכט מוז זי זיך ספּעציעל אויספּוצן. נאָך אַ וואָך פון אָנגעשטרענגטער און שווערער אַרבעט, איז דער רו־טאָג באַזונדער ליב און טייער. אויך סטעפאַן איז איינגעלאַדן צו דער וויעטשערע. ער וועט קומען, — האָט ער געזאָגט, — די בשותפותדיקע אַרבעט אין פעלד, צוזאַמען מיט די יידן, האָט אים אַזוי דערנעענטערט צו זיי, אַז אויך דער יידישער שבת — האָט ער פאַרשעמט געשמייכלט — איז אים איצט עפּעס אַזוי ליב און נאָענט געוואָרן...

רחלע איז געשטאַנען אין דער טונקעלער קאַמער און זי געווען דעם גאַנצן קערפּער. זי האָט אַלע מאָל געכאַפּט אַ קוק צום הויכן פענסטער־אויסשניט, ווי צו עפּעס אַ גרויס גליק

וואָס ווינקט נדראָפּ צו איר. ווען זי איז שפּעטער אַריינגעקומען אין עסצימער אַן אַרומגעוואַשענע און אַן איבערגעטוענע, זענען די בחורים געבליבן שטיין אַזש פאַרבליפטע, מיט אויפגעריסענע אויגן און מיילער.

— רחלע, — איר זענט דאָך גאָרנישט צו דערקענען... גאָרנישט די זעלבע, — האָט יאָסל שעכטער געזאָגט מיט התפעלות. — עס אָטעמט דאָך איצט פון אייך מיט אמתן שבת, מיט נשמה יתרה...

— אַזוי איז עס, — איז פּלוצלינג דער ליטוואַק, שלום קאַגאַן, פון ערגעץ אויסגעוואַקסן. — אַ נשמה — אַ ראָזשינקעלע. חי נפשי — אַ קראַסאַוויצע. נאָך שענער ווי פריער. וואָס דען? פעלד-אַרבעט מאַכטן שיין! — האַ, חבר מנהל?

יאָסל שעכטער האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט געוואָלט זאָגן רחלען עפּעס האַרציקס, עפּעס וואַרעמס. זיין האַרץ האָט אַזוי אומרויִק געקלאַפּט, אָבער דער ליטוואַק איז נישט אָפּגעטרעטן און האָט ביידע געמוסטערט מיט אַ ממזריש שמייכעלע.

— אָט גייט דאָך סטעפאַן — האָט פּלוצלינג די גראָבע ביילע אַ רוף געטון.

אין חדר-האוכל איז געוואָרן אַ שטיקל באַוועגונג. יעדער האָט זיך באַמיט צו זיין פאַרנעם און פיין, ווי עס פּאַסט פאַר גרויס-שטאָטישע, נישט פאַר קיין פּראָסטע פעלד-אַרבעטער.

סטעפאַן איז אַריינגעקומען. ער האָט נישט געזאָגט „דאָברי וויעטשור", נאָר אומגעריכט, אויף יידיש — „גוט-שבת". חברה איז געווען פאַרבליפט און זיך פאַרוווּנדערט איבערגעקוקט. פון-וואַנען האָט ער עס שוין געוווּסט?

מען האָט זיך געזעצט צום טיש. עס האָבן געברענט צוויי ליכט, וואָס האָבן אַזוי פייערלעך געפינקלט און פאַרשפּרייט אַרום אַ שבתדיקע הייליקייט.

— חברטע דינה, — האָט רחלע זיך האַסטיק געגעבן אַ שטעל אויף פון טיש, — איך וועל דיר העלפן דערלאַנגען דאָס

עסן פאַר דער חברה. ס'איז שבת, ס'איז פריילעך, ווייל איך מיך אויך אַרומפאָרען. איך קאָן, וועסט זען.

— נאָך וואָס? — האָט יאָסל שעכטער אַזש רירנד געזאָגט. — זיץ, רחלע. ס'איז דאָ, ווער עס זאָל דערלאַנגען צום טיש.

— כ'וויל נישט, כ'וועל צוהעלפן, — איז רחל געבליבן פאַרעקשנט.

סטעפאַן האָט נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון איר.

— זאָל זי, פאַניע שעכטער, — האָט ער זיך איינגעשטעלט פאַר רחלען. — אַז עס פאַרשאַפט איר פרייד, טאָ פאַר וואָס נישט?

מיט איין שפרונג איז רחלע שוין געווען אין קיך, און באַלד איז זי צוריקגעקומען איינגעהילט אין אַ ברייט פאַרטוך און מיט אַ גרויסן און פולן טעלער זופּ, וואָס זי האָט פאָרזיכטיק און לאַנגזאַם געטראָגן, כדי נישט אויסצוגיסן אַ ביסעלע. זי האָט אַוועקגעשטעלט דעם ערשטן טעלער ביי אַ חבר און איז שנעל אַריין נאָך אַ צווייטן. אַזוי עטלעכע מאָל, ביז ס'איז געקומען די ריי אויף סטעפאַנען, וואָס איז געזעסן אויסגעמישט צווישן אַלע חברים און חברות.

רחלע איז אָנגעקומען פון קיך מיט אַ פולן טעלער זופּ ביז צו די ברעגן. זי האָט אים געטראָגן אַזוי לאַנגזאַם, באַזאָכט און פאָרזיכטיק, ווי זי וואָלט געטראָגן עפּעס אַ גרויס גליק מיט זיך און זי האָט מורא, זי זאָל עס נישט פאַרלירן. זי האָט דעם טעלער אַוועקגעשטעלט פאַר סטעפאַנען און אים אַ קוק געטון אין די אויגן אַריין.

— דאָס איז פאַר אייך, פאַניע סטעפאַניע, עסט, און לאָמיך הערן, וואָס איר זאָגט צו יידישע, שבתדיקע מאכלים.

— אָ, איך דאַנק אייך, פאַננאָ ראַכעלאָ. ווי די מאכלים זאָלן נישט זיין, האָבן זיי אָבער שוין אַ באַזונדערן טעם, וואָס איר האָט זיי דערלאַנגט — האָט ער מיט התפּעלות געזאָגט.

— ער איז גאָרנישט קיין יאָלד, סטעפאַן, עץ הערט,

חברה, הלוואי לעב איך אַזוי — האָט שלום קאַגאַן אַ מורמל געטון.

— נישט דיין דאגה, — האָט שעכטער, אַ ביסל אויפגע־רעגט, געזאָגט, — זיץ רויִק און מאַך נישט אָן קיין טומל, ס׳פּאַסט נישט.

שלום קאַגאַן האָט ממזריש אַ שמייכל געטון און אַ צופּ גע־טון חיהלע פעלדשטיין ביי אַ האַנט.

— זעסט, חיהלע, גיב נאָר אַ קוק. דו זעסט, דו הערסט, און איך ווייסט נישט, צי דו זעסט עפּעס...

— כ׳זע, כ׳זע, מיינע אויגן ליגן נישט אין קימפּעט...

— אויב אַזוי, — האָט קאַגאַן אַ וויַיז געטון זיינע ציין, — האָב איך הנאה פון דיר. נאַדיר אַ יד און קלאַפּ איין...

7

נאָכן עסן האָט חברה זיך אַ לאָז געטון מיט ברען טאַנצן אַ הורא. אַלע זענען געווען מיד פון אַ גאַנצן טאָג אַרבעט. יע־דער האָט מיט פאַרגעניגן אַ טראַכט געטון וועגן אַוועקלייגן זיך אויף חלוצישן בעטל און אויסרוען די אָנגעשטרענגטע גלידער, אָבער דער געדאַנק וועגן שבת, וועגן מאָרגנדיקן רו־טאָג, האָט אַלעמען אויפגעמונטערט און פאַריאָגט די מידקייט.

עס האָבן זיך פלוצלינג, מיט איין מאָל אַ פאַרפלעכט געטון האַנט אויף אַקסל, האַנט אויף אַקסל, און באַלד האָט זיך אין חדר־האוכל צעשטורעמט אַ פייערדיקער הורא.

טייל חלוצים און חלוצות האָבן צוגעפּאַטשט מיט די הענט און צוגעזונגען צום טאַנץ. די איבעריקע האָבן מיט פאַר־ריסענע קעפּ און פאַרפלאַמטע פּנימער זיך אַ לאָז געטון אין אַ ראָד.

חולו מחול ההורא,
חולו נא, חולו נא.

יחד נבנה הארץ
בשירה וברקודים.

יאָסל שעכטער האָט נישט געטאַנצט. ער האָט מיט אַ טרויעריקן און פאַרטראַכטן בליק געקוקט ווי רחל לויפט שנעל, ווי אונטערטאַנצנדיק, הין און צוריק פון צימער אין קיך און פון קיך — אין צימער און העלפט דער חברטע דינה איבערטראָגן די ליידיקע טעלער אין קיך אַריין און ריין מאַכן דעם טיש. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז זינט רחל איז אין דער קבוצה, האָט ער זי נאָך נישט געזען אַזאַ לעבעדיקע, אַזאַ באַוועגלעכע און פריידיק-אויפגערעגטע, ווי איצט. צופעליק איז זיין בליק געפאַלן אויף סטעפאַנען. יענער איז געשטאַנען אַרום גרויסן טאַנצנדיקן ראָד און געקוקט פאַרגאַפט אויפן פייערדיקן געבראַוז פון די אימאַזוי פרעמדע יונגע מענטשן. עס האָט אויסגעזען, ווי דערדאָזיקער הורא-טאַנץ וואָלט אינגאַנצן פאַרשלונגען זיין בליק און זיינע געדאַנקען; עס איז אָבער געגוג געווען, אַז רחלע, אַ פריילעכע, אַ פליענדע, זאָל זיך אַ באַוויַיז טון פון קיך מיט איר גרויסער שירץ און צעפלאָמטע באַקן, און באַלד איז סטעפאַ ווי פאַרשלונגען און מיטגעריסן געוואָרן דורך איר יוגנטלעכקייט און איר ווייבלעכן רייץ. ער האָט כלומרשט געקוקט אויף די הורא-טענצער, אָבער מען האָט באַמערקט, אַז ער זעט דאָר גאָרנישט, אַז מיט אַלע זיינע געפילן און געדאַנקען איז ער ביי רחלען.

יאָסל שעכטער האָט אַ שטילן זיפץ געטון און איז צו צו דער חברטע פעלדמאַן.

— חוהלע, — האָט ער מיט אַ געמאַכטער לעבהאַפטיקייט געזאָגט, — גייסט אפשר שפּאַצירן? ס'איז דאָ שרעקלעך הייס און אין דרויסן איז אַ פרעכטיקער אָוונט. כ'וויל אין איינוועגס אַ קוק טון צו דער הינער-שטייג. די הינטערשטע דראָטענע וואַנט מוז זיין דורכגעריסן. אַ טכויר האָט זיך פאַרגאַנגענע נאַכט אַהין, פאַרגנבעט און דערשטיקט די בעסטע הון.

— וואָס רעדסטו? — האָט חוהלע זיך אַזש דערשראָקן. —

אַ טכויר ? דאָס פעלט אונז נאָך אין דער קבוצה. קום, לאָמיר גיין צו דער הינער־שטייג. מען מוז זי גוט פאַרפאַנצערן, אַנישט — איז אויס מיט די עופות. מען זאָל אָפּגעהיטן ווערן וואָס אַ טכויר איז.

זי האָט אים אַ כאַפּ געטון אונטערן אָרעם אוןביידע זע־נען אַרויס.

דער טאַנץ האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו ווערן שוואַכער. איינצלנע חברים און חברות האָבן זיך גענומען אַרויסשאַרן פון צימער און פאַרשווינדן אויף יענער זייט פון ברייטן און לאַנגן שליאַך, ווו עס האָט אַזוי שטיל און פאַרחלומט געמורמלט אַ גרוי־סער און ברייט־צעוואַקסענער סאָסנע־וואַלד.

אַ קליינע גרופּע חלוצים און חלוצות האָט נאָך ווייטער, צע־פלאַמט און פאַרטראָגן, געטאַנצט דעם הוירא און ווי פאַרגעסן אין אַלץ און אין אַלעמען אַרום.

סטעפאַן האָט זיך פּלוצלינג דאָ דערפילט אַן איבעריקער און פרעמדער. ער האָט זיך גענומען אומרויִק אַרומקוקן איבערן צי־מער. קיינער האָט אים ווי נישט באַמערקט. ער האָט געזוכט רחלען, אָבער זי האָט זיך נישט מער געוויזן. ער איז געוואָרן אומרויִק. דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט אויפגערעגט. ער איז אַזוי טרויעריק געוואָרן, אַז אַלץ אַרום האָט פאַרלוירן פאַר אים יעדן אינטערעס. ער האָט זיך נאָך עטלעכע מאָל אומרויִק אַרומ־געקוקט, דאַן האָט ער אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ צו אַלע און צו קיינעם נישט און איז שנעל אַרויס.

אינדרויסן האָט געהערשט אַ טיפע פינסטערניש. דער הימל איז געווען געדיכט באַלייגט מיט שוועבנדע וואָלקנדלעך, וואָס זענען שנעל, שנעל געלאָפן, ווי עס וואָלט זיי ווער געיאָגט. בלויז פון צייט־צו־צייט האָט אַ זילבערן שטערנדל זיך דורכגעריסן דורך די וואָלקנס, האָט אַ שטילן בליץ געטון מיט אַ פינקלענדיק אייגל אויף גאָטס פינסטערער וועלט און איז באַלד ווידער פאַרשוונדן געוואָרן.

סטעפאַן איז געגאַנגען לאַנגזאַם איבערן גרויסן הויף און מיט ווייטיק געטראַכט, אַז רחלע ליגט שוין אוודאי אַ מידע און

פעסט־שלאָפנדיקע אויף איר בעטל. ס'איז נישט קיין וווּנדער, זי אַרבעט אַזוי שווער און אָנגעשטרענגט אַ גאַנצע וואָך. אָבער פאַרוואָס האָט זי זיך נישט מער געוויזן?... פאַרוואָס איז זי אַזוי פּלוצלינג, און אָן אַ וואָרט צו זאָגן, פאַרשוווּנדן?

פון גרויס אויפרעגונג און ווייטיק האָט ער באַשלאָסן צו גיין שלאָפן. ער וועט פאַרשלאָפן די שטילע, נאָגנדיקע בענקשאַפט. מאָרגן וועט ער פרי אויפשטיין און רחלען ווידער זען. ער האָט זיך שנעל געלאָזט צום פּאַראַד־איינגאַנג פון גרויסן געמויערטן בנין, וואָס פירט צו זיין שלאָפצימער.

פּלוצלינג האָט ער אויפגעציטערט. עס האָט זיך דערהערט אַ פאַרדעכטיקער שאָרך צווישן די נידעריקע טאָפּאָליע־ביימלעך. ער האָט זיך באַמיט דורכצודרינגען מיט זיין בליק די טיפע פינסטערניש און זיין האַרץ האָט פריידיק אַ צאַפּל געטון.

— ראַכעלאָ... דאָס זענט איר?...

— יאָ... סטעפאַן, איר גייט שוין שלאָפן?...

סטעפאַן האָט אַ כאַפּ געטון רחלעס האַנט.

— ראַכעלאָ, איך זוך דאָך אייך... ווו זענט איר געווען?

— שאַ, רעדט נישט אַזוי הויך... כ'וויל נישט, מען זאָל אונז דאָ הערן...

סטעפאַן האָט אַ כאַפּ געטון איר אָרעם און זי אַ צי געטון צו זיך.

— איר שעמט זיך מיט מיר, רחלע?

— ניין, אָבער איך בין אַ יידיש מיידל, וואָס גרייט זיך צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. איך בין דאָ צוזאַמען מיט אַזוי פיל יידישע יונגעלייט און מיידלעך. איך אַרבעט מיט זיי און טרוים צוזאַמען מיט זיי וועגן אַ בעסערער צוקונפט. און איר... סטעפאַן, איר זענט — אַ קריסט.

— יאָ, איך בין אַ קריסט, — האָט סטעפאַן שטיל געזאָגט. — אָבער, רחלע, איך — האָב אייך ליב... איר האָט מיך באַצווינגען מיט אייער רייץ. איר האָט צעפלאַקערט אין מיין האַרץ אַ שטורעם פון הייליקער ליבע, וואָס איז מיר ביז איצט אַזוי פרעמד געווען... רחלע...

— יאָ, איך גלייב אייך, סטעפאַן, — האָט רחלע שטיל און טרויעריק געזאָגט, — אָבער איך קען אייך נישט און ווייס נישט, ווער און וואָס איר זענט... איר קומט איצט פון דער גרויסער שטאָט, פון אוניווערסיטעט, איר פאַרשטייט? אַזוי פיל נעבעכ־דיקע יידישע קאַלעגן, פאַר וועלכע קיינער נעמט זיך נישט אָן... און דאָ דערזעט איר פלוצלינג אַ יידיש מיידל און שוין זאָגט איר, אַז איר האָט זי ליב?... דאָס רופט איר ליבע?...

סטעפאַן איז טרויעריק שטיל געבליבן און פאַרעקשנט גע־שוויגן. ער האָט געהאַלטן רחלען אונטערן אָרעם און זי שווייגנ־דיק צוגעפירט צו דער גרויסער באַנק ביי דער גאָרטן־אַלטאַנע, וואָס איז געווען באַפלאָכטן מיט וויינטרויבן־בלעטער און בלומען.

זיי האָבן זיך שטיל אַוועקגעזעצט. רחלע האָט געפרוווט אין דער פינסטערניש אויפצוכאַפּן סטעפאַנס בליק, אָבער ער איז געזעסן טרויעריק און פאַרטראַכט, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און גאָר־נישט געענטפערט.

— סטעפאַן, פאַרוואָס שווייגט איר? פאַרוואָס רעדט איר גאָרנישט? כ'האָב אייך באַליידיקט, פילט איר זיך געטראָפן פון מיינע רייד? זאָגט, סטעפאַן, גלייבט מיר, כ'האָב נאָר גלאַט אַזוי גערעדט... געשפּאַסט אַ ביסל. זייט נישט אין כעס אויף מיר, איך בעט אייך.

סטעפאַן האָט פלוצלינג אַ הייב געטון רחלעס האַנט צו זיי־נע ליפּן און זי הייס געקושט.

— רחלע, טייערע, איר האָט נישט געשפּאַסט... איר האָט אפשר נישט ווילנדיק געזאָגט דעם אמת... איך בין נישט אין כעס אויף אייך. פאַרקערט... ווי קאָן איך וואַגן אויף אייך אין כעס צו זיין... איך דאַרף פאַלן צו אייערע פיס און בעטן וועגן פאַרגעבונג, ווייל איך בין אומווירדיק... איך בין נישט ווערט אייער תמימותדיקע ערלעכקייט און אויפריכטיקייט.

רחלע האָט אַזש אַ ציטער געטון און אַ הייסער שטראָם איז אַדורך איבער איר גאַנצן קערפּער.

— סטעפאַן, איר שרעקט מיך... איך האָב געזאָגט דעם אמת? זאָגט, איך בעט אייך... אָדער זאָל איך אפשר אַוועקגיין און אייך נישט מער קווענ?...

— ניין, רחלע, — האָט סטעפאַן זי נערוועז אַ כאַפּ געטון פאַרן אָרעם, — גייט נישט, זיס קינד, פאַרלאָזט מיך נישט, ווייל אָן אייך וועל איך מער נישט לעבן, ווייל אָן אייך איז פאַר מיר שוין אַלץ געענדיקט... איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, איך וועל אַלץ דערציילן, אָבער... נישט איצט. שפּעטער. קומט, לאָמיר גיין פון דאַנען. כ'וויל מיך אַריינזעצן אין דער פינסטערער אַלטאַנע, כדי איר זאָלט אינגאַנצן נישט קאָנען זען מיין פנים...

זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט און אַ לאַנגע צייט שווייגנדיק שפּאַצירט איבערן גרויסן פּריצישן הויף. דער הונט האָט ערגעץ אין אַ וווייט ווינקל פון אויבסט־גאָרטן שטיל און טרויעריק געבילט. דער צפון־הימל האָט זיך ביסלעכווייז געוומען באַפרייען פון די צעריסענע שטיקלעך וואָלקנס און די שטערן־גרופּע דער „גרויסער בער", מיט זיין לאַנגן עק איז ברייטהדיק געלעגן אין שוואַרצן אָונט־הימל און ווי אויפמערקזאַם און פאַרוווּנדערט באַטראַכט די צוויי יונגע מענטשן.

סטעפאַן האָט געהאַלטן רחלעס קליינע, וואַרעמע הענטל אין זיין גרויסער מענערישער האַנט, ער האָט געפילט ווי דורך אַט דער דאָזיקער פאַרבינדונג שטראָמט אַ וואַרעמע, ליבע האַרציקייט צו אים, וואָס פילט אָן און באַהערשט זיין גאַנץ וועזן.

— מיר איז אַזוי גוט מיט אייך, רחלע. נאָר שווייגט שטיל, רעדט גאָרנישט, וועלן מיר אַזוי צוזאַמען שפּאַצירן. די בלויזע באַרירונג מיט אייך מאַכט מיך גליקלעך... איר זענט אַ שלעכטע, איר האָט געראבט די רו פון מיין האַרץ...

אַ וואַרעם, גלעטנדיק ווינטעלע האָט געראַשט צווישן די קליינע גאָרטן־ביימלעך. זיי האָבן אַזוי שטיל און געהיימנישפול געמורמלט, ווי זיי וואָלטן זיך דערציילט עפּעס אַ גרויסן סוד...

ס'אי געוואָרן שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. ביידע זענען

שוין געווען זייער מיד. ביי די חלוצים איז שוין געווען אינגאַנצן טונקל און אַלע זענען שוין פון לאַנג געשלאָפן.

סטעפאַן האָט פעסטער אַ דריק געטון רחלעס אָרעם און זי אַריינגעפירט אין דער טונקעלער אַלטאַנע.

— זיצט, רחלע, — האָט ער שטיל און גערירט געזאָגט, — איצט וועל איך פאַר אייך אַלץ דערציילן. איר וועט מיך דאַן קאָנען פאַרמשפטן און פאַרשטויסן פון זיך, אָדער מוחל זיין און מיך מקרב זיין מיט אייער גנאָד...

רחלע איז געזעסן מיט אַ קלאַפנדיק האַרץ. זי האָט געפּרוווט אַ קוק טון סטעפאַנען אין די אויגן אַריין, אָבער ס'איז געווען אַזוי פינסטער, אַז זי האָט גאָרנישט געזען.

— אַזוי שווער האָט איר געזינדיקט, סטעפאַן?

— יאָ, רחלע, געזינדיקט... קעגן מענטשן, נעבעכדיקע און געפּלאָגטע... אייער פאָרגעפיל האָט אייך נישט גענאַרט... איך קום איצט פון דער גרויסער שטאָט, ווי עפּעס אַן אַנטלאָפענער פון אַ גרויסער וועלפישער סטאַדע...

— פאַרוואָס באַשמוצט איר אייך אַזוי, סטעפאַן?

— ווייל איצט, אין פערספעקטיוו, און מיט אייך דאָ ביי דער זייט, פיל איך אַרויס און זע איין די געמיינהייט פון אונזער האַנדלונג לגבי אייגענע חברים...

— איר האָט זיי זייער שלעכט באַהאַנדלט... האַ, סטעפאַן?

סטעפאַן האָט אַ שווערן זיפץ געטון.

— יאָ. כ'האָב דאָך אייך געזאָגט: ווי אַ וואָלף אין אַ גרויסער וועלפישער סטאַדע, וואָס ווערט מיטגעריסן פון בלויזן אימפּעט... ווייל איצט פרעג איך מיך אַליין, וואָס האָב איך געטון?...

רחלען איז אַדורך אַ שוידער איבערן רוקן. עס איז איר עפּעס אַזוי אומהיימלעך געוואָרן. זי האָט אינסטינקטיוו אַרויסגענומען איר האַנט פון זיינער און זיך אַ ביסל אָפּגערוקט.

סטעפאַן האָט מיט גאָרנישט רעאַגירט. ער האָט ווייטער גערעדט ווי צו זיך אַליין.

— פאַרוואָס?... איצט פרעג איך מיך אַליין. פאַרוואָס?

איצט, ווען דער אימפעט און די אונטערגעהעצטקייט איז אַוועק, וויל איך וויסן פאַרוואָס איז מיין אַלטער שול־קאָלעגע בערענ־שטיין, וואָס האָט מיר שטענדיק געגעבן אויפשלוס איבער פאַר־שידענע שווערע פראַגן, סיי אין דער לערע, סיי אין טאָג־טעג־לעכן לעבן, פאַרוואָס איז ער עס פּלוצלינג געוואָרן מיין בלוטי־קער שונא ?... האַ ?

— ער האָט אייך עפּעס שלעכטס געטון ? — האָט רחלע מיט אַ ציטערנדער און קוים־הערבאַרער שטימע געפרעגט.

— ניין, גאָרנישט, — אָבער מען האָט מיר אַזוי לאַנג איינ־גערעדט, ביז כ׳האָב אָנגעהויבן אַליין צו גלייבן, אַז ער און נאָך אַזעלכע ווי ער זענען מיינע בלוטיקע שונאים...

— און איר האָט אים עפּעס שלעכטס געטון ?

— אפשר נישט אים פערזענלעך. אָבער כ׳האָב באַליידיקט זיין מענטשלעכע ווירדע, ווען כ׳האָב צוזאַמען מיט אַ גאַנצער כאַפּטע געריטשעט ווי אַ ווילדע חיה : לינקס... נידער !

— זיין מענטשלעכן כבוד האָט איר געטרעטן ? — האָט רחלע שטיל און טרויעריק געזאָגט. — ניין, סטעפאַן, אייער איי־גענעם כבוד האָט איר דעמאָלט מיט די פיס געטרעטן... אַנט־שולדיקט, סטעפאַן.

— יאָ, רחלע, אַזוי איז עס... אָבער אים און נאָך פיל אַזעלכע זיינס און דיינס גלייכן האָב איך שלעכטס געטון און אָנ־געפילט זייערע הערצער מיט אַזוי פיל ביטערניש און האַס...

— איר האָט אַ טעות, סטעפאַן. מיט ביטערניש יאָ, אָבער נישט אַזוי פיל מיט האַס, ווי מיט מיטלייד. מיטלייד און מיט־געפיל צו דידאָזיקע מענטשן און זייער פאַרבלענדקייט.

סטעפאַן האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט. ער איז פּלוצלינג אַזוי דרייסט געוואָרן און פריי, ווי ער וואָלט מיטאַמאָל אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך אַ שרעקלעכע משא, וואָס האָט אים געדריקט. ער האָט אַ כאַפּ געטון רחלעס האַנט און זי צוגעדריקט צו זיי־נע ליפּן.

— רחלע, — האָט ער מענעריש־דרייסט אַ זאָג געטון, —

דו האָסט מיך איצט פֿיינט, איך פֿיל עס און דו ביסט גערעכט! איך שעם מיך פֿאַר דיר.

— איך האָס נישט קיינעם, סטעפֿאַן. און אייך... און דיך... אוודאי נישט. פֿאַרקערט, איך נעם צונויף מיין גאַנצן מיידלישן מוט, כּדי עס דיר צו זאָגן: דו ביסט מיר ליב און טייער, ווייל דו ביסט אַ זינדיקער, וואָס האָט חרטה געהאַט אויף זיינע ביז־איצטיקע מעשׂים און פֿון דיר איז נאָך צו דערוואַרטן זייער פֿיל...

— דו ביסט געווען מיין ליכטיקער שטראַל, וועלכער האָט מיך אין מיין פֿינסטערניש באַלויכטן דעם וועג.

— יאָ, טייערער סטעפֿאַן. איך, זאָגסטו?... המם. דיין מע־נעריש בלוט האָט מן הסתּם אַ רעד געטון און ביסט גרייט דער־פֿאַר צו געבן יעדן פּרייז... טאָמער וועט „דאָס" אויפֿהערן, ביסטו צוריק דער זעלבער...

סטעפֿאַן איז, ווי געוואָרפֿן פֿון עמעצן, אַ פֿאַל געטון צו רחלעס קני און איינגעגראָבן זיין פּנים אין אירע הענט. זי האָט דערפֿילט אויף אירע שלאַנקע און שמאָלע פֿינגער הייסע, קאָ־פּאַנדע טרערן.

— פֿע, — איז רחלע אַ שפּרונג אויף געטון און אַ כאַפּ אָוועק געטון די הענט, — דו פֿאַרלירסט דאָדורך ביי מיר דיין גאַנצע מענלעכע ווירדע. וויינסט ווי אַ יידענע. כ'האָב דאָס נישט ליב. אַ מאַן דאַרף זיין שטאַלץ און עקשנותדיק מוטיק.

זי איז צו צו אים און פֿיל מיט ליבע און וואַרעמקייט אים געהאָלפֿן צוריק אויפֿשטיין.

— ליבער סטעפֿאַן, דו פֿאַרגעסט אָבער איין זאַך — איך בין אַ יידיש מיידל. האָסט שוין באַוויזן אין די עטלעכע טעג וועגן דעם אַ טראַכט צו טון?...

סטעפֿאַן האָט זיך אויפֿגעשטעלט. ער איז צוריק געוואָרן דער מוטיקער מאַן.

— ניין, רחלע. איך וויל וועגן גאָרנישט טראַכטן. איך ווייס בלויז, אַז איך האָב דיך ליב און בין פֿאַר דערדאָזיקער ליבע אויף אַלעם גרייט.

— אפילו מיט מיר צו פאָרן קיין ארץ־ישראל? — האָט רחלע לעבהאַפט אַ פרעג געטון.

סטעפאַן האָט זי פעסט אַ נעם אַרום געטון ביי דער שלאַנקער טאַליע און זי געטון אַ צי־צו צו זיך.

— יאָ, מיין טייערע רחלע, אפילו מיט דיר צו פאָרן קיין ארץ־ישראל און צוזאַמען מיט דיר באַארבעטן די יידישע ערד.

ער איז פלוצלינג שטיל געבליבן. איר וואַרעמער, צאַפּלדיקער קערפּער אין זיינע אָרעמס האָט אים פאַרשיכורט. ער איז געוואָרן ווי עלעקטריזירט. ער האָט נאָך אָבער געהערשט איבער זיך, און צובייגנדיק זיין פּנים נאָענט צו אירס, האָט ער הייס און אויפגערעגט־סאַפּענדיק אַ פרעג געטון.

— און דו, טייערע רחלע מיינע, האָסט מיך ליב?

— יאָ, מיין טייערער סטעפאַן, — האָט רחלע אַזש מיט ווייטיק געענטפערט.

— אפילו צו בלייבן מיט מיר דאָ און צו באַארבעטן צוזאַמען דידאָזיקע ערד?

רחלע האָט אַ פאַרלייג געטון אירעביידע שלאַנקע הענט אַרום זיין שטאַרקן מענערישן האַלז און איז אַ פאַל געטון מיט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל.

— יאָ, מיין טייערער, אפילו דאָ בלייבן מיט דיר און צו באַארבעטן צוזאַמען דידאָזיקע ערד.

ער איז אַ פאַל צו געטון מיט זיינע הייסע ליפּן צו איר זאַפטיק, רייצנדיק מויל און ביידע זענען לאַנג נאָך געבליבן פאַרגליווערט אין אַ הייסן, אויפשווידערנדיקן קוש.

דער ווייטער מזרח־הימל האָט אָנגעהויבן צו שאַריען אויף טאָג און דינע, ציטערנדיקע זון־שטראַלן, אַן אָנזאָג פון דער קומענדער ליכטיקער זון, האָבן מיט העל־גאָלדענער פרייד באַלויכטן ביידע יונגע מענטשן.

סוף